ב"ה

# אין ליכט פון תורה

ספר

# מדרש חכמים

## סדר שמות

אידיש

**431**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשמ"ו לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# ספר
# מדרש חכמים
## על התורה
## סדר שמות

דאס האבן מיר מעתיק געווען פון הייליגע ספרים און טייערע פירושים על התורה, אלשיך הקדוש, אור פני משה, נחל קדומים, אור החיים, כלי יקר, אור הגנוז.
מיר ציינן מיט דעם דאס אלעס וואס געפינט זיך אין די ספרי מוסר, געפינט זיך דאס אלעס אין די הייליגע תורה, דאס וועט דער קוויקען אלע מענטשען וואס וועלן דאס לערנען, צו וויסן פון דעם ווי יעדער יוד זאל זיך נוהג זיין אין אלע זאכען, ער זאל זוכה זיין לעולם הבא.

נעתק ממני יונה דוד ראבינאוויץ מסעמיאטיין.

בהוצאות בית מסחר הספרים של יעקב הכהן גינזבורג באברויסק

**הוצאת אמונה**

ברוקלין נוא יארק, שנת תשמ״ו לפ״ק

**א ואלה** וגו׳ דער אור פון משה טייטשט אזו . דיא גמרא זאגט בשביל דברים הללו נגאלו אבותינו ממצרים פון וועגין דעם זכות פון דיא זאכין זענען אונזערע עלטערין אויס געלייזט געווארין פון מצרים בשביל שלא שינו את שמם וגו׳ ווייל זייא האבין ניט פאר ענדערט זייערע נעמען והיו גדורים מעריות אונ ווייל זיי זענען געווען פאר צאמט אין זנות . זייא האבין ניט מזנה געווען . אונ דער זהר שרייבט אז ווען די ישראל זענען אין חוץ לארץ ווערין זייא גירופין בני יעקב . אונ ווען זיי זענען אין ארץ ישראל ווערין זייא גירופען בני ישראל דאס איז דיא כוונה אין פסוק וא״ה רש״י שרייבט אין פולערטער אז ווען עס שטייט ואלה מיט איין וי״ו צום אנהייב מוסיף על הראשונים קומט דאס צוא מערין אויף דעם וואס פריער שטייט . איז דער טייטש ואלה אונ דיא דאזיגע אזו וויא דיא ערשטע אבות אברהם יצחק ויעקב זענען געווען צדיקים איז דיא דאזיגע צוועלף שבטים זענען אויך צדיקים שמות בני ישראל ווען זיי זענען גיקומען אין ארץ ישראל האבין זייא גיהייסין מיט דיא זעלביגע נעמען הבאים מצרימה וואס האבין זיך גירופין ווען זיי זענען גיקומען קיין מצרים בני יעקב וואס דאמאלס האבין זייא גיהייסין בני יעקב . כלומר זייא האבין ניט פאר ענדערט זייערע נעמען . אונ אויך איש וביתו באו ווען זייא זענען גיקומען אין איין ארט זענען זייא גיקומען יעדער מאן מיט זיין הויז גיזונד . כלומר זייא האבין נישט מזנה געווען מיט פרעמדע ווייבער . איבער דעם זענען זייא געווארין אויס גילייזט פון מצרים . נמצא דארפין מיר אויך זעהן צו זיין נזהר אין דיא זאכין וועט השי״ת אויף אונז מרחם זיין אונ וועט שיקין דעם גואל צדק במהרה בימינו אמן : (ח) ויהי כל נפש יוצאי ירך יעקב שבעים אונ ווען אויך אלע נפשות פון יעקב זענען געווען זיבציג פון דעסטוועגין נפש הייסין זיי אלע איין נפש . זיי זענען געווען שלום ואחדות אייגער מיט דעם אנדערן אונ אלע זענען געווען צדיקים אונ זענען נזהר געווען אין דיא זאכין וואס פריער שטייט ויוסף היה במצרים גלייך וויא יוסף ווען אויך ער איז געווען אין מצרים אמקום טומאה פון דעסטוועגין איז ער געווען נזהר אין דיא זאכין ער האט ניט גיוואלט מזנה זיין מיט פוטיפרס ווייב אונ אויך האט ער נישט משנה געווען זיין לשון . אזו וויא דער שר המשקים האט גיזאגט צוא פרעה אז יוסף איז נער עברי שרייבט רש״י לשונינו אינו מכיר ער קען נישט רעדין אונזער לשון . נאר ער רעד לשון עברי לשון הקודש אונ ווען אויך פרעה האט איהם גימאכט פאר איין שליט אין מצרים אונ האט איהם גירופן איין אנדערע נאמען צפנת פענח . אבער יוסף בייא זיך האט ער זיך גירופען דעם זעלביגין נאמען יוסף . אונ נאך ווייזט דער פסוק מען זאל זיך אפ לערנען אמוסר אזוי וויא יוסף איז געווען אצדיק הן ווען ער איז געווען שפל ער איז געווען אעבד . הן ווען ער איז געווארין גרויס . אזוי בדארף יעדער מענטש אזו זיין הן ווען ער איז שפל ועני בדארף ער נישט קורא תגר זיין אויף גאט חלילה . אונ ווען ער איז אעושר בדארף ער זיך נישט האלטין בגאוה נישט צוא פאר געסין אין גאט : (ו) וימת וגו׳ דיא גמרא זאגט אוי לרבנות שמקברת את בעלי׳ עס איז וויא ווען דער מענטש האט עפעס אשררות איז עס איהם גורם אז ער שטארבט פאר דיא צייט . דאס זאגט דער פסוק וימת יוסף ווייל יוסף איז געווען אשליט . ווען אויך ער איז געווען אצדיק פון דעסטוועגין פון וועגין זיין שררות איז ער גישטארבין פריער אונ דער נאך וכל אחיו וגו׳ זענען גישטארבין זייגע ברודער אונ דער גאנצער דור : (ז) ובני ישראל פרו וישרצו וירבו אונ

די קינדער ישראל האבין זיך גיפרוכטבארט און גימערט. זאגט דער פסוק ויעצמו
ווייל זייא האבין זיך גישטארקט במאוד מאוד אין דיא מדה ענוות וואס דיא גמרא
זאגט אויף דעם דיא ווערטער מאוד מאוד הוי שפל רוח זעהר און זעהר בדארפסט דו
מענטש צו זעהן צוא זיין אעניו. ותמלא הארץ אותם און דיא ערד איז גיוועזן פול
מיט זייא. אזוי וויא דער מדרש זאגט אז ווען דיא גזירה איז גיוועזן מען זאל אלע
זכרים ווארפין אין וואסער אריין איז גיווארין צוא זייא גיטוען אנס און זעגען נבלע
גיווארין אין דיא ערד אריין און ווען דיא ישראל זעגען ארויס גיגאנגען פון מצרים
זעגען זייא אויך ארויס גיגאנגען פון דיא ערד: (ח) ויקם מלך חדש על פי רמז ווערט
דער יצר טוב גירופין מלך חדש אנייער קעניג. ווארום דער נאך ווען דער יצר הרע
קיניגט שוין אויף דעם מענטש דרייצין יאר קומט דאמאלס דער יצר טוב קיניגין אויף
דעם מענטש על מצרים דאס ווארט מצרים מאכט מצרים דעם גרעניץ פון דיא תורה
וואס ווערט גירופין ים. קומט דער יצר טוב צום מענטש און זאגט איהם ער זאל
זיך גימען צו לערנען תורה אשר לא ידע את יוסף ביז אהער האט נאך דער מענטש
נישט גיוואוסט אז מען בדארף אלע מאל צו מערין אין לימוד התורה. און צוא דיא
בר מצוה ווער עס איז זוכה קריגט ער אחשקות פון דעם יצר טוב צוא לימוד התורה:
(ט) ויאמר אל עמו און דער יצר טוב זאגט צו זיינע אברים ער דער וועקט זיי צוא
טוען תשובה. און זאגט הנה עם בני ישראל רב ועצום דאס פאלק ישראל קענען זיין
פולער און שטארקער ממנו דורך אונז דורך אייער תשובה וועט זיין אויך גוט צום
גאנצין כלל ישראל אזוי וויא דיא גמרא זאגט אפילו יחיד שעשה תשובה מוחלין לו
ולכל העולם ווען אפילו איין מענטש טוהט תשובה איז ער מיט זיין זכות גורם אז מען
איז איהם מיט דיא גאנצע וועלט מוחל דיא עבירות: (י) און אפשר וועט איהר זאגין
דער יצר הרע לאזט ני.ט. זאג איך אייך הבה נתחכמה לו זאלין מיר זיך נאר אן
ברייטין צוא דיא מלחמה מיט דעם יצר הרע וועלין מיר שוין אלע באזאמען איך מיט
דיא נשמה מיט אייך קליגין זיך אויף איהם. מיר זעגען ארבים און ער איז איינער וועלין
מיר איהם מנצח זיין און מיר דארפין דאס זעהן צו טוען וואס צום גיבאטען פן ירבה
טאמער וועט ער זיך גרויסין און מערין אזו וויא דיא גמרא זאגט עבירה גוררת
עבירה ווען דער מענטש לאזט זיך איבעררעדין פון יצר הרע צו טוען איין עבירה שלעפט
דאס איהם שוין אלע מאל צוא טוען נאך עבירות והיה כי תקראנה מלחמה און ווען
עס וועט זיך טרעפין אמלחמה אין דיא אברים וואס דיא פיר יסודות פון זייא וועלין
האלטין מלחמה און דער יסוד אש וועט זיך שטארקין און דער גוף וועט ווערין שלאף
ונוסף גם הוא על שונאינו וועט דער יצר הרע גימערט ווערין אויף אונזערע שונאים
דאס זעגען דיא מלאכי חבלה וואס ווערין בשאפין פון דיא עבירות. ונלחם בנו און
דאמאלס וועט ער האבין כח צוא האלטין מלחמה אזוי וויא דיא גמרא זאגט השטן
מקטרג בשעת הסכנה און ווען דער גוף איז שלאף און ער איז אין אסכנה דאמאלס
איז דער יצר הרע וואס ער איז דער שטן מקטרג אויף דעם מענטש און ווען אויך
דער יצר הרע רעדט איין דעם מענטש אז ער איז איהם זעהר גיטרייא. אבער אין אמת
ועלה מן הארץ וועט ער אויף גיין פון דיא ערד אין הימיל משטין זיין און ווען דיא
אברים עסין דאס: (יא) וישימו טוען זיך דיא אברים עליו אויף דעם יצר הרע שרי
מסים יעדער אבער גע.ט אויף זיך ער זאל זיין משועבד צו עבודת השי"ת ער זאל
געבין מס דאס מיינט מען תורה מיט מצות למען ענותו פון וועגין צו פייניגין דעם יצר

הרע בסבלותם דורך זייער לאסט ווס זייא נעמען אויף זיך דעם עול פון דיא תורה
ווערט דער יצר הרע שלאף אונ גיפיינגט אזו וויא די גמרא זאגט אז די תורה ווערט
גירופין תושיה ווייל זיא שוואכט אפ דעם יצר הרע ויבן ערי מסכנות אונ דער גוף
בויעט פאר זיך פעסטע שטעט דס איז דער שכר לעולם הבא ווס דס איז פעסט עס
ווערט קיין מאל נישט קאליע לפרעה דס וועט זיין דער גיצעלט לעולם הבא את פתם
דורך דעם ווס ער מאכט צו זיין מויל אונ רעדט נישט דברים בטלים [דאס ווארט פתם
מאכט פה סתום דיא מויל איז פאר מאכט] ואת רעמסס [דאס ווארט רעמסס מאכט
רע־מסס דס שלעכטס ווערט צוא גאנגען] אונ דורך דעם וואס ער מאכט צוגיין פון
זיך דס שלעכטס. וועט ער זוכה זיין צו פול שכר בעולם הבא: (יב) וכאשר יענו
אותו אונ ווס מער ווס מען פייניגט דעם יצר הרע כן ירבה וכן יפרוץ טוהט ער זיך
מערין אונ שטארקין. פון דעסט וועגין ויקיצו טוען די אברים אין איהם מיט זיינע בייד
פאר מיאוסין מפני בני ישראל ווייל זיי ברעכנען זיך דס זיי זענען חשובים זיי זענען
אחלק אלה. דער כנפי נשרים פר ענטפערט ווס אלע ספרים פרעגין א קשיא אין דעם
פסוק עס הט בדארפט צו שטיין וכאשר ימעטו אותו כן ירבה וואס מער דיא מצרים
האבין גיוואלט מאכין די בני ישראל ווייניגער זענין זיי גיווארין גימערט? נאר מיר זעהן
אז דיא זאך ווס עס איז נישט אחשובה זאך איז דא אסאך אויף די וועלט למשל
ביימער פין וואלד איז אסאך איז דס נישט טייער. אונ אלע זאכין ווס זענען זעהר
חשוב למשל פעריל דימאנטין איז זעהר ווייניג אויף די וועלט. אונ איבר דעם זענין
זיי זעהר טייער. אונ אזוי די ישראל ווס האבין מקבל גיוועזן די תורה אונ האבין דר
קענט אז עס איז נאר איין גאט אויף די וועלט ווען אויך זיי זענין גאר די קלענסטע
פאלק. דורך דעם זענין זיי זעהר טייער. אונ די מצריים האבין גיוואלט מאכין דעם
מצב פון די ישראל זאל זיין שפל. איבר דעם האבין זיי מיט די ישראל גיארבעט אלע
מלאכות בזיות אונ שווערע. פון וועגין זייא זאלין ווערין גימינערט אין כבוד דאס
ווערט גירופין גיפייניגט. דורך דעם זענען זייא גיווארין גימערט אין זייער טייערקייט.
ווארום וואס ווייניגער דיא זאך איז. איז אלץ טייערער: (כב) ויצו פרעה על פי רש״י
דער יצר הרע ווערט גירופין פרעה. ווארום פרעה איז דר טייטש צישטערין ער שטערט
דעם מענטש פון צוא דינען גאט. זאגט דער פסוק ויצו פרעה דער יצר הרע בפעלט
לכל עמו צו זיינע כחות הטומאה לאמר אונ זאגט צו זייא כל הבן יעדער מענטש ווס
דינט גאט מיט אהבה וואס ער ווערט גירופין אזוהן צו גאט הילוד עס ווערט ביי דעם
מענטש גיבארין אלע מאהל תורה ומצות היאורה תשליכוהו זאלט איהר דעם מענטש
אריין ווארפין אין טייך דאס מיינט מען דאגות פון פרנסה אונ פון נאך זאכין פון
וועגין ער זאל נישט האבין קיין צייט צוא לערנען תורה אונ צו טוען מצות וכל הבת
אונ אבער דיא מענטשין וואס זענען שלאף אונ לערנען אזו וויא א נקבה תחיון זאלט
איהר זייא מאכין לעבעדיג אלע מאל מיט אנדערע תענוגים פון עולם הזה. נמצא
בדארף דער מענטש זיך נישט צו לאזין פון דעם יצר הרע אונ זאל נישט זיין תמיד
מיט דאגות נאר ער זאל האבין בטחון אין גאט אונ זאל אפ רייסין צייטין צום לערנען:
ב (ב) ותהר האשה ותלד בן אונ דיא ווייב פון עמרם איז גיווארין טראגין אונ גיווינען
אזוהן ותרא אותו כי טוב הוא אונ זיא האט איהם גיזעהן דאס ער איז גוט.
זאגט דער מדרש שנולד כהול ווען משה איז גיבארין גיווארין איז ער שוין גיוועזן
גימלת. ווארום ספרים שרייבין אזוי וויא תבואה איידער מען נעמט אפ פון איהר מעשר

ווערט

ווערט זיא גירופין טבל . אזוי דאס קינד פריער וויא ער ווערט גימלת ווערט ער גירופן
טבל . אונ טבל טייטשט דיא גמרא איז צוויא ווערטער טב לא עס איז נאך ניט
גוט . אזו דאס קינד איז אויך אזו פר דיא מילה ווערט ער גירופין טבל ער איז נאך
ניט גוט . אונ ווען דא שטייט כי טוב הוא ער איז גוט איז פון דעם משמע אז ער איז
גיבארין געווארין גימלת ? ותצפנהו שלשה ירחים אונ זיא האט איהם בהאלטין דרייא
חדשים . אונ דאס איז ידוע אז משה רבינו איז גיבארין גיווארין זיבין טאג אין חודש
אדר נמצא האט זיא איהם בהאלטען ביז זיבין טאג אין חודש סיון וואס אין דעם טאג
האט ער דער נאך מקבל גיוועזן דיא תורה מיט דיא יודין ווען זייא זענין ארויס גיגאנגן
פון מצרים : (ג) ולא יכלה עוד הצפינו אונ וייל דיא מצרים זענען גיקומען זוכין האט
זיא איהם שוין מער ניט גיקענט בהאלטין איז דאס גיוועזן דער רמז אלם אויף קבלת
התורה אונ אויף יציאת מצרים . באמאלם זענען אויך גיגאנגען דיא מצריים זוכין וויא
מען געפינט צוא משה . ווען עס איז גיוועזן מכת בכורות אונ נאך יציאת מצרים ווען
עס איז גיקומען דער דריטער חודש סיון אין זיבעצען טאג איז גיוועזן קבלת התורה .
ותקח לו תבת גומא אונ זיא האט גינומען פון זיינעט וועגין אקעסטיל פון האלץ וואס
עס הייסט גומא וואס דיא האלץ איז זעהר גרינג שווימט דאס ארום אויף דיא וואסר
אונ עס ווערט ניט דר טרינקען איז דאס מרמז אויף קריעת ים סוף וואס ער איז דר
נאך מיט דיא ישראל גיגאנגען אויף דיא וואסער פון ים אונ זענען ניט דר טרענקין
גיווארין . אונ אויך איז דאס מרמז אז דער גוף פון משה איז גיווארין אוים גיאיידעלט
אזוי פול אז ער איז גיוועזן אזוי גרינג וויא דיא האלץ פון גומא ותחמרה בחמר ובזפת
אונ האט דאס קעסטיל אוים געשמירט מיט ליים אונ מיט סמאלע צו ווייזין אז נאר
דער חומר האט אוים געוויזין וויא מגושם אבער באמת איז דאס גיוועזן זעהר איידיל
ותשם וגו' ותשם בסוף על שפת היאור אונ האט דאס גיטוען ביים ברעג פון טייך .
ווארום דיא מצריים האבין גיזעהן מיט כישוף אז עס בדארף גיבארין ווערין דר מושיע
פון דיא ישראל . אונ איבער דעם האבין זייא גיהייסין מען זאל זייערע קינדער אריין
ווארפין אין ים . אונ ווען זייא וועלין אצונד זעהן אין זייער כישוף אז דער מושיע איז
שוין אין וואסער וועלין זייא מבטל זיין דיא גזירה : (ד) ותתצב אחותו מרחוק אונ מרים
זיין שוועסטער האט זיך גישטעלט פון ווייטין לדעה צוא וויסין מה יעשה לו וואס עס
וועט ווערין גיטוען צו דעם קינד . איז דאך דיא קשיא עס האט בדארפט צוא שטיין
לראות מה יעשה לו ? צו זעהן וואס עס וועט ווערין גיטוען . וואס שטייט עפעס
לדעה צו וויסין ? אויך איז דיא קשיא וואס איז זיא גישטאנען דארט . וואס וועט זי
מאכען מיט איהר שטיין ? אויך וואס איז זיא גישטאנען פון ווייטין . איז דען דאס
ארחמנות פון אשוועסטער צו שטיין פון ווייטין ? ענטפערט דער אור פני משה אזוי
דיא גמרא (סוטה יב) זאגט אז אידער משה איז גיבארין גיווארין האט מרים גיזאגט
נבואה עתידה אמי שתוליד בן שיושיע את ישראל אז איהר מוטער יוכבד וועט האבין
אזוהן וואס וועט אוים לייזין דיא ישראל פון מצרים . אויך שרייבט רש"י אין פסוק
(כ"ב) אז אין דעם טאג וואס משה רבינו איז גיבארין גיווארין האבין דיא מכשפים
גיזאגט צו פרעה היינט איז גיבארין גיווארין דער העלפער פון די ישראל אונ מיר זעהן
אז דער סוף פון איהם וועט זיין דם ער וועט גישלאגין ווערין דורך וואסער . דרום
האט פרעה גיהייסין אז מען זאל דעם טאג אלע קינדער אריין ווארפען אין וואסער אונ
דם האבין זיי ניט געוואוסט אז דם בטייט אז ער וועט גישלאגין ווערין בייא די מי
מריבה

סריבה . מיט דעם איז שוין אלץ פר ענטפערט . ווארום מרים איז געוועז אשה נביאה
האט זיא געוואוסט אז דאס וואס משה בדארף ווערין געשטראפט דורך וואסער בשייט דאס
אויף די מי מריבה . אבער נישט אז ער זאל חלילה ווערין דער טרינקין אצונד אין
וואסער . אונ דאס האט זיא אויך געזעהן בנבואה אז בתי' דיא טאכטער פון פרעה וועט
איהם ארויס נעמען פון טייך . דאס זאגט דער פסוק ותתצב אחותו זיין שוועסטער מרים
האט זיך געשטעלט מרחוק פון וייטין פון וועגין אז בתי' די טאכטער פון פרעה זאל
ניט פאר שטיין אז זי שטייט דא וועגין דעם קינד . ווארום ווען בתי' וואלט וויסין אז
מרים קער זיך אן מיט דעם קינד וואלט זיא געוויס ניט וועלין דער נאך געבין דאס קינד
צו די זייגערין וואס זיא וועט ברענגען איבער דעם איז מרים געשטאנען פון וייטין .
זאגט דר פסוק ווארום לדעה זיא האט געוואוסט בנבואה מה יעשה לו וואס צו איהם
וועט ווערין גיטוען אז ער ווערט נישט דר טרינקין . נאר בתי' וועט איהם ארויס נעמען
איבער דעם איז זיא געשטאנען פון וייטין פון וועגין בתי' זאל איהר הייסין רופין אשה
מינקת וועט זיא רופין די מוטער . אונ על פי רמז איז דער טייטש אזו . אין פסוק
שטייט אמור לחכמה אחותי את דער מענטש בדארף די חכמת התורה ליב האבין גלייך
וויא זיין שוועסטער . אזו וויא זיין שוועסטער האט ער דאך ליב ווען אויך זיא גיט
איהם גאר ניט . אזוי בדארף מען די תורה לערנען ניט אויף דעם תנאי צו נעמען שכר
אבער ווען מען לערינט נאר פון שכר וועגין טוהט זיך דיא חכמה אפ פון איהם . דאס
מיינט דר פסוק ותתצב אחותו מרחוק זיין שוועסטער די חכמה שטעלט זיך וייט פון
מענטש זיא גייט אוועק פון איהם . פר וואס לדעה מה יעשה לו דורך דעם וואס דער
מענטש וויל נאר וויסין וואס פר אשכר עס וועט ווערין גיטוען צו איהם פר זיין לערנין
דורך דעם גייט זיא פון איהם אוועק : (ה) ותרד בת פרעה אונ ווען די חכמת התורה
גייט פון מענטש אוועק נידערט תיכף דער כח פון דעם יצר הרע וואס ער ווערט גירופן
פרעה אונ צערשטערט דעם מענטש אין גאנצין פון עבדות הבורא לרחוץ על היאור
ער הייסט איהם ער זאל זיך וואשין ביים טייך כלומר ער זאל זיך אן טוען תענוגי
עולם הזה ווארום עולם הזה ווערט גירופין אטייך אזוי ווי עס שטייט אין ספר בחינת
עולם העולם הים זועף די וועלט איז גלייך ווי אטייך וואס ער שטארימט ונערותיה אונ
אזעלכע מענטשין וואס זענען אוים גישטראצט אונ אפ גישאקילט פון די חכמת התורה
הולכות שרייבט רש"י הולכת למיתה זיי גייען צו ווערין גיטייט על יד היאור דורך דעם
טייך דאס איז די תורה לשמה וואס זיי לערנען נישט . אונ ותרא את התבה בתוך הסוף
אונ ווען דר כח פון יצר הרע זעהט צווארט תורה וואס דר מענטש לערינט ניט לשמה
מיט כוונה אונ מיט יראה נאר עס איז וועגין גאוה אדער פון וועגין כבוד איז דיא
ווערטער נישט קיין ריינע נאר עס איז גלייך וויא צווישין גימויזיכץ ותשלח את אמתה
שיקט דר כח פון יצר הרע איהר דינסט די קליפה ותקחד אונ נעמט צו דאס ווארט :
(ו) ותפתח אונ אבער ווען דאס ווארט עפינט אויף דאס מויל ותראהו שרייבט רש"י
שראתו עמו שכינה אונ זעהט אז די שכינה זאל זיין מיט דעם ווארט . ער רעד דיא
ווערטער פון תורה מיט כוונה אונ מיט יראה את הילד דער מענטש טוהט תשובה
איז ער גלייך ווי אקינד וואס ווערט גיבוירין ער האט ניט קיין חטא והנה נער אונ ער
שאקלט זיך אפ פון די שלעכטע מדות בוכה ער וויינט אונ האט חרטה אויף די זינד
ותחמול עליו אונ די שכינה דר בארימט זיך אויף איהם ותאמר אונ זאגט צו גאט
מילדי העברים זה ער איז פון די יודישע קינדער אן עבירות : (יא) ויהי בימים ההם

ויגדל

ויגדל משה אונ עס איז גיוועזן אין דיא טעג אונ משה איז גיווארין גרויס ער איז
גיווארין אשר. אונ די ישראל זענען גיווארין זעהר שפל אונ בזוי פון דעסטוועגין ויצא
אל אחיו איז ער ארויס גיגאנגען צו זיינע ברודער די ישראל ער האט זיך נאר גישט
גישעמט אונ האט זיך נישט גיהאלטין בגאוה. וירא בסבלותם אונ האט איין גיזעהן אויף
זייערע שווערע ארבייט מיט גרויס רחמנות. איז פון דעם אפ צו לערנען ווען דער
מענטש איז זוכה דאס ער איז עולה לגדולה זאל ער זיך נישט האלטין בגאוה. אונ
נים שעמען זיך מיט דעם עני ואביון וירא איש מצרי אונ האט גיזעהן אז א מענטש
א מצרי מכה איש עברי שלאגט צו א מענטש איוד מאחיו ער האט איהם ארויס גינומען
פון זיינע ברודער אונ איהם גישלאגין. אונ קיינער פון דיא ישראל האט זיך נישט
אן גענומען פאר איהם. נאר בשעת מעשה האט ער זיא בן גיוועז לכף זכות אפשר
זענען זייא ביא זיך זעהר גיפאלין קענען זיי נית קיין קאפ אויף הייבין צו שטעלין זיך
אנטקעגין דעם שלאגער: (יב) ויפן כה וכה אונ האט זיך גיקערט אין אלע זייטין אפשר
וועט איינער פון זייא איהם מציל זיין וירא כי אין איש האט ער גיזעהן אז עס איז קיין
מענטש דא איהם מציל צוא זיין ויך את המצרי ויטמנהו בחול האט ער דעם מצרי
גישלאגין אונ בהאלטין אין זאמד: (יג) ויצא ביום השני אונ ווען ער איז ארויס גיגאנגן
אין דעם אנדערען טאג והנה שני אנשים עברים נצים אונ האט גיזעהן צוויא עברים
קריגין זיך האט דאס צו משה זעהר פאר דראכין ויאמר לרשע אונ האט גיזאגט צום רשע
למה תכה רעך ווארום שלאגסט דו דיין גיזעללי אונ נעכטן האסטו דיין גיזעלין נית גיוואלט
מציל זיין פון דעם מצרי. זעה איך אז איהר זענט נישט ביא זיך גיפאלין נאר איהר
זענט שלעכטע מענטשין: (יד) ויאמר וגו׳ האט דר רשע גיזאגט ווער האט עס דיר גימאכט
צו אשר אויף אונז הלהרגני וגו׳ אפשר וועסט דו זאגין אונז צו הרגנן אזו וויא דוא
האסט גיהרגת דעם מצרי ויירא משה ווען משה האט דס גיזעהן אונ גיהערט האט ער
זעהר מורא גיקריגין אזו וויא רש״י שרייבט פון מדרש אפשר זענען זיי נישט ראוי צו
די גאולה ויאמר אכן נודע הדבר עס איז גיוואר גיווארין ריכטיג די נעכטיגע מעשה
וואס איהר האט נית גיוואלט מציל זיין אייער ברודער איז דס נאר פון וועגין קנאה אונ
שנאה אונ פירוד לבבות. איז דאס חלילה א עיכוב אויף דיא גאולה נמצא בדארפין מיר
זעהן אין היינטיגין גלות עס זאל נית זיין קיין קנאה אונ קיין שנאה אונ מחלוקת נאר
צו זעהן צו זיין שלום איינער מיט דעם אנדערין אונ איהם העלפין פון אלעם שלעכץ.
וועלין מיר זוכה זיין צו די גאולה במהרה בימינו אמן: דער אור פני משה טייטשט
על פי רמז אזוי (יא) ויהי דער מענטש בדארף שרייען הוי אונ ווייא בימים ההם פון
וועגין דיא דאזיגע טעג פון זיין לעבין וואס גייען אוועק מיט גאר נישט אונ האט נאך
חלילה מקלקל גיוועזן. דאמאלס ויגדל משה גרייסט זיך דער יצר טוב וואס ווערט
גירופין משה [ווארום משה איז טייטש אויס ציהען. אונ דר יצר טוב ציהט אויס דעם
מענטש פון מדות רעות] ויצא אל אחיו אונ רעד אן דעם מענטש ער זאל עוסק זיין
אין תורה ומצות פון וועגין אז ווען ער וועט ארויס גיין פון די וועלט וועט ער זיין
בא זאמען מיט זיינע ברודער דס איז די צדיקים אין גן עדן. אונ אויך וירא דער יצר
טוב מאכט איהם זעהן בסבלותם אין זייער לאסט וואס זיי ליידין אויף זיך דעם עול
התורה וירא איש מצרי אונ דער מענטש זעהט מיט זיין שכל אז דער יצר הרע וואס
ווערט גירופין איש מצרי [ווייל ער ברענגט דעם מענטש אין גרענעץ אריין פון דיא
מדות רעות] מכה איש עברי שלאגט א מענטש אעברי מאחיו פון זיינע ברודער פון יצר

הרע. כלומר דער יצר הרע ער איז דר שטן ער איז מסטין אליין אויף זיינע גוטע ברודער וואס העריין איהם (יב) אונ ווען שלאגט דער יצר הרע צו דעם מענטש ויפן כה וכה וירא כי אין איש ווען דער מענטש שטארבט אונ ליגט אין קבר אונ האט דאמאלס ניט קיין מענטש ביי זיך פון זיינע גוטע פריינד. אונ ווען דער מענטש בקלערט דם אלס מיט זיין שכל דאמאלס ויך את המצרי שלאגט ער דעם כח פון יצר הרע ויטמנהו אונ ער בהאלט איהם בחול פון וועגין וואכינדיגי זאכין כלומר פראסטע זאכין דאמאלס בעניצט ער דעם כח פון יצר הרע למשל צום עסין. אבער ביי דעם טועקין פון אמצוה באניצט ער נישט זיין כח. זיין כוונה איז נאר באמת לשמה נאר פון גאטס וועגין אונ ניט פון כבוד וועגין: (יג) ויצא ביום השני דעם מענטשינס יארין איז איין געטיילט אין דרייא צייטין דיא יונגע יארין הייסין ימי עליה ער ווערט אלע מאל גרעסער אונ דיא מיטעלע יארין הייסין ימי עמידה. אונ דיא לעצטע יארין הייסין ימי ירידה איז דיא פריערדיגע פסוקים רעדין פון דעם מענטש ווס ער גיעמט זיך צוא תשובה אין דיא יונגע יארין. אונ דר פסוק זאגט ווען דער יצר טוב גייט ארוים אין דעם אנדערין טאג כלומר אין דיא אנדערע יארין צו טוען תשובה. דאמאלס והנה שני עברים נצים זענען די צוויי זייטין דר כח פון יצר טוב מיט דעם כח פון יצה״ר קריגין זיך זייא האלטין מלחמה. דאמאלס איז שוין שווערער צוא טוען תשובה. ויאמר לרשע זאגט דר יצר טוב צום יצר הרע למה תכה רעך וואָרום שלאגסט דוא דיין חבר דוא רעדסט איהם אן צוא זינדיגין. וואס דורך דעם וועט ער ווערין גישלאגין (יד) ויאמר זאגט דער כח פון יצר הרע צום יצר טוב מי שמך לאיש שר ושופט עלינו ווער האט דאס דיר גימאכט צוא אשר אויף מיר מיט דעם גוף הלהרגני אתה אומר כאשר הרגת את המצרי ווען דוא וועסט הרגנן אין מיר דעם כח פון יצר הרע גישט אן צוא טוען זיך תענוגים ווילסט דוא דאך מיר דעם גוף אין גאנצין הרגנן איך וועל ניט האבין קיין כח צוא לעבין וירא משה ווען דער יצר טוב הערט דאס פון מענטש דאס ער איז להוט נאך תענוגי עולם הזה. פורכט ער זיך זעהר ויאמר אונ זאגט אכן נודע פאר וואר וועט דער גוף ווערין גישטראפט אונ וועט ווערין באקאנט מיט יסורים הדבר דורך דעם מדת הדין וואס ער רעד דיבורים קשים: (טו) וישמע פרעה את הדבר הזה דער מדת הדין וואס ווערט גירופין פרעה ווייל ער צאלט שטראף הערט די רייד ויבקש להרוג וויל ער הרגנן דעם גוף את משה דורך דעם וואס ער וויל ניט הערין צום יצר הרע ויברח משה מפני פרעה קריגט דער יצר טוב רחמנות אויף דעם גוף אונ לויפט מיט איהם אוועק פאר דעם מדת הדין וישב בארץ אונ ער באזעצט אין דעם גוף מדין אכח צוא קריגין זיך מיט דעם יצר הרע אונ איהם מנצח זיין. וישב על הבאר אונ זעצט דעם גוף ביי דיא בריגע דאס איז דיא תורה וואס דאס איז דיא בעסטע כלי צוא מלחמה האלטין מיט דעם יצר הרע אונ איהם מנצח צו זיין: (טז) ולכהן מדין אונ צום האר פון דעם קריגין כלומר צום יצר הרע שבע בנות איז דא צוא איהם זיבין טעכטער ער האט זיבין נעמען דאס איז זיבין ערלייא כחות. ווען זייא זעהן אז דער מענטש נעמט זיך צום לערנען אונ וויל טוען תשובה באמת ותבאנה קומען זייא ותדלנה אונ שעפין אן ותמלאנה את הרהטים אונ פילין אין דיא קארעטעס כלומר זייא העלפין נאך דעם מענטש אונ גיבין איהם כח צום לערנען מיט אלע כחות להשקות צאן זייא זאלין אן טרינקין מיט תורה צוא אלע שאף דאס איז צוא דיא אברים אביהן וואס זייא זענען בשאפין גיווארין פון זייער פאטער גאט: (יז) ויבואו

הרועים

הרועים דיא כחות פון יצר טוב קימען ויגרשום אונ ווילין פאר טרייבין דיא כחות פון יצר הרע. זייא האבין מורא אפשר ווילין זייא אן ריידין דעם מענטש ער זאל לערנען תורה שלא לשמה ויקם משה ווושיען שטייט אויף דער יצר טוב אונ העלפט זייא צו פאר טרייבין דיא מחשבות זרות וישק את צאנם אונ טרינקט אן דיא אברים מיט תורה לשמה: (יט) ותאמרנה אונ דיא טעכטער פון יתרו ווען משה האט זייא מציל גיוועזן פון דיא פאסטיכער זאגין זייא צו זייער פאטער איש מצרי אמענטש אמצרי. זייא דער ציילין דעם שבח פון דעם מענטש. ער איז גאר אמצרי נישט פון אונזער פאלק הצילנו מיד הרועים ער האט אונז מציל גיוועזן פון דיא פאסטיכר. איז דאס ווייל ער קען נישט זעהן קיין עולה וגם דלה דלה לנו וישק את הצאן אונ אויך איז ער אבעל רחמים ער האט מיט אונז חסד גיטוען אונ האט אן גישעפט אונ האט נאך אן גיטרונקין דיא שאף. ווייזט דער פסוק אז יעדער מענטש בדארף זיך אזוי צו פירין ער זאל טוען חסד מיט דעם אנדערען מענטש ווען אויך ער איז נישט פון זיין אמונה אונ איהם מציל זיין פון שלעכץ: (כג) ויהי בימים הרבים ההם וימת מלך מצרים אונ עס איז גיוועזן נאך דיא פולע צייטין אונ עס איז גישטארבין דער מלך פון מצרים. דאמאלס ויאנחו בני ישראל מן העבודה האבין דיא בני ישראל גיזיפצט וואס זייא קענען ניט דינען גאט ויזעקו אונ האבין גישריגין ווארום פריער האבין זייא מורא גיהאט צו שרייען נאר אצונד ביים שטארבין פון מלך האבין זיי גישריגין אונ גיזיפצט. האבין דיא מצריים גימיינט אז זייער כוונה פון זייער זיפצין איז פון וועגין צער פון דעם שטארבין פון מלך. אבער ותעל שועתם אל האלהים צו גאט איז אויף גיגאנגען זייער גישרייא מן העבודה וועגין דעם וואס זייא קענען איהם ניט דינען: (כד) וישמע וגו׳ איבער דעם האט [illegible] גיהערט זייער גישרייא אונ האט רחמנות גיקריגין אויף זיי:

ג (א) ומשה היה רועה [illegible] אונ משה האט גיפאשעט דיא שאף פון זיין שווער יתרו.

דער מדרש זאגט אז משה רבינו אונ דוד המלך האבין זוכה גיוועזן צו זיין דיא רועים כלומר דיא פיהרערס פון דיא ישראל. דורך דעם וואס זייא האבין פריער גיפאשעט שאף זענען זייא גיווארין איינגעוואוינט צו האבין סבלנות צו ליידין פון יעדערין באזונדער. אונ אויך צו האבין רחמים צו געבין זייא וואס זייא בדארפין אין דיא צייט. דער נאך האט זייא גאט גימאכט זייא זאלין זיין רועים פיהרערס פון דיא ישראל זייא זאלין פירין מיט רחמים אונ יעדערין סובל זיין. דאס דערציילט אונז דער פסוק משה האט גיפאשעט דיא שאף וינהג את הצאן אונ ער האט זיך גיפירט מיט דיא שעפסין הנהגה טובה. אחר דער נאך האט ער זוכה גיוועזן המדבר צו זיין אפירער אויף דיא ישראל וואס ווערין גירופין מדברים זייא רעדין. ויבא אל הר האלהים אונ האט זוכה גיוועזן צו קומען צום געטליכין בארג חורבה דורך דעם וואס ער האט זיך אויס געטריקינט פון תאוות: (ב) וירא דער אור פני משה שרייבט דער פסוק איז ברמז וירא מלאך ה׳ אליו עס בווייזט זיך אמלאך פון גאט צו דעם צדיק האמת בלבת אש וואס עס ברענט אין איהם דער לימוד התורה לשמה אזוי וויא אפלאם פייער מתוך הסנה פון זיין גוף וירא קען מען זעהן והנה הסנה בוער באש ווען דער גוף ברענט אזוי וויא אפייער צו חשקות התורה והסנה איננו אכל איבער דעם וועט זיין גוף ניט פאר לענט ווערין נאר ער וועט אויף שטיין תחית המתים אונ האבין עולם הבא:

דער ספר נועם אלימלך טייטשט אז עס שטייט אין תהלים סור מרע פריער דארף דר מענטש זיך אפ ציהען פון אלע שלעכטע מדות שנאה קנאה גאוה אונ דערנאך ועשה טוב

אונ

אונ דער נאך קען ער קומען צוא דיא גוטע מדרגה צו טוען מעשים טובים אונ צוא האבין גרויס התלהבות צוא עבודות הבורא. דאס זאגט דער פסוק וירא מלאך ה' אליו אונ עס איז גיוויזין גיווארין צוא משה אמלאך פון גאט בלבת אש אונ משה האט גיקריגין התלהבות אש צוא גאטס דינסט מתוך הסנה דורך דעם וואס ער האט זיך אפ גיצויגין פון דיא שלעכטע מדות וואס זיי שטעקין אזוי וויא דיא דערנער וירא והנה הסנה בוער באש האט משה רבינו גיזעהן אז דיא שלעכטע מדות טוען ברענען דורך דעם התלהבות והסנה איננו אכל פון דעסטוועגין ווערין דיא מדות אין גאנצין נאך ניט פאר ברענט למשל דיא מדה שנאה איז נאך גיוועזן ביי איהם פיינט האבין דיא רשעים קנאה צוא צערנען אויף זייא גאוה אזוי וויא דיא גמרא זאגט אז אתלמיד חכם בדארף האבין אביסיל גאוה. ער האט אבער גיוואלט האבין אז דיא מדות זאלין גאר נישט זיין ביי איהם אפילו אביסיל אויך נישט: (ג) ויאמר משה האט משה גיזאגט אסורה נא איך וועל פון זיך אפ טוען אין גאנצין די שלעכטע מדות אז זייא זאלין ביי מיר גאר ניט זיין ואראה את המראה הגדול הזה אונ דאמאלס וועל איך קענען קומען צו אגרעסערע מדרגה צוא זעהן גרויסע זאכין מדוע לא יבער הסנה אונ פאר וואס טאקע זאל זיך נישט דיא מדות רעות פאר ברענען אין גאנצין: (ד) וירא ה' כי סר לראות האט גאט גיזעהן אז משה רבינו וויל אפ טוען דיא מדות רעות גאר אין גאנצין זייא זאלין גאר ניט איבער בלייבין כדי ער זאל קענען קומען צוא דיא גרויסע מדרגה צוא זעהן דברים פלואים. אונ דאס קען ניט זיין ביז משיח וועט קומען. דאמאלס וועלין גאר ניט זיין דיא מדות רעות אזוי וויא אין (זכריה יג ב) שטייט והיה ביום ההוא וגו' אונ עס וועט זיין אין דעם טאג וואס משיח וועט קומען ואת רוח הטומאה אעביר מן הארץ וועל איך גאט אויס רוימען דיא אונריינע גידאנקין פון דיא וועלט. אונ ממילא וועלין שוין דיא מדות גאר נישט גיצין. אבער אצונד ויקרא אליו אלהים האט גאט צוא איהם גירופין מתוך הסנה וגו' ער האט איהם גיזאגט אז ער בדארף נאך באניצין דיא מדות רעות אויך: (ה) ויאמר אונ זאגט צוא איהם אל תקרב הלום עס איז נאך ניט אצונד דיא צייט צו גינעהנען צוא דיא מדרגה. נאר של נעליך ווארף אראפ דיא שלעכטע מדות מעל רגליך פון אפ דיינע פיס זייא זאלין נישט זיין אזו פול ביא דיר. אבער אביסיל בדארף נאך בלייבין אנטקעגין דיא רשעים מיט זייא נוהג צו זיין כי המקום אשר אתה עומד עליו אונ זעון דוא וועסט דיר אפילו גאר אזוי נוהג זיין ביזט דוא אויך זוכה אז דאס ארט וואס דו שטייסט אויף איהם אדמת קודש הוא איז היילגע ערד כלומר דיא מעלה איז אויך אגרויסע מעלה: (ז) ויאמר ה' זאגט גאט ראה ראיתי את עני עמי איך טוה זעהן דיא פיין פון מיין פאלק אשר במצרים דער עיקר פון זייער פיין איז נאר וועגין דעם וואס זייא זענען אין אזוי מקום טומאה וויא מצרים איז ואת צעקתם שמעתי אונ זייער גישרייא הער איך מפני נוגשיו פון וועגין זיינע בצווינגערס כי ידעתי את מכאוביו איך וויים זייער וויטיג דאס זייא האבין וויטיג אונ עגמת נפש אויף דעם אליין וואס זייער גישרייא צוא גאט איז נאר דורך דיא בצווינגערס. אונ ווען ניט זייא וואלטין זייא ניט גישריגין צוא גאט ווייל זייא זענען אין אמקום טומאה איז זייא דאס מקום גורם זייא זאלין ניט גוט זיין איבער דעם: (ח) וארד להצילו מיד מצרים וועל איך צום ערשטין זייא מציל זיין פון דעם מקום טומאה מצרים ולהעלותו אונ דער נאך זייא צוא דער הייבין אונ אויף ברענגען מן הארץ ההוא פון דעם דאזיגן טמא דיגען לאנד אל ארץ טובה וגו' קיין ארץ ישראל וואס זיא איז אגוט לאנד אהייליגע

לאנד אל ארץ צו אזוי אלאנד זבת עס סאכט פון מענטשן רינען חלב ודבש די תורה דאס ווערט גירופן אין (שיר השירים) דבש וחלב האניק אונ מילך אל מקום צו אן אארט הכנעני וואס דארט איז דער אויר זעהר היילינ ברענגט דאס אז דער מענטש זאל זיין אונטער טעניג אעניו והחתי ער צוא ברעכט דיא תאוות אונ מדות רעות והאמורי אונ זאגט צוא גאט תפלות ותשבחות והפריזי עס מאכט אפין די אויגין צוא זעהן געטליכקייט והחוי אונ דעם יצר הרע וואס איז גליך צו אשלאנג והיבוסי טוען זייא איהם צוא טרעטין זייא הערין איהם גאר ניט : (י) ועתה לכה אונ אצונד גייא ואשלחך אל פרעה אונ איך וועל דיר שיקין צוא פרעה והוצא את עמי בני ישראל ממצרים אונ וועסט אויס ציהען מיין פאלק ישראל פון מצרים. דארף מען פארשטיין דאס ווארט לכה איז דער טייטש גיי. מיינט ער דאך אז משה זאל גיין פון זיך אליין אונ ואשלחך איז דער טייטש איך וועל דיך שיקין? קען מען אזוי זאגין ווארום מיט דעם וואס משה איז אצונד גיגאנגען צוא פרעה האט ער נאך צוא דיא בני ישראל ערגער גימאכט אזוי וויא ווייטער אין פסוק (ה׳ ט׳) שטייט הט פרעה גיזאגט תכבד העבודה וגו׳ זאל מען דיא בני ישראל בשווערין מיט ארבייט נאר ביים סוף איז גיווארן אטובה אונ אגאולה צו זייא. אבער ביים אנהייב איז נאך גיווארין פון דעם ארעה. אונ גאט וויל נישט דער מאנען זיין נאמען אויף שלעכץ אזוי וויא מיר וועלין ווייטער שרייבין. איבער דעם זאגט צוא איהם גאט ועתה ווס אצונד ביים אן הייב וועט פון דעם ווערין ארעה זאג איך דיר לכה גייא דו דאס וועט ווערין פון דיר אונ אויף דעם דאס ביים סוף וועט ווערין אטובה אגאולה זאג איך דיר ואשלחך איך וועל דיר שיקין אבער באמת ווערט פון גאט נישט גיטוען קיין שלעכץ. נאר עס איז אלץ גוט. אונ ווען אויך דער מענטש מיינט אז דס איז שלעכץ אבער דס איז נאר אין גאנצין גוט. אונ דא איז דער אן הייב אויך גיוועזן גוט. ווארום דס ווס עס איז גיווארין שווערער דיא ארבייט איז אבער גיווארין קורצער אונ גיכער די צייט פון די גאולה. ווארום די ארבייט ווס עס איז אויף זיי נגזר גיווארין זיי זאלין ארבייטין למשל אין אחודש. ווען זיי האבין דס גיארבייט אבער אין אטאג איז דאך גיווארין גיכער נשלם די צייט. זענין זיי דאך פריער ארויס פון מצרים : (יב) ויאמר וגו׳ אונ גאט זאגט בהוציאך את העם ממצרים ווען דו וועסט אויס ציהען דס פאלק פון מצרים תעבדון את האלהים על ההר הזה וועט איהר דינען גאט אויף דעם בארג. איז דאך די קשיא זיי האבין דאך אויף דעם בארג נישט גיטארט ארויף גיין ווען גאט איז אויף איהם גיוועזן. זאגט דער באר משה דעם טייטש אזו תעבדון איהר וועט זיין אזוי פול אביין גיטוען אין עבודות ה׳ אז איהר וועט גורם זיין את האלהים על ההר דורך אייערע מעשים טובים זאל גאט אראפ קומען אויף דעם בארג פון וועגין זיין גרויס ליבשאפט צו אייך אונ וועט אייך געבין דיא תורה אונ הזה איהר וועט משיג זיין געטליכקייט דס איהר וועט אויף איהם ווייזין מיט די פינגער זה אלי דס איז אונזער גאט :

ד (יא) ויאמר וגו׳ דער אור פני משה שרייבט דעם רמז אזוי. משה איז אנטקעגין די נשמה אונ אהרן איז אנטקעגין דעם גוף. אונ ווען גאט שיקט אראפ די נשמה זיא זאל גיין אין גוף אריין. ויל זיא נישט ווארום זי הט מורא טאמער וועט נאך דער גוף מקלקל זיין אונ איהר ערגער מאכין ויאמר ה׳ אליו זאגט גאט צו די נשמה עס איז פר דיר בעסער דו זאלסט אראפ גיין פון הימיל לעולם הזה ווארום מי שם פה ווער הט דען דא בעולם העליון אגימאכטע מויל לאדם אזוי ווי אמענטש כלומר האבין דען די

ברואי

ברואי מעלה אבחירה אין זייער מויל אויס צו ווילין וואס צו ריידין או מי ישים אלם אדער צו פר מאכין די מויל אונ זיין שטים ניט צו רעדין או חרש אדער צו זיין טויב אונ נישט הערין קיין שלעכטע רייד או פקח אדער צו האבין אפינע אויגין צו מעשים טובים או עור אדער צו מאכין זיי בלינד נישט צו זעהן שלעכטע זאכין. אונ וויא באלד אז די נשמה ווילסט זיין דא בעולם העליון ביזט דו דאך אזוי וויא אמלאך וואס האט ניט קיין בחירה צו וועלין רעדין שלעכין אבער צו הערין שלעכין אבער צוא זעהן שלעכין. אונ זיך פון דעם אפ ציהען נישט צו רעדין שלעכין אונ נישט צוא הערין שלעכין אונ נישט צו זעהן שלעכין וועט דאך דיר נישט קומען קיין שכר. ווארום דו וועסט דאך הייסין אמוכרח צו דעם טועכין וואס דו וועסט טוען. אבער ווען דו וועסט זיין אין דעם גוף וואס די טבע פון חומר איז נאר צו טוען שלעכין אין די נשמה וועסט גיבר זיין אונ גורם זיין דעם חומר דס ער זאל זיין נאר גוט באמאלם וועט דיר קומען שכר. אונ די זאלסט נישט מיינען אז איך בדארף חלילה צו דיינע מעשים הלא אנכי ה׳ איך בין גאט וואס די גאנצע וועלט איז מיין בדארף איך נישט דיינע מעשים. אזוי ווי אין (איוב) שטייט אם צדקת מה תתן לו ווען דוא מענטש טוסט גירעכטיגקייט וואס האט דען גאט פון דעם. ווען דו טוסט גוטס איז דיר גוט: (יב) ועתה אונ אצונד אז איך האב דיר דס אויף גיקלערט לך גיי אראפ אין גוף אריין וועט דיר בעסער זיין אונ זאלסט ניט מורא האבין פר דעם יצר הרע אפשר דורך איהם וועט דער גוף דיר גורם זיין ארעה ואנכי ווען דוא וועסט נאר לערנען די תורה וואס עס שטייט אין איהר אנכי ה׳ אלהיך איך בין דיין גאט אהיה עם פיך אונ וועסט מיט דעם מויל רעדין פון געטליכקייט דאמאלס והוריתיך וועל איך דיר שוין לערנען אשר תדבר מיט וואס דו זאלסט קענען הרגנן דעם יצר הרע אונ זאלסט זיך פירין בדרך הטוב אזוי ווי די גמרא זאגט הבא לטהר דער וואס ער גענעמט זיך צו זיין אקדוש וטהור מסייעין לו הילפט מען איהם פון הימיל: (יג) ויאמר זאגט די נשמה איך האב דאך מורא אפשר וועט דער גוף מקלקל זיין וועל איך מוזין ווערין נאך אמאל מגולגל. איבר דעם בי אדני בעט איך דיר גאט זיי תמיד מיט מיר זאלסט כון מיר ניט אוועק גיין אונ שלח נא שיק מיר אריין ביד אין אזוי אגוף וואס תשלח ער זאל תיכף אין ערשטין גלגול אלץ מאכין וואס דו האסט איהם וועגין דעם גישיקט: (יד) ויחר אף ה׳ במשה גרימט גאטס צארין אויף די נשמה ויאמר אונ זאגט מיינסט דו דען אז דער מענטש איז אמוכרח צו טוען נאך מיין ידיעה נאך. איך האב איהם אפ גיגעבין די בחירה ער זאל טוען וואס ער וויל. זעה אליין איהם פועל צו זיין אז ער זאל נאר זיך פירין בדרך הטוב. אונ איך בין דס נישט גוזר אויף איהם ווי ער זאל זיך פירין הלא אהרן פר וואר דער גוף אחיך הלוי וואס ער איז בהעפט מיט דיר מיט ברודערשאפט ידעתי דבר איך גאט ווייס טאקע ווי זיין פיהרונג וועט זיין פון דעסטוועגין איז מיין ידיעה נישט מכריח זיין הנהגה נאר ידבר הוא ער האט די בחירה צו פירין זיך ווי ער וויל. אונ זאלסט ניט זאגין דער יצר הרע וועט ניט צו לאזין גוטס זאג איך דיר וגם הנה הוא אונ ווען אויך ער דר יצר הרע יצא לקראתך גייט ארויס אנטקעגין דיר וראך אבער ווען ער וועט דיר זעהן אז דו ווילסט איהם נישט הערין ושמח בלבו וועט ער זיך פרייען ווארום באמת איז נאר זיין כוונה דיר גרעסער צו מאכין אזוי ווי מיר האבין שוין פול מאל גישריבין אונ ווען דו וועסט ווערין אצדיק באמת: (טו) ודברת אליו דער נאך ווען דו וועסט זעהן אז אמענטש הערט צו דעם יצר הרע זאלסט דו איהם רעדין מוסר ושמת

את הדבר בפיו אונ זאלסט טאן די רייד פון די תורה אין זיין מויל. ואנכי אהי' עם פיך ועם פיהו אונ איך גאט וועל זיין מיט דיין מויל אונ מיט זיין מויל והוריתי אתכם אונ איך וועל אייך לערנען את אשר תעשון וואס איהר זאלט טאן. אונ ווען אויך אייערע גוטע מעשים וועט זיין דורך מיר פון דערסטוועגין את אשר תעשון וועט דאס הייסין איהר האט דאס גיטאן בדארף איך אייך געבין שכר:

ה (יג) והנוגשים וגו'. אין (אבות פרק ג') שטייט והנגבאים מחזירין תדיר בכל יום די נגבאים דאס מיינט מען די יסורים קומען אלע טאג אויף דעם מענטש וועגין ביטול תורה. אונ דאס איז די כוונה פון דעם פסוק והנוגשים אונ די בצוואונגערס דאס איז די יסורים אצים זיי דריקין אונ אליין אויף דעם מענטש לאמר זיי זאגין איהם כלו מעשיכם דבר יום ביומו קאנטשיט אייערע מעשים אין תורה אין מצות יעדער טאג וואס אין דעם טאג גיהער כאשר בהיות התבן ווען עס איז נאך בייא אייך דער פר שטאנד ווען איהר זענט נאך אין די יונגע יארין: (יז) ויאמר וגו' דער תוצאות חיים שרייבט פון דעם פסוק ארמז מוסר צו די מענטשין וואס זיי פר בינדין זיך למשל צו לערנען באזאמען מיט נאך מענטשין גמרא אדער משניות אדער חיי אדם אדער ספרי מוסר אונ דערסטגלייכין נאך מצות תפלה בציבור חברה ביקור חולים. אונ זיי נעמען אויף זיך ווען עס וועט אוועק גיין אטאג אונ וועלין נישט קומען צו די חברה זאלין זיי געבין קנס. זאגט דער פסוק אויף דעם אז דאס איז נישט גוט ווארום נרפים אתם נרפים ווייל איהר זענט אפ גישוואכט אין יודישקייט על כן אתם אומרים איבער דעם טוהט איהר זאגין נלכה זאלין מיר אוועק גיין אין גאס אריין. מיר ווילען ניט גיין צו דיא חברה אונ דאס וואס מיר האבין זיך פר בונדין נזבחה לה' וועלין מיר געבין קנס פון גאטס וועגין אבער גאט וויל דאס נישט דעם קנס ער וויל בעסער מען זאל מקיים זיין דעם נדר אונ גיין צו די חברה אונ לערנען אונ צו טוען מעשים טובים. אונ על פי פשט קען מען טייטשין די פסוקים אזו ווי אין פסוק (טז) שטייט ויבואו שוטרי בני ישראל די גיוועלטיגערס פון די ישראל זיינען גיקומען אונ האבין גישריען צוא פרעה פאר וואס ער טוהט אזוי שלעכט צוא דיא ישראל ויאמר זאגט פרעה צו זיי נרפים אתם נרפים ווייל איהר שוטרים זיינען אפ גישוואכט ליידיג גייערס איהר ארבעט נישט על כן אתם אומרים איבער דעם זאגט איהר צו די ישראל נלכה נזבחה לה' לאזין מיר גיין שעכטין קרבנות צוא גאט. אבער די ישראל האבען דאס גאר ניט אין זינען: (יח) ועתה אונ איצונד לכו עבדו וגו' גייט איהר שוטרים אויך צוא דיא ארבייט: (יט) ויראו שוטרי בני ישראל האבין די שוטרים גיזעהן אותם ברע זיך אליין אין דיזעם שלעכין לאמר לא תגרעו ער פרעה טוט זאגין איהר שוטרים זאלט אויך ניט מינערין מלבניכם פון אייערע צאהל ציגעל דבר יום ביומו יעדערין טאג זיין צאהל: (כ) ויפגעו וגו' (כא) ויאמרו וגו' האבען די שוטרים באגעגינט צו משה מיט אהרן אונ האבין צו זיי גיזאגט ירא וגו' זאל זיך גאט צו אייך באווייזין וישפוט אונ זאל אייך משפטן אשר הבאשתם את ריחנו וואס איהר האט פאר מיאוסט אונזערע חשיבות בעיני פרעה ובעיני עבדיו אין די אויגן פון פרעה מיט זיינע קנעכט לתת הרב בידם להרגנו צו געבין אשווערד אין זייער האנד אונז צו הרגנן. ווארום פריער ווען מיר האבין ניט גארבעט האבען מיר די צייט גילערינט. אונ אז עס איז גיוועזן הקול קול יעקב גיהערט דער קול פון יעקב אין די תורה ווערט ניט מקוים די ברכה וואס יצחק האט גבענטשט צו עשו אונ איהם גיזאגט ועל חרבך תחיה דו זאלסט לעבין דורך דיין שווערד. אבער אצונד ווען מיר זיינען אויך פר נומען מיט ארבייט איז דאך שוין נישט דא ווער עס זאל לערנען וועט דאך חלילה מקוים ווערין

ועל

ועל חרבך תחיי : (כג) ומאז באתי אל פרעה לדבר בשמך דם איז ידוע אז דער עיקר תפלה בדארף נאר צו זיין פון וועגין גלות השכינה וואס דורך אונזערע עבירות לייט די שכינה אונ קען נישט געבין די השפעה אונ גוטס וואס זיא איז געוואונט צוא משפיע זיין . דאס זאגט משה פון דער צייט אן וואס איך בין גיקומען צוא פרעה צו ריידין פון וועגין דיין נאמען וועגין גלות השכינה . אונ ווען דער עיקר כוונה איז נאר פון דיין נאמען וועגין בדארף דאך זיין די גאולה שוין בקרוב . אונ ווען אויך הרע לעם הזה ער טוהט נאך מער שלעכץ צו דעם פאלק ישראל . אונ פון דעסט וועגין והצל לא הצלת את עמך האסט דוא נאך דיין פאלק נישט מציל גיוועזן :

# פרשת וארא

ו (ב) וידבר אלהים אל משה אונ גאט רעד צו משה ויאמר אליו אני ה׳ אונ זאגט צו איהם איך בין גאט . איז דאך קשה דער פסוק הייבט אן מיט וידבר אונ דס ווארט דיבור איז אלשון קשה שטראף רייד . אונ אויך אלהים איז מדת הדין. אונ ביים סוף שטייט שוין ויאמר אונ אמירה איז אלשון רכה גוטע רייד . אונ אויך ה׳ וואס דאס איז מדת הרחמים ? ענטפערט דער ס׳ קול שמחה אזוי . ווארום דער מדת הדין האט מקטרג גיוועזן אויף משה וועגין דעם וואס משה האט גיפרעגט אשאלה צוא גאט (אין שמות ה כב) למה הרעותה לעם הזה וואס האסט דו גאט נאך אצונד ערגער גימאכט צו דעם פאלק . איבער דעם שטייט וידבר אלהים אל משה דער מדת הדין הט גירעד שטראף רייד צו משה ויאמר אליו זאגט אבער גאט צו משה ווייכע רייד האב ניט קיין מורא פר דעם מדת הדין ווארום אני ה׳ איך בין מיט דיר מיט מדת הרחמים . פון דעם קען מען זיך ארויס נעמען אמוסר . ווען אמענטש ווערט אין כעס אויף דעם אנדערין זאל ער נאר אגישרייא טוען מיט כעס אבער באמת זאל ער האבין אויף איהם רחמנות אונ תיכף מיט איהם ריידין גוטע רייד . אונ דער באר משה ענטפערט אז גאט הט איהם גיזאגט אז איך גאט בין ביידע הן דער מדת הדין הן דער מדת הרחמים עס איז נישט קיין צווייא רשויות חלילה . אונ דער ס׳ אוהב ישראל ענטפערט אזוי. ווארום ספרים שרייבין ווען משה וואלט גיוועזן אריין גיברענגט דיא ישראל קיין ארץ ישראל אונ ער וואלט גיוועזן גיבויעט דעם בית המקדש וואלט ער קיין מאל נישט חרוב גיווארין . אונ ווען די ישראל וואלטין דער נאך גיזינדיגט וואלט גאט מוזין אויס לאזין זיין כעס אויף די ישראל אליין . אונ וואלט זייא חלילה מכלה גיוועזן אין גאנצין . אונ גאט הט דאך געוואוסט פריער אז דיא ישראל וועלין זינדיגין . איבער דעם הט גאט גיזאגט צו משה (אין סוף שמות ו א) עתה תראה וגו׳ שרייבט רש״י נאר וואס איך וועל אצונד טוען צו פרעה וועסט דו משה זעהן . אבער דאס וואס איך וועל טוען צו דיא זיבין אומות אין ארץ ישראל וועסט דו ניט זעהן . דוא וועסט פריער שטארבין . אונ דס זאגט דא דער פסוק וידבר אלהים אל משה גאט רעד צוא משה שטראף רייד אונ שטראפט איהם מיט דעם מדת הדין איהם ניט אריין צוא ברענגען קיין ארץ ישראל ויאמר אונ זאגט אבער אויך ווייכע רייד אני ה׳ איך טוה דיר דס ווייל איך בין אבעל הרחמים אויף די ישראל איבער דעם זאלסט דו זיי נישט אריין ברענגען קיין ארץ ישראל נאר יהושע וועט זיי אריין ברענגען אונ זייא וועלין בויען דעם בית המקדש. אונ דער נאך ווען די ישראל האבין גיזינדיגט הט ער אויס

גיגאסין

גיתאָטין זיין כעס אויף דעם בית המקדש אונ איהם חרוב גימאַכט אונ די ישראל זענען ניט כלוי גיוואָרין : (ד) וגם הקימותי וגו' אונ איך וויל בשטעלין דעם כריתת ברית וואָס איך האָב כורת ברית גיוועזן מיט זייערע אבות לתת להם וגו' צו געבין צו זיי דאָס לאַנד ארץ ישראל. אונ די גמרא זאָגט אַז ארץ ישראל איז איינס פון דריא זאַכין וואָס ווערין נקנה דורך יסורים. אונ אויך איז דאָך נגזר גיוואָרין אַז זיי זאָלין זיין גרויס פיר הונדערט יאָר אין פרעמדע לענדער. זאָגט דער פסוק את ארץ מגוריהם דאָס לאַנד וואָס ווען די אבות אברהם יצחק אונ יעקב האָבין דאָרט גיוואוינט זענען זייא גיוועזן דאָרט מיט פול פחד (מגוריהם איז דער טייטש זייערע פאָרכט אַזוי וויא עס שטייט מגור מסביב) אין יסורים אשר גרו בה זיי זענען אויך גיוועזן גרים האָט זיך דיא גזירה נאָך אָן גיהויבין צו רעכנען פון זייערע יאָרין אונ (ה) וגם אני אונ איך בין אויך אין גלות איבער דעם שמעתי את נאקת בני ישראל טוה איך הערין דעם גישרייא פון די ישראל אונ אויך וואָס איז זייער גישרייא עס איז נישט ווענין זייער אייגענעם צער. נאָר זייער עיקר שרייען איז נאָר אשר מצרים מעבידים אותם וואָס דורך דיא יסורים פון דיא מצרים ווערין זיי עובדים צוא גאָט אונ ניט פון זיך זעלבסט ואזכור את בריתי טוה איך גידענקין מיין ברית. אוך טוה איך גידענקין דעם ברית פון דיא תורה וואָס איך וויל זיי געבין : (ו) לכן אמור לבני ישראל דרום זאָג צו די קינדער ישראל אני ה' איך בין גאָט והוצאתי וגו' אונ איך וועל אייך אויס ציהען פון מצרים : (ז) ולקחתי אתכם לי לעם אונ איך וועל אייך נעמען צו מיר צו אַפאָלק והייתי לכם לאלהים אונ איך וועל זיין צו אייך צו אַגאָט. אונ איך נעם אויס מיט אייך אַתנאַי וידעתם כי אני ה' אלהיכם וגו' ווען איהר וועט דערקענען מיט אייער שכל אַז איך בין אייער גאָט וואָס האָט אייך אויס גיצויגין פון מצרים : (ח) והבאתי אתכם אל הארץ וגו' דאַמאָלס וועל איך אייך ברענגען אין ארץ ישראל. אונ ווען אָבער חלילה איהר וועט פאַר געסין אין מיר וועל איך אייך ניט אַריין ברענגען. אונ ווען אויך איך וועל אייך יוא אַריין ברענגען איז אויך אויף דעם תנאַי ווען איהר וועט מיר האַלטין פאַר אייער גאָט ונתתי אותה לכם מורשה אני ה' וועל איך גאָט אייך געבין דאָס לאַנד אַארב איהר וועט דאָרט זיין אויף תמיד. אונ ווען ניט וועל איך אייך פון דאָרט אַרויס טרייבין אין גלות : (י) וידבר וגו' אונ גאָט רעד צו משה אונ זאָגט : (יא) בא דבר וגו' אין סדרה (שמות ג פסוק טז) שטייט אַז גאָט זאָגט פקוד פקדתי וגו' איך גאָט דענק אין אייך ישראל. אונ איך זעה וואָס עס ווערט גיטוען צו אייך אין מצרים ואומר טוה איך זאָגין אעלה אתכם מעני מצרים איך וועל אייך אויף ברענגען פון די פיין וואָס די מצריים פייניגין אייך אל ארץ וגו' אונ וועל אייך אַריין ברענגען קיין ארץ ישראל. אַזוי האָט גאָט גיזאָגט צו משה ער זאָל דאָס זאָגין צו די ישראל. אונ אין פסוק יח שטייט גאָט זאָגט צו משה ושמעו לקולך די ישראל וועלין הערין צו דיין קול ובאת אתה וזקני ישראל אל מלך מצרים אונ דו משה מיט די זקנים זאָלסט קומען צום מלך פון מצרים ואמרתם אליו וגו' אונ זאָלט איהם זאָגין נלכה נא דרך שלשת ימים במדבר מיר בעטין דיר גיב אונז רשות צו גיין אויף דרייא טאָג רייז אין די מדבר ונזבחה וגו' אונ מיר וועלין דאָרט שעכטין קרבנות צו אונזער גאָט האָט גאָט נאָר גיהייסין זאָגין צו פרעה אַז זיי וועלין נאָר פון איהם אַוועק גיין אויף דרייא טעג. אונ דאָרט (אין פרשה ה פסוק כג) שטייט משה זאָגט צו פרעה נלכה נא דרך שלשת ימים במדבר מיר וועלין גיין אין די מדבר אויף דרייא טאָג רייז ונזבחה וגו' וועלין מיר דאָרט שעכטין קרבנות צו אונזער גאָט. אונ דאָ שטייט גאָט

זאגט

זאגט צוא משה בא דבר אל פרעה קום גייך צו פרעה דער מלך פון מצרים וישלח את בני ישראל מארצו אונ ער זאל ארויס שיקן די קינדער ישראל פון זיין לאנד. איז דאס גיוועזן צו משה זעהר קשה. אצונד אנדערש צו זאגן וויא פריער. פריער האט ער גיזאגט צו פרעה אז ער זאל זייא לאזין גיין נאר אויף דרייא טעג אין די מדבר. אונ אצונד זאל ער זאגין צו פרעה אז ער זאל זיי גאר אין גאנצין ארויס שיקן פון זיין לאנד. איבער דעם: (יב) וידבר משה לפני ה׳ לאמר רעדט משה צו גאט אונ זאגט הן בני ישראל פר וואר די קינדער ישראל לא שמעו אלי האבין מיר ניט גיהערט. ווען אויך עס איז זייער טובה אונ ווען אויך זייא האבין פריער דאס ערשטע מאל פון מיר יוא צו גיהערט. אבער אצונד האבין זיי מיר ניט צו גיהערט. ואיך ישמעני פרעה אונ וויא אזוי וועט דאס מיר פרעה צו הערין וואס איהם זאג איך גאר אצונד אנדערש פון פריער? אונ אויך ואני ערל שפתים איך האב גאר פר שטאפטע לעפצין צוא זאגין אנדערש וויא איך האב פריער גיזאגט. דאס איז די כוונה אין דעם פסוק אונ אויך איז דאס די כוונה ווייטער אין פסוק כט אונ אין פסוק ל. איבער דעם שטייט ווייטער אין פרשה ז פסוק ב אתה דו משה תדבר את כל אשר אצוך זאלסט רעדין צו די ישראל אלס וואס איך וועל דיר גיבאטין ואהרן אחיך אונ דיין ברודער אהרן וואס ער איז ארודף שלום אונ דער דין איז דאך אז פון שלום וועגין מעג מען זאגין אשקר ידבר אל פרעה ער וועט יוא קענען רעדין צו פרעה אנדערש ווי פריער ושלח את בני ישראל ער זאל ארויס שיקן די קינדער ישראל מארצו פון זיין לאנד. ניט נאר אויף דריי טעג נאר זאלין אין גאנצין פון איהם אוועק גיין: (כו) הוא אהרן ומשה דער נועם אלימלך ביישט אזוי דער פסוק פרעגט א שאלה דאס איז דאך אהרן מיט משה אשר אמר ה׳ להם וגו׳ גאט האט צו זיי גיזאגט זיי זאלין ארויס ציהען די בני ישראל פון מצרים זענען זייא דאך גיוועזן גרויסע חשובים דאס גאט האט מיט זיי גירעדט: (כז) הם המדברים אל פרעה וגו׳ זאלין זיי רעדין צו פרעה דעם טמא. נאר דער תירוץ איז הם המדברים זיי האבין גירעדט איינער צום אנדערין אל פרעה איז דער קול גיגאנגען צו פרעה ער האט דאס ממילא גיהערט:

ז (ה) וידעו מצרים כי אני ה׳ אונ די מצריים וועלין באקאנט ווערין אז איך בין אגאט איינער אויף די וועלט בנטותי את ידי על מצרים אז איך וועל גייגין מיין האנד אויף די מצריים אונ וועל זיי טוען שלעכץ והוצאתי את בני ישראל מתוכם אונ איך וועל ארויס ציהען די קינדער ישראל פון זייא איך וועל מיט זייא טוען גוטס. וועט ווערין צו די מצריים באקאנט אז איך בין איין גאט. איך טוה גוטס אונ איך טוה שלעכץ. ניט אזוי ווי זייא האבין ביז אהער גימיינט אז צו גוטס איז איין גאט. אונ צו שלעכץ איז איין אנדערער גאט. נאר עס איז אלץ איינער אונ אזוי ווי מיר זאגין אין די ברכה וואס נאך ישתבח יוצר אור ובורא חושך גאט באשאפט דאס ליכטיגקייט כלומר דאס גוטס אונ ער באשאפט אויך דאס פינצטערניש כלומר דאס שלעכץ. אונ דאס איז אויך די כוונה פון פסוק שמע ישראל הער זיך איין ישראל אונ ווער באקאנט מיט שכל אז ה׳ הן די הנהגה פון מדת הרחמים צו טוען גוטס וואס דאס ווערט גירופין ה׳ הן אלהינו דאס איז מדת הדין צו טוען שלעכץ וואס דאס ווערט גירופין אלהים. ה׳ אחד איז דאס אלץ איין גאט: (ט) כי ידבר אליכם פרעה לאמר תנו לכם מופת וגו׳ גאט זאגט צו משה אונ צו אהרן ווען פרעה וועט צו אייך רעדין דאס איהר זאלט געבין פון אייערט וועגין אמופת אז איהר זענט שלוחים פון גאט. זאל אהרן ווארפין דעם שטעקן

ווע׳ט

וועלן ער ווערן צו אשלאנג. פרעגן ספרים די קשיא פאר וואס בייא די פיער מכות. דיא ערשטע מכה וואס עס איז געווארן פון דעם שטעקן אשלאנג וואס ווערט גירופן תנין אונ דער נאך איז דער תנין געווארן צוריק אשטעקן וואס דאס איז מרמז אויף פרעה וואס ער ווערט גירופן אין פסוק תנין. איז דאך דאס אויך אמכה אונ דיא מכת כנים אונ מכת שחין אונ מכת חשך האט מען פרעה׳ן פריער נישט מתרה געווען. אזוי וויא בייא דיא איבריגע מכות. אויך שטייט פריער (אין פסוק ג׳) גאט זאגט ואני אקשה את לב פרעה איך וועל שווער מאכן דאס הארץ פון פרעה והרביתי את אותותי וועל איך מערן מיינע אותות ואת מופתי אונ מיינע מופתים בארץ אין לאנד מצרים. בדארף מען פאר שטיין וואס איז די נפקא מינא צווישן אותות אונ צווישן מופתים זאגט דער כנפי נשרים אזו מופת מיינט מען אזו אזאך וואס עס איז וואונדערליך עס איז אום נאטורליך אונ אותות איז אזעלכע זאכן וואס עס קומט מיט די נאטור. אונ אויך מופת איז אבאווייז אז דאס שיקט גאט צו ווייזן אז דער באפעל איז פון איהם. אונ אותות איז די שטראף וואס ער שיקט דער נאך ווען מען הערט איהם נישט. אונ די מכות זענען צו טיילט אויף פיר סדרים. אונ יעדער סדר איז פון דרייא ערלייא מכות. היינו דער ערשטער סדר איז דער שלאנג אונ דם. אונ צפרדע. אונ דער אנדערער סדר איז כנים. ערוב. דבר. אונ דר דריטער סדר איז שחין ברד ארבה. אונ דער פערטער סדר איז חשך אונ מכת בכורות. אונ דאס דער טרענקעניש פון ים. איז די ערשטע זאך פון יעדער סדר הייסט מופת אונ די איבריגע צווייא זענען אותות היינו דער שלאנג איז אמופת. אז גאט האט גישיקט. דרום האט מען ניט בדארפט איהם מתרה זיין. נאר ווען פרעה האט דעם מופת ניט גיהערט האט מען איהם גיכוונט שיקן צווייא מכות וואס זיי הייסן אותות. זיי זענען ערגער וויא דאס פריערדיגע. היינו דם צפרדע דאס איז שוין שטראף. אונ שטראפן קען מען ניט נאר מען מוז פריער מתרה זיין. אונ ווייל פרעה האט גימיינט אז די מכת דם צפרדע זענען גאר מעשה כישוף והראיה די חרטומים האבן דאס אויך גימאכט. האט ווייטער געמוזט זיין נאך אמאל אמופת דאס איז מכת כנים. וואס אויף דעם האבן זיי אליין שוין גיזאגט אצבע אלהים הוא עס איז פון גאט עס איז ניט קיין כישוף דרום איז אויף דיא מכת כנים ניט גיוועז קיין התראה. אונ ווען פרעה האט דעם מופת אויך ניט גיהערט האט מען איהם פריער מתרה גיוועזן אז מען וועט איהם שטראפן מיט די צווי מכות ערוב אונ דבר וואס ווערן גירופן אותות. אונ דער נאך האט מען איהם מיט זיי גישטראפט. אונ ביים דריטן סדר איז אויך גיוועזן די מכה שחין אויף אמופת צו ווייזן אז דאס איז פון גאט וואס ער מאכט אאפשיידונג פון אומה הישראלית אונ פון די מצריים. האט מען אויך די מכה שחין אויך ניט בדארפט מתרה זיין. אונ ווען ער האט דס אויך ניט גיהערט האט מען איהם מתרה גיוועזן אויף שטראף פון ווייטער צווייא מכות ברד אונ ארבה. אונ אויך ביים פערטן סדר ווייל פרעה האט דאך גילייקנט אין השגחה האט גאט ווייטער געמוזט ווייזן אמופת די מכה חשך וואס דס ווייזט אויף השגחה אז ווען אעברי מיט אמצרי זענען בייד אין איין שטוב. איז צו דעם מצרי גיוועזן פינצטער אונ צו דעם עברי איז גיוועזן ליכטיג האט מען אויף די מכה חשך אויך ניט בדארפט מתרה זיין. אונ ווען ער האט דאס אויך ניט גיהערט האט מען איהם שוין מתרה גיוועזן אויף דעם שטראף פון מכת בכורות. אונ אויף דאס דער טרענקעניש פון ים געשיקט זיך נישט קיין התראה וואורום דם איז דאך שוין גיוועזן נאך דעם ווען ער האט שוין דיא ישראל ארוים גילאזט. מיט דעם איז שוין אלס פר ענטפערט: (יז) כה אמר ה׳ וגו׳ אזו זאגט גאט אז ער וועט שלאגן די

מצריים מיט מכת דם . דער כלי יקר שרייבט אטעם אויף דיא צעהן מכות . דיא מכת דם איז געוועזן ווייל פרעה הט געהאלטין דעם טייך גילוס פר אגאט . בדארף מען איהם ווייזין אז עס איז דא אגרעסערער גאט וואס האט אויף זיין גאט צו שאפין . אונ ווייל די מצריים האבין אריין געווארפין די קינדער פון די ישראל אין דעם טייך אריין אונ עס איז פר גאסין געווארין דארט זייער בלוט איבער דעם איז דער טייך געווארין צו בלוט . אונ ווייל די מצריים האבין מיט דעם גימיינט אז די ישראל זאלין זיך נישט מערין אזוי וויא די פיש איבער דעם זענען די פיש פר שטונקין געווארין . די מכה צפרדע איז גיקומען ווייל פרעה מיט די מצריים האבין גילייקינט אין גאט . אונ דיא צפרדע האבין יוא אידיעה אז עס איז דא אגאט . אזוי וויא די מדרשים שרייבין אונ אויך וועלין זייא ארויס קימען פון טייך צו ווייזין אז השם יתברך הט צו שאפין אויף זייער גאט דס איז דער טייך אונ ער וועט נאך מוזין פון זיך ארויס שיקין אויף זיין אייגען פאלק אמכה די מכה כנים . ווייל דער וואס ער איז תמיד פר נומען מיט ארבייט אונ ווען זיין ארבייט איז נאך אין פעלד איז אויף זיין גוף פון פול שוויים דא פול כנים . איבער דעם זענען די מצריים גישטראפט געווארין מדה כנגד מדה . ווייל דורך זיי איז געוועזן פריער אויף די ישראל כנים . זענען זיי דער נאך גישטראפט געווארין מיט דעם זעלבינין . די מכה ערוב וואס דס איז אצומישינג פון לערלייא חיות . אונ דיא די שבטי ישראל זענען גיגליכין צוא חיות איבער דעם זענען דיא מצריים גישטראפט געווארין מיט די מכה ערוב . די מכה דבר איז געוועזן אין די פיך פון די מצריים ווארום ווען די בני יעקב זענען גיקומען קיין מצרים זענען זיי געוועזן רועה צאן אונ האבין גיהאט פול פיך אונ ווען מען הט זיי פר נומען דר נאך מיט שווערע ארבייט איז דאך מן הסתם גימינערט געווארין זייערע פיך . איבר דעם זענען דיא מצריים פיך אויך געווארין גמינערט מדה כנגד מדה . די מכת שחין איז געוועזן ווייל זייא האבין מפריש געוועזין דורך די ארבייט . די ישראל דאס זיי זאלין נישט בוואונען מיט די ווייבר . זענען זיי גישלאגין מיט די מכה שחין וואס דער מענטש וואס הט די מכה טויג ניט פר איהם צו בוואונען מיט זיין ווייב איז דאס מדה כנגד מדה . אונ אזוי וויא דער פריערדיגער פרעה איז געווארין גישלאגין מיט די זעלביגע נגע פון וועגין ער זאל ניט בוואונען מיט שרה אמנו . די מכה ברד אונ קולות איז געוועזן ווייל פרעה הט גיזאגט מי ה' אשר אשמע בקולו ווער איז דס דער גאט וואס איך זאל מוזין הערין זיין קול . איבער דעם איז גיקומען די קולות מיט דעם ברד כלומר דו האסט ניט גיוואלט הערין די פריערדיגע קולות פון משה מיט אהרן מוזט דו הערין די קולות פון ברד . די מכת ארבה איז גיקומען ווייל זיי האבין גיוואלט מיגערין די ישראל זיי זאלין ניט זיין אזוי פול . איז אויף זיי גיקומען דער ארבה וואס ער איז זייער פול . דיא מכה חשך איז גיקומען ווייל די ישראל האבין געמוזט באהאלטין זייערע קינדער אין די פינצטערניש . אונ די מכת בכורות איז אויף זיי גיקומען ווייל זיי האבין גיוואלט פר לירין די ישראל וואס גאט רופט זיי בני בכורי ישראל . אונ דס דער טרענקעניש פון ים איז מדה כנגד מדה ווייל זיי האבין דער טרינקען די קינדער : (יח) והדגה אשר ביאור תמות וגו' אונ די פיש פון טייך וועלין פייגערין . ווייל ווען די מצריים האבין אריין געווארפין דיא יודישע קינדער אין טייך אריין האבין די פיש זיי אויף גיגעסין . איבער דעם זענען די פיש גישטראפט געווארין :

ת (ס) ויעש ה' כדבר משה האט גאט גיטאן אזוי וויא דיא רייד פון משה וימתו הצפרדעים

הצפרדעים מן הבתים וגו׳ אונ זענען גיפייגערט די פרעש פון די הייזער אונ פון דיא
חצרות אונ פון די פעלדער. אבער די פרעש וואס זיי האבין זיך מוסר נפש גיוועזן אונ
זענען אריין גיקראכין אין די אויבנס אריין זיי זענען נישט גיפייגערט. ווארום גאט איז
אויף אלע ברואים משגיח אונ איז נישט מקפח קיין בריאה איהר שכר:

ט (כח) העתירו אל ה׳ פרעה זאגט צו משה מיט אהרן בעט צו גאט ורב מהיות קולות
אלהים וברד ווארום עס איז שוין צו פיל די דינערין מיט דעם האגיל ואשלחה
וגו׳ אונ איך וועל אייך ארויס שיקין. האט פרעה גאר גיוואלט אז די קולות מיט דעם
האגיל זאל אויף הערין. אבער דער רעגין זאל ווייטער גיין ווארום אין מצרים גייט
דאך נישט קיין פול רעגין. אויך האט פרעה גיוואלט וויסין צו דאס איז פון גאט. אפשר
איז דאס גאר פון די נאטור. אזוי ווי מיר זעהן ווען עס רעגינט טרעפט זיך אמאל אז
עס דינערט. אונ ווען דער לופט איז קאלט ווערט דער רעגין גיפרארין ווערט פון
איהם האגיל. איבער דעם האט ער גאר גיוואלט אז עס זאל גאר אויף הערין דיא
דינערין אונ דער האגיל אונ דער רעגין זאל גיין וועט ער וויסין אז דאס איז פון גאט:
(כט) ויאמר אליו משה זאגט משה צו פרעה כצאתי וגו׳ ווען איך וועל ארויס גיין פון
שטאט וועל איך בעטין צו גאט הקולות יחדלון אז די קולות וועלין ווערין פר מיטין
והברד לא יהיה עוד אונ דער האגיל וועט מער נישט זיין. אבער פון רעגין האט
איהם משה נית גיזאגט צו ער וועט יא גיין צו נית. למען תדע וגו׳ דרום דו זאלסט
וויסין דאס צו גאט איז דיא וועלט: (ל) ואתה ועבדיך ידעתי כי טרם תיראון מפני ה׳
אלהים אונ איך וויים אז דו מיט דיינע קנעכט האבין נאך נישט קיין מורא פר גאט
ווארום ווען פרעה מיט דיא מצריים האבין גיהערט די דינערין האבין זיי זיך זייער דר
שראקין אונ האבין גרויס פחד גיקריגין. האט פרעה גימיינט אז דאס הייסט שוין ער האט
מורא פר גאט. אונ איבער דעם האט ער גיזאגט פריער ורב עס איז שוין אצונד צוא
פול מהיות קולות אלהים פון צו זיין די געטליכע דינערין ווארום די דינערין איז דאך
גאר מען זאל דורך זיי מורא האבין פר גאט. אזוי ווי די גמרא זאגט לא נבראו רעמים
די דינערין זענען מער נית בשאפין גיווארין אלא לפשט עקמומיות גאר פון ווענין אוים
צו ציהען דאס קרימשאפט פון די מענטשין וואס גלייבין נית אין השגחה פון גאט. אונ
איך האב שוין מורא ווארום די כסילים זענען תמיד אזוי ווען זיי ווערין עפעס גישטראפט
פון גאט אונ הייבין אן מורא צו האבין. מיינען זיי שוין אז זייא האבין יראת אלהים.
אבער באמת הייסט דאס נאך גאר נית קיין אן הייב פון יראה: (לג) ויצא משה וגו׳ אונ
משה איז ארויס גיגאנגען פון פר פרעה אונ גיבעטין צו גאט ויחדלו הקולות והברד
אונ זענען פר מיטין גיווארין די דינערין מיט דעם האגיל ומטר לא נתך ארצה אונ דער
רעגין איז אויך נית אראפ גיגאסין גיווארין אויף די ערד. ווארום גאט האט גיוואלט
דאס פרעה זאל ווייטער שטארקין זיין הארץ פון וועגין ער זאל ווערין נאך גישטראפט:
(לד) וירא פרעה כי חדל המטר והברד והקולות אונ ווען פרעה האט גיזעהן אז עס איז
פר מיטין גיווארין דר רעגין באנאמען ווען עס איז פר מיטין גיווארין דער האגיל מיט
דיא דינערין ויוסף לחטוא האט ער גימערט צוא זינדיגין ויכבד לבו הוא ועבדיו אונ
האט זיך געמאכט שווער דאס הארץ מיט דאס הארץ פון זיינע קנעכט נישט מורא
צוא האבין פאר גאט פון דיא ישראל. ווארום דאס איז אלץ פון דיא נאטור פון די
וועלט ווען עס רעגינט זאל זיין דינערין: (לה) ויחזק לב פרעה וגו׳ אונ עס איז גיווארן
גישטארקט דאס הארץ פון פרעה אונ האט נית ארויס גישיקט די בני ישראל:

ויאמר

(א) ויאמר ה׳ אל משה זאגט גאט צו משה בא אל פרעה קום צו פרעה אינ זאג איהם אז דס וואס דער רעגין הט אויך אויף גיהערט ווען עס הט אויף גיהערט די דינערין איז דס נאר כי אני הכבדתי את לבו וגו׳ ווארום איך טוה איהם מיט דעם שווער מאכין זיין הארץ אונ דס הארץ פון זיינע קנעכט דס זיי זאלין מיינען אז דאס איז אלס פון די נאטור נישט על פי השגחה למען שתי אותותי אלה בקרבו פון וועגין דעם וועל איך טוען מיינע צייכינם אין איהם: (ב) ולמען תספר באזני בנך ובן בנך וגו׳ אונ פון וועגין דו פרעה זאלסט דער ציילין צו דיינע קינדר אונ קינדס קינדער ווס איך האב גישפעט גימאכט פון די מצריים אונ מיינע צייכונם ווס איך האב אין זייא גיטוען. דורך דעם וועט איהר וויסין אז איך בין גאט אונ אלס איז נאר מיט מיין השגחה: (ח) וכסה את עין הארץ דער היישעריק וועט באדעקין די שיין פון לאנד כלומר ער וועט זיין זעהר פול ולא יוכל לראות את הארץ אונ ער דער היישעריק אליין וועט נישט קענען זעהן די ערד. אונ די גמרא זאגט אז אבלינדער איז נישט זאט ווארום ער זעהט נים וואס ער עסט. איבר דעם ואכל את וגו׳ וועט דר היישעריק ווס ער וועט נישט קענען זעהן אויף עסין אלץ: (ט) ויאמר משה בנערינו ובזקנינו נלך דער נועם אלימלך זאגט דעם רמז אזו. די גמרא ברענגט אז תנאים האבין גיזאגט אשרי ילדותינו שלא ביישה זקנתינו מיר זענען גליקליך ווס מיר האבין תיכף אין דיא יונגע יארין אן גיהויבין צו טרעטין אונ פירין זיך בדרך הישר. ווערין מיר נים אצונד אויף די עלטער פר שעמט. אבער יזעז אין די יונגע יארין טוהט דער מענטש מעשים רעים. איז אויף די עלטער ווען ער קומט צום שכל שעמט ער זיך אליין אויף זיינע פריערדיגע מעשים. אונ אזוי וויא עס שטייט אין פסוק חנוך לנער על פי דרכו זיי מחנך דיין קינד תיכף ווען ער הייבט נאר אן צו גיין זאל ער נאר גיין בדרך הישר גם כי יזקין לא יסור ממנו ווען אויך ער וועט אלט ווערין וועט ער פון דעם גוטין וועג נים אפ טרעטין ווארום דס איז דער דרך האמת. דס איז אויך דער רמז אין דעם פסוק בנערינו ובזקנינו נלך מיר דארפין גיין אונ זיך איינפירין תיכף אין די יונגע יארין בדרך הטוב והישר פון וועגין מיר זאלין אויף די עלטער אויך גיין אין דעם וועג בבנינו ובבנותינו מיר דארפין אונזערע קינדער אויך אזוי מדריך זיין בצאננו ובבקרנו נלך אונ מיט אונזערע גשמיות היינו מיט עסין אונ טרינקין וועלין מיר אלץ האבין דיא כוונה מיר זאלין האבין כח צו גיין אין דעם גוטען וועג כי חג ה׳ לנו ווארום מיר דארפין זיך תמיד צו פרייען מיט דעם וואס גאט איז צוא אונז בבארפין מיר נאר אלץ טוען פון זיין כבוד וועגין: (טז) וימהר פרעה וגו׳ אונ פרעה הט גיאיילט צוא רופין צו משה מיט אהרן ויאמר חטאתי לה׳ אלהיכם ולכם איך האב גיזינדיגט געגין אייער גאט אונ געגין איך. הט פרעה אצונד דער מאנט פריער גאט: (יז) ועתה אונ אצונד שא נא חטאתי אך הפעם פאר טראג נאר מיין זינד דאס מאל וואס איך האב געגין דיר גיזינדיגט. והעתירו לה׳ אלהיכם אונ דער נאך זאלט איהר בעטין צו אייער גאט. דא האט שוין פרעה פריער דער מאנט דס גיבעט פון משה אונ דער נאך פון גאט. ווארום גאט איז גישא עון אונ איז מרבה לסלוח ער קען פר טראגין די זינד פון מענטש. איהם נישט אזוי גיך צו שטראפין מער וויא א מענטש. איבער דעם האט ער פריער גיבעטין פון משה אז ער זאל איהם פאר געבין דיא זינד ווס ער הט גיזינדיגט געגין איהם. אונ אויך פון וועגין ער זאל וועלין דער נאך זיין אפרסור צווישין איהם מיט גאט ויכר מעלי אונ גאט זאל אפ טוען פון אפ מיר רק את המות הזה הט פרעה מיט דעם גימיינט

דאס

דם עם זאל נאר ווערין אפ געטונען דער לעבידיגער הייששעריק וואס ער מאכט לעבידיגי זאכין דעם טויט. אבער די וואס זענען שוין טויט וואס דיא מצריים האבין זייא איין גיזאלצין אויף צום עסין. די זאלין ניט ווערין אפ גיטונען : (יח) ויצא וגו׳ אונ משה איז ארויס גיגאנגען פון פר פרעה אונ גיבעטין צו גאט : (יט) ויהפוך וגו׳ האט גאט אויס גיקערט אמערב ווינט וישא את הארבה וגו׳ אונ הט אוועק גיטראגין דעם הייששעריק לא נשאר ארבה אחד וגו׳ דם עס איז קיין איינציגער ניט איבער גיבליבין אפילו דיא איינגיזאלציגע זעגען אויך ארויס גיפלויגין. גישט וויא פרעה האט גיוואלט : (כ) ויחזק ה׳ וגו׳ אונ מיט דעם האט גאט ווייטער גישטארקט דאס הארץ פון פרעה ער זאל לייקינען אין השגחה : (כא) וגם מקננו ילך עמנו וגו׳ אונ אויך אונזערע פיך וועלין אליין מיט גיין פון דעם ארט עס וועט פון זייא דא ניט איבער בלייבין. זיי וועלין אליין מיט לויפין מיט אונז. אזוי וויא דער פר פון אליהו איז אליין גילאפין מען זאל איהם מקריב זיין צו גאט. ניט צו די עבודה זרה דורך די עובדי הבעל כי ממנו נקח אונ פון זיי כלומר פון די פיך דארפין מיר ארויס נעמען אמוסר לעבוד את ה׳ אלהינו וויא מיר בדארפין זיך מוסר נפש זיין פון גאטס כבוד וועגין ואנחנו לא נדע מה נעבוד את ה׳ אונ מיר ווייסין נישט מיט וואס מיר קענען דינען צו גאט עד בואנו שמה ביז מיר וועלין קומען צוא בקלערין די טבעיות פון די בהמות אונ צו זעהן וויא ווייט זיי זענען צו גיצויגין נאך גאט וועגין זאלין מיר פון זיי זיך אפ לערנען צקל וחומר. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק (איוב) מלפניו מבהמות הארץ וגו׳ איינקוקינדיג אויף די נאטור פו די בהמות פון לאנד מיט זייערע גוטע מדות קען דם אונז אפ לערנען וויא אזוי זיך צוא פירין : (כט) ויאמר משה ווען פרעה זאגט פריער צו משה אל תוסף ראות פני דוא זאלסט ניט מערין צו זעהן מיין פנים כי ביום ראותך פני תמות ווארום אין דעם טאג וום דו וועסט קומען צו מיר זעהן זיך מיט מיר וועסט דוא ווערין גיטייט. זאגט משה צו פרעה כן דברת רעדין קענסט דו טאקע וום דו ווילסט. אבער טוען קענסט דוא נאר ניט. והראי׳ כן דברת דו האסט שוין פון לאנג אזוי גירעד מען זאל מיך הרגנן ווען איך האב גיהרגת דעם מצרי. איז דם דען גיווארין. נאר פון דעסטוועגין דם וום דו ווילסט ניט אז איך זאל קומען צו דיר צו זעהן דיך. זאג איך דיר לא אוסיף עוד ראות פניך ווען איך וועל אצונד אוועק גיין פון דיר וועל איך שוין ניט מערין צו קומן צו דיר צו זעהן דיין פנים. נאר דו וועסט אליין ארום גיין אונז זוכין :

יא (ב) דבר נא וגו׳ גאט זאגט צו משה איך בעט דיך רעד צו די ישראל וישאלו וגו׳

אונ זאלין פאר לאנגען פון די מצריים זילבערנע אונ גאלדענע כלים. איז דאס ציהען צו משה זייער קשה דם זיי זאלין אצונד פר לאנגען אונ לייען. אונ דער נאך מיט דעם אוועק צו גיין הייסט דם גליך ווי גזילה. נאר ווייל דיא מצריים האבין גיטוען שלעכין צו די קינדער פון די ישראל דורך דעם וום זיי האבין זיי דער טרונקין בדארף דאך זיי גאט שטראפין מדה כנגד מדה. אונ זיי אויך דער טרענקין אין וואסר יבער דעם זאגט גאט צו משה איך בעט דיר זאג צו די ישראל זיי זאלין בארגין ביי די מצריים כלים פון וועגין די מצריים זאלין וועלין דער נאך נאך יאגין נאך די ישראל פון וועגין זייא זאלין ווערין דער טרונקין אין ים : [ד] ויאמר משה דער אור פני משה טייטשט אזו משה זאגט כה אמר ה׳ אזוי זאגט גאט מיט זיין מדת הרחמים כחצות הלילה דער גלות ווערט גירופין לילה עס איז אין איהם פינצטער אזוי ווי ביי נאכט. אונ דאס איז ידוע פון פסוק אז גאט האט גיזאגט צו אברהם אבינו אז פיער הונדערט

יאר

יאר וועט מען זיינע קינדער די ישראל פייניגן . אונ צום סוף זענען זיי אין מצרים מער
ניט גיוועז וויא דיא צאהל פון רדו צווייא הונדערט מיט צעהן . דאס איז דער טייטש
כחצות הלילה אז עס וועט אוועק גיין העלפט צאהל פון דעם צאהל וואס זייא דארפין
ליידין גלות אני יוצא וועל איך שכינה ארויס גיין בתוך מצרים אונ וועל זיך נוקם זיין אין
די מצריים . ממילא וועט איהר ישראל שוין ארויס גיין פריער פר די צייט . דס וועל איך
טוען פון מיין כבוד וועגין . אונ אויך איז דיא כוונה פון דיא ווערטער אני יוצא בתוך
מצרים אונ עס שטייט ניט בתוך ארץ מצרים ווארום דס גייט אויף דעם שר פון דיא
מצריים וואס ער איז אין הימיל וועל איך גאט איהם משפיל זיין . אונ דער נאך : (ה) ומת
כל בכור בארץ מצרים וגו׳ וועלין אויס שטארבין דיא אלע בכורים פון לאנד מצרים :
[ז] ולכל בני ישראל לא יחרץ כלב לשונו אונ ווען אויך די מכת בכורים איז דאך גיוועזן
אין האלבע נאכט וואס דאמאלס איז די נאטור וואס די הינד בילין . אונ אויך זאגט דיא
גמרא ווען דער מלאך המות איז אין שטאט שרייען די הונד . פון דעסטוועגין וועט דיא
נאכט אונ די צייט פון מכת בכורות קיין הונד ניט בילין אונ ניט שרייען אויף אישראל
ווארום בייא זיי וועט דער משחית ניט זיין למען תדעון אשר יפלה ה׳ בין מצרים ובין
ישראל דורך דעם וועט איהר וויסין אז גאט איז דער משגיח אונ וועט מאכין אצווישין
שייד צווישין די ישראל אונ צווישין די מצריים . אונ דער ס׳ דגל מחנה אפרים זאגט
דעם רמז אין פסוק אזוי . ווארום אלע צרות וואס קומט אויף דעם מענטש איז נאר וועיל
ער איז אריין גיטוען אין שקר . ער איז אפ גיצויגין פון אמת . מיט די צונג רעד ער מיט
זיין חבר גוטע רייד . אונ אבער מיט דעם הארץ הט ער אין זינען איהם שלעכץ צוא
טוען . אויף אזוי אמענטש קומט צרות . אבער דער וואס איז פיו ולבו שוים זיין מויל רעד
דאס אייגינע וואס דם הארץ טראכט . רעד ער דאך ניט קיין שקר . נאר אמת איז פון
איהם אפ געטוען צרות . אזוי וויא עס שטייט אין תהלים מי האיש החפץ חיים דער
מענטש וואס וויל לעבין אגיזונד לעבין אן צרות אוהב ימים לראות טוב ער הט ליב
זיינע טעג צו זעהן זייא נאר מיט גוטס אן יסורים נצור לשונך מרע היט אפ דיין צונג
פון צו זיין שלעכט . כלומר ער זאל רעדין שמייכילדיגע רייד פון וועגין דעם חבר צוא
נארין ושפתיך מדבר מרמה אונ היט אפ דיינע ליפפען פון צוא רעדין פאלש . אנדערש
וויא דו טראכסט אין הארץ אז דו וועסט זיך אזוי פירין וועסט דו זיין גליקליך אויף
ביידע עולמות . דס איז דער רמז אין פסוק ולכל בני ישראל לא יחרץ אונ צו אלע
ישראל זאגט מען ווען זייא ווילין דאס עס זאל זייא ניט טרעפין קיין צרה . זאלין זייא
זעהן אז כלב אין דיא תורה שטייט דאך ניט קיין נקודות קען דאס מאכין כלב אזוי וויא
דם הארץ לשונו וגו׳ אזוי זאל זיין די צונג כלומר ער זאל ניט רעדין אנדערש וועט ער
גיצול ווערין פון אלעם שלעכץ : [ט] ומשה ואהרן עשו את כל המופתים האלה לפני פרעה
פאר פרעהס אויגין אונ אויך אין זיינע גידאנקין הט ער נאר פאר גישטעלט אז דיא אלע
וווינדער וואס משה מיט אהרן האבין גימאכט איז דם נאר פון זיך אליין אדער מיט כישוף
אדער מיט די נאטור . אונ ניט דורך די שליחות פון גאט . דורך דעם ויחזק ה׳ את לב
פרעה האט ער גישטארקט פרעהם הארץ צו לייקינען אין השגחת ה׳ ולא שלח וגו׳ אונ
הט ניט גיוואלט ארויס שיקן די ישראל פון זיין לאנד :
יב [ג] דברו אל כל עדת ישראל דער ס׳ דמ״א טייטשט על פי רמז אזוי גאט זאגט צוא
משה אונ צו אהרן איהר זאלט רעדין אונ שטראפין זייא דאס זייא זאלין תמיד
זיין אלע אייגס . זיי זאלין זיין אייגער מיט דעם אנדערין שלום אונ אחדות לאמר וגו׳

אונ

אונ זאג זייא ויקחו להם איש זייא זאלין זיך נעמען נאט אין הארצין אריין [נאט ווערט גערופען ה' איש מלחמה] שה איהר ישראל וואס ווערט גירופין שה [שה פזורה ישראל] לבית אבות גייט אין די אייגינע הייזער וואס אייערע עלטערין זענען גיגאנגען אין דיא בתי מדרשות אונ די בתי כנסיות אריין נישט אין די בתי טיאטריאות. דאמאלס שה לבית וועט איהר ישראל זוכה זיין צום בנין הבית. מיר זאלין דאס זוכה זיין במהרה בימינו אמן: (ט) אל תאכלו וגו' דער אור פני משה טייטשט על פי רמז אזוי. דער יצר הרע ווען ער זעהט אז דער מענטש נעמט זיך צו תורה ועבודה. זאגט ער איהם איך בעט דיר האב אויף דיר אליין רחמנות דוא ביסט נאך זעהר יונג. דוא בדארפסט בעסער אצונד הנאה האבין פון עולם הזה. גאט הט איהר נישט אומזיסט גימאכט. מען דארף אין די יונגע יארין אן טוען זיך תענוגים. אונ אויף דיא עלטערע יארין דאמאלס וועסט דו זיך נעמען צו עבודות. אונ אויך גיפונען מיר אין פסוקים ווערט די תורה גערופין מים אונ אויך אש. דאס איז די כוונה אין פסוק אל תאכלו איהר זאלט ניט עסין ממנו נא דורך דעם וואס דער יצר הרע בעט דיך צו אן טוען תענוגים. ובשל מבושל אונ דער נאך ווען דם עסין וועט שוין ווערין גוט איינגיקאכט במים זאלסט דו זיך נעמען צו לערנען תורה. אזו זאגט דיר דער יצר הרע. זאלט איהר איהם ניט הערין כי אם צלי איהר זאלט נאר בעטין [צלי איז דער טייטש בעטין] אונ טוען תפלה אש אונ זאלט נאר לערנען תורה ראשו הן זיין קאפף על כרעיו הן די קניא ועל קרבו הן אלע אברים פון אינוויינינג. זאל נאר זיין אריין גיטוען אין עבודות הבורא. אונ אויך ראשו ווען ער טראכט מיט זיין קאפ אין עסקי עולם הזה על כרעיו ווען ער גייט מיט דיא פוס וועגין פרנסה ועל קרבו אונ ווען ער לייגט אין בויך אריין דאס עסין. זאל אלץ זיין די כוונה צו האבין כח צום לערנען: (י) ולא תותירו ממנו עד בוקר אונ ווען דער יצר הרע נעמט זיך איבער אייך אונ האט אייך דעם טאג אן גירעד איהר זאלט איהם הערין זאלט איהר זעהן בייא נאכט תשובה צו טוען דם איהר זאלט ניט איבער לאזין פון זיינע גידאנקין אין אייך ביז אין די פריא והנותר ממנו עד בוקר אונ ווען ער שטארקט זיך אונ עס בלייבט עפעס איבער באש דורך די תורה וואס ווערט גירופין אש תשרופו זאלט איהר דם ביסיל שלעכץ פר ברענען: (יא) וככה תאכלו אותו אונ ווען ער שטארקט זיך ווייטער זאלט איהר איהם אזוי פאר צערין מיט דעם וואס איהר זאלט זיך דר מאנען דעם יום המיתה וואס מתניכם חגורים אייערע לענדין וועלין זיין גיגורטין נעליכם ברגליכם [נעל איז דער טייטש אשלאס] אויף אייערע פיס וועט זיין שלעסער. כלומר זיי וועלין נישט קענען גיין. ומקלכם בידכם אונ אייערע שטעקינס אין אייערע הענד אזוי וויא דער מנהג איז דם מען שטעקט אריין אין דיא הענד פון מת שטיקליך האלץ אין די הענד ווען מען לייגט איהם אין קבר אריין אז איהר וועט זיך אין דעם דערמאנען ואכלתם אותו בחפזון וועט איהר דעם יצר הרע פאר צעהרין מיט איילעניש. כלומר איהר וועט איהם גיך מבטל זיין. אונ אויך איז די כוונה ואכלתם ווען איהר וועט עסין אונ טרינקען אותו בחפזון זאלט איהר זעהן צו איילין אויף צוא עסין. פון וועגין איהם ער זאל אייך ניט פאר ברענגען פול צייט ביים עסין אונ צוא רעדין דברים בטלים. נאר פסח הוא לה' דם עסין זאל זיין נאר די כוונה פון וועגין צו האבין כח צו שפרינגען צו עבודות ה'. דער מדרש מכילתא זאגט אויף דעם ווארט בחפזון זה חפזון שכינה. דיא שכינה האט גיאיילט פריער צו גיין יכול אף לעתיד לבוא יהא חפזון וואלט איך וועלין מיינען אז ווען משיח וועט קומען אונ עס וועט זיין דיא

גאולה

גאולה וועט אויך אַזוֹ זַיין דיא שְׁכִינָה זָאל זִיךְ אַיילִין פְרִיעֶר צוּ גֵיין תלמוד לומר שְׁטֵייט
אִין פָּסוּק (ישעיה נב) כי לא בחפזון תצאו וגו׳ אִיהר וֶועט נִיט אַרוֹיס גֵיין אוֹיף דֶעם
אוֹפֶן דָאס עֶס זָאל זַיין דוּרךְ אַייליְנִיש פוּן דִיא שְׁכִינָה כי הולך לפניכם ה׳ וָוארוּם גָאט
וֶועט זַיין פַאר אַייךְ ומאספכם אלהי ישראל אוּנ אוֹיךְ וֶועט עֶר זַיין אַייעֶר פַאר זַאמְלֶער
פוּן אַלֶע זַייטִין. אִיז דִיא כַּוָונָה אַזוֹי וָוארוּם אֶרֶץ מִצְרַיִם אִיז דָאךְ גִיוֶוען אַ מָקוֹם טוּמְאָה
אוּנ דִיא מִצְרִיִים הָאבֶּען גִילֵייקִינְט אִין הַשְׁגָחַת הַבּוֹרֵא. אִיבֶּער דֶעם שְׁטֵייט וה׳ הולך
לפניהם אוּנ גָאט אִיז גִיגַאנְגֶען פַאר זֵייא. אוּנ נִיט פוּן הוּנְטִין וַוייל אִין מִצְרַיִם אִיז גִיוֶוען
פוּל מִיט גֶעטְצִין אִיז דָאס נִיט קֵיין כָּבוֹד פַאר דִיא שְׁכִינָה זִיךְ אוֹיף צוּא הַאלְטֶען אִין
מִצְרַיִם. אִיבֶּער דֶעם הָאבִּין זֵיי בַּדַארְפְט גֵיין מִיט אַייליְנִיש זֵייא זָאלִין נִיךְ נָאךְ לוֹיפִין
נָאךְ דִיא שְׁכִינָה וָואס זִיא וִויל גִיכֶער אַוֶועק גֵיין. אָבֶּער צוּ דִי גְאוּלָה העתידה וָוס מִיר
הָאפֶען וָואס מִיר זֶענֶען הַיינְט נִיט אִין מָקוֹם טוּמְאָה. אוּנ אַלֶע אוּמוֹת גְלֵייבִּין אִין הַשְׁגָחַת
הַבּוֹרֵא. וֶועט זַיין פַאר גָאט אַ כָּבוֹד זִיךְ אוֹיף צוּא הַאלְטִין אִין גָלוּת צְווִישִׁין דִיא אוּמוֹת
וֶוען עֶר וֶועט קוּמֶען זֵייא נֶעמֶען אִין זֵייעֶר לַאנְד אַרַיין וֶועט מֶען שׁוֹין נִישְׁט דַארְפֶען זִיךְ
אַיילִין: (טו) שבעת ימים דֶער אוֹר פני משה טַייטְשְׁט עַל פִּי רֶמֶז אַזוֹי. עֶס שְׁטֵייט אִין
(תהלים) ימי שנותינו בהם שבעים שנה אוּנְזֶערֶע יָארִין זֶענֶען זִיבְּצִיג יָאר. אוּנ וֶוען מֶען
וֶועט דָאס רֶעכְנֶען אוֹיף צֶענְטְלִיג הֵייסְט דָאס זִיבִּין מָאל צֶעהְן. אוּנ אוֹיךְ גִיפוּנֶען מִיר
אִין דִיא גְמָרָא אַז דָס וָוארְט חמץ אוּנ דָאס וָוארְט שְׂאוֹר בַּוַוייזְט אוֹיף דֶעם יֵצֶר הָרָע. דָס
אִיז דִיא כַּוָונָה אִין דֶעם פָּסוּק שבעת ימים דִי זִיבִּין טֶעג דָאס מֵיינְט מֶען דִי זִיבִּין מָאל
צֶעהְן. דָאס אִיז דִיא זִיבְּצִיג יָאר פוּן מֶענְשׁ מצות תאכלו זָאלְט אִיהר נָאר עֶסִין מַצּוֹת
דָאס מֵיינְט מֶען אִיהר זָאלְט נָאר הֶערִין דֶעם יֵצֶר טוֹב אוּנ טוּעֶן תָּמִיד מִצְוֹת אוּנ לֶערְנִין
תּוֹרָה מִיר גִיפוּנֶען בַּייא נֹחַ וֶוען דֶער מַבּוּל אִיז גִיוֶוען שְׁטֵייט אִין (בראשית ז כג) וישאר
אך נח וגו׳ פוּן דֶעם מַבּוּל אִיז אִיבֶּער גִיבְּלִיבִּין נָאר נֹחַ מִיט דִיא וָואס זֶענֶען גִיוֶוען מִיט
אִיהם אִין תֵּבָה. דַרְשֶׁנְתְּ דִיא גְמָרָא אוֹיף דֶעם וָוארְט אַךְ. אַז אַלֵייבּ הָאט גִיגֶעבִּין אַ זֶעץ
צוּא נֹחַ אִין דִיא תֵּבָה הָאט עֶר גִיזוֹפְצְט. זֶעהְן מִיר אַז דָאס וָוארְט אַךְ אִיז דֶער טַייטְשׁ
זִיפְצִין. דָאס מֵיינְט דָא דֶער פָּסוּק אך ביום הראשון עֶס קוּמְט אָן שְׁוֶוער מִיט פוּל זִיפְצוּנְג
אִין דִיא עֶרְשְׁטֶע צֶעהְן יָארִין תשביתו שאור צוּ פַאר שְׁטֶערִין דֶעם יֵצֶר הָרָע וָואס וֶוערְט
גִירוּפִין שְׂאוֹר מבתיכם פוּן אַייעֶרֶע גוּפִים. כי כל וָוארוּם דַאמָאלְס אִין דִיא יוּנְגֶע יָארִין
אִיז אַלֶע גִידַאנְקֶען פוּן מֶענְשׁ אוכל חמץ נָאר צוּ הֶערִין דֶעם יֵצֶר הָרָע. אוּנ חָלִילָה וֶוען
דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט נִישְׁט נֶעמֶען זִיךְ מִיט זַיין שֵׂכֶל בַּקְלֶערִין דָאס עֶר זָאל נִיט הֶערִין
צוּם יֵצֶר הָרָע. נָאר עֶר וֶועט חָלִילָה נָאךְ גֵיין נָאךְ דֶעם יֵצֶר הָרָע וֶועט חָלִילָה זַיין
ונכרתה הנפש ההוא מישראל וֶועט חָלִילָה זַיין נְשָׁמָה וֶוערִין אָפּ גִישְׁנִיטִין פוּן דִי יִשְׂרָאֵל
אִיז דֶער פָּסוּק מְפוֹרָשׁ וֶוען אִיז דָאס מיום הראשון עד יום השביעי וָוארוּם וֶוען עֶר וֶועט
זִיךְ נִיט נֶעמֶען אִין דִיא יוּנְגֶע יָארִין נִיט צוּ הֶערִין צוּם יֵצֶר הָרָע נָאר עֶר וֶועט זִיךְ חָלִילָה
נֶעמֶען אִין דִיא יוּנְגֶע יָארִין אִיהם צוּא הֶערִין וֶועט עֶר זִיךְ שׁוֹין אַזוֹי פִירִין זַיין גַאנְצֶע
זִיבְּצִיג יָאר. וֶועט עֶר נִכְרַת וֶוערִין פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל חָלִילָה. אִיבֶּער דֶעם דַארְף דֶער
מֶענְשׁ זֶעהְן: (טז) וביום הראשון אַז תֵּיכֶף אִין דֶעם עֶרְשְׁטִין טָאג דָאס אִיז דִיא עֶרְשְׁטֶע
צֶעהְן יָאר מקרא קודש זָאל מֶען נֶעמֶען זִיךְ צוּא לֶערְנֶען תּוֹרָה. אוּנ עֶס שְׁטֵייט אִין
פָּסוּק (תהלים א) כי אם בתורת ה׳ חפצו דֶער צַדִיק טוּהְט נָאר זַיינֶע גִידַאנְקִין אִין דִי
תּוֹרָה פוּן גָאט. אִיז צוּם אָנְהֵייבּ וֶוען דֶער צַדִיק נֶעמְט זִיךְ צוּא לֶערְנֶען תּוֹרָה הֵייסְט
דִיא תּוֹרָה בַּיי אִיהם תּוֹרַת ה׳ גָאטְס תּוֹרָה. אוּנ דֶער נָאךְ אִיז ובתורתו יהגה יומם

ולילה

ולילה וָוען עֶר לֶערִינְט דִיא תּוֹרָה טָאג אוּנ נַאכְט אִיז עֶר זוֹכֶה אַז דִיא תּוֹרָה וֶוערְט גֶערוּפִין אוֹיף זַיין נָאמֶען. זִיא הֵייסְט תּוֹרָתוֹ זַיין תּוֹרָה. אוּנ דָאס אִיז אוֹיךְ דִיא כַּוָּונָה אִין דֶעם פָּסוּק וביום הראשון אִין דִיא עֶרְשְׁטֶע צֶעהְן יָאר הֵייסְט נָאךְ דִיא תּוֹרָה בַּייא דֶעם מֶענְשׁ וָואס עֶר לֶערִינְט אִיהר מקרא קודש עֶס אִיז אַהֵיילוּנְג לֶערְנוּנְג פוּן גָאט אָבֶּער וביום השביעי וֶוען דֶער מֶענְשׁ פִירְט זִיךְ אַזוֹ אַלֶע זַיינֶע זִיבְּצִיג יָאר אִיז וֶוען עֶר קוּמְט צוּ דִי זִיבֶּעטִי צֶעהְן יָאר אִיז שׁוֹין מקרא קודש יהיה לכם הֵייסְט שׁוֹין דִיא תּוֹרָה אִיז אַייעֶרֶע כל מלאכה יֶעדֶע אַרְבֶּעט וָואס עֶס אִיז נָאר וֶועגִין דֶעם חוֹמֶר וָואס דָאס וֶוערְט גִירוּפִין אַפְּרָאסְטֶע מְלָאכָה לא יעשה בהם זָאל נִישְׁט וֶוערִין גִיטוּעֶן אִין דִי זִיבְּצִיג יָאר אַךְ אשר יאכל לכל נפש נָאר דָאס וָואס מֶען בַּדַארְף פוּן וֶועגִין צוּא גֶעבִּין עֶסִין דֶעם גוּף פוּן וֶועגִין דִיא נְשָׁמָה זָאל זִיךְ קֶענֶען דֶער הַאלְטִין אִין דֶעם גוּף הוא לבדו יעשה לכם נָאר דָאס אַלֵיין זָאל וֶוערִין גִיטוּעֶן צוּ אַייךְ. אוֹיךְ אִיז דֶער פָּסוּק מְרַמֵז דָאס וָואס דִי גְמָרָא זָאגְט אַז וֶוען דִיא יִשְׂרָאֵל טוּעֶן דֶעם רָצוֹן פוּן גָאט אוּנ לֶערְנֶען תּוֹרָה טוּעֶן דִי פַיינְד זַייעֶרֶע אַרְבֵּייט דָאס אִיז דֶער פַּיטַשׁ יֵעָשֶׂה לָכֶם עֶס וֶועט וֶוערִין אַלֵיין גִיטוּעֶן צוּ אַייךְ אוּנ אִיהר וֶועט נִיט דַארְפִין אַרְבֵּייטִין: (יח) בראשון וגו׳ דֶער שְׁלִ״ה הַקָדוֹשׁ טַייטְשְׁט אַזוֹי עַל פִּי רֶמֶז דֶער יֵצֶר הָרָע וֶוערְט גִירוּפִין חָמֵץ אוּנ שְׂאוֹר וָוארוּם עֶר מַאכְט זוֹיעֶר כְּלוֹמֶר עֶר מַאכְט דָאס הַארְץ פוּן מֶענְשׁ קַאלְיֶע. אוּנ דֶר הֵייבְּט דָאס הַארְץ צוּ הַאלְטִין זִיךְ גְרוֹיס. אַזוֹ וִויא דָס שְׂאוֹר (הֵייוִוין) דֶער הֵייבְּט דָס טֵייג אוּנ דֶר יֵצֶר טוֹב וֶוערְט גִירוּפִין מַצָּה אוּנְזוֹיעֶר. עֶר הַאלְט אָפּ דָס הַארְץ עֶר זָאל נִישְׁט קַאלְיֶע וֶוערִין אוּנ זָאל זִיךְ נִישְׁט דֶער הֵייבִין. נָאר עֶר זָאל זַיין נִכְנָע פַר הַשִׁי״ת. אוּנ אוֹיךְ שְׁרַייבִּין סְפָרִים אַז דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט אַלֶע זִיבִּין יָאר פַאר עֶנְדֶערְט. עֶס בַּייט זִיךְ אִין אִיהם דִיא נַאטוּר. דָאס אִיז דֶער רֶמֶז בראשון אִין דִיא עֶרְשְׁטֶע צֶעהְן יָאר [אַזוֹי וִויא פְרִיעֶר שְׁטֵייט] בארבעה עשר יום וֶוען דֶער מֶענְשׁ הֵייבְּט אָן צוּ גֵיין אִין פֶערְצִיגְשְׁטֶן יָאר להודש וָוס עֶס וֶוערְט אִין אִיהם בַּאנַייעֶט דִיא נַאטוּר [בַּיים אָנְהֵייב פוּן דִיא דְרִיטֶע זִיבֶּן יָאהר] בערב אִין דֶעם דְרַייצֶענְטִין יָאר וָואס עֶס וֶוערְט אָן גֶערוּפִין עֶרֶב פוּן פֶערְצִינְטִין [אַזוֹ וִויא פְרַייטָאג הֵייסְט עֶרֶב שַׁבָּת] תאכלו מצות בַּדַארְפְט אִיהר זֶעהְן אִין זִיךְ אַיין צוּ וָוארְצְלֶען נָאר דִי גוּטֶע גִידַאנְקִין פוּן דֶעם יֵצֶר טוֹב עד יום האחד ועשרים בִּיז דָס אֵיינֶע צְוַואנְצִיגְסְטֶע יָאר לחודש וָוס דַאמָאלְס וֶוערְט וַוייטֶער דֶער נַאטוּר בַּאנַייעֶט. אוּנ זָאל זִיךְ אַזוֹי פִירִין בערב בִּיז נַאכְט בִּיז עֶר וֶועט שְׁטַארְבִּין: [יט] שבעת ימים דִי גַאנְצֶע זִיבֶּן צֶענֶער יָארִין שאור לא ימצא בבתיכם זָאל דֶער שְׂאוֹר פוּן יֵצֶר הָרָע נִישְׁט וֶוערִין גִיפוּנֶען אִין אַייעֶרֶע אַלֶע אֵבָרִים. אוּנ זָאל דֶעם שְׂאוֹר דָס אִיז דִיא שְׁלֶעכְטֶע גִידַאנְקֶען פוּן יֵצֶר הָרָע זֶעהְן מְבַעֶר צוּ זַיין פוּן אַלֶע עֶרְטֶער פוּן גוּף דָס מויל זָאל מֶען בּוֹדֵק זַיין נִיט צוּא רֶעדִין קֵיין לָשׁוֹן הָרָע. רְכִילוּת. לֵיצָנוּת. פַאלְשֶׁע שְׁבוּעוֹת. אוּנ קְלָלוֹת. אוּנ דְבָרִים בְּטֵלִים. אוּנ אָפּ הִיטִין נִיט צוּ עֶסִין קֵיין טְרֵפוֹת. דָס הַארְץ זָאל מֶען בּוֹדֵק זַיין נִיט צוּ טְרַאכְטֶען שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת אוּנ דִי אוֹיגִין מִיט זֵיי נִיט צוּ זֶעהְן קֵיין שְׁלֶעכְטֶע זַאכֶען נָאר צוּ זֶעהְן אִין תּוֹרָה אוּנ אוֹיפְזֶעהְן אוֹיף דִי עֲנִיִים זֵייא צְדָקָה צוּ גֶעבִין. דֶעם קָאפּ בּוֹדֵק צוּא זַיין זָאל נִיט גֵיין אוֹיף גִיהוֹיבִין בְּגַאֲוָה. אוּנ זָאל נִיט הָאבִּין אִין מוֹחַ קֵיין שְׁלֶעכְטֶס בְּזִכָּרוֹן אוּנ אַזוֹ דִי הֶענְד בּוֹדֵק זַיין פוּן שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשׂ- גְנֵבָה גְזֵילָה שְׁלָאגֶען אוּנ נָאךְ דִי פוּס זָאלִין נִישְׁט גֵיין אִין שְׁלֶעכְטֶע מְקוֹמוֹת צוּ טוּעֶן שְׁלֶעכְץ נָאר אַדְּרַבָּה מִיט דִי אַלֶע אֵבָרִים זָאל מֶען נָאר בַּאנוּצֶען צוּ גוּטְס כי כל אוכל חמץ וָוארוּם דֶער וָוס וֶועט הָאבִּין אִין דִי גִידַאנְקֶען צוּ טוּעֶן שְׁלֶעכְץ ונכרתה הנפש וגו׳ וֶועט עֶר וֶוערִין

פאר

פאַר שְׁנִיטֶען פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל : [כ] כל מחמצת לא תאכלו עֶפֶּעס אַשְׁלֶעכְטִין גִידַאנְק
זָאלְט אִיהר נָאר נִיט אָן הֵייבִּין צוּ טְרַאכְטִין דָם וֶוערְט גִירוּפֶען סור מרע טוּה אָפּ פוּן
צוּ טוּעֶן שְׁלֶעכְץ אוּנ דֶער נָאךְ ועשה טוב זָאלְסְט דוּ טוּעֶן גוּטְס . פְרִיֶער דַארְף מֶען זִיךְ
נִזְהָר זַיין מֶען זָאל נִיט עוֹבֵר זַיין אוֹיף דִיא לָאוִוים פוּן דִיא תּוֹרָה אוּנ דֶער נָאךְ בכל
מושבותיכם תאכלו מצות וִויא אִיהר זִיצְט זָאלְט אִיהר מְקַיֵּים זַיין דִיא מִצְוֹת עֲשֵׂה :
[לג] והחזק מצרים עַל פִּי רֶמֶז טַייטְשְׁט דֶער אור פני משה אַזוֹ דִי מִצְרִיִּים דָאס מֵיינְט
מֶען דִי גִידַאנְקִין פוּן יֵצֶר הָרָע שְׁטַארְקִין זִיךְ על העם אוֹיף דִיא אֵבָרִים למהר דֶער גוּף
זָאל זִיךְ אַיילִין לשלחם זֵיי צוּ בֶּעפְרַייעֶן אוּנ אַוֶועק שִׁיקֶען מן הארץ פוּן דִיא עֶרְדְלִיכֶע
תַּאֲווֹת כי אמרו כולנו מתים וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ בַּאקְלֶערְט אַז זַיין סוֹף וֶועט זַיין עֶר
וֶועט דַארְפִין שְׁטַארְבֶּען אוּנ דִי אֵבָרִים אַלֶע וֶועלִין שְׁטַארְבִּין . וֶועט עֶר שׁוֹין נִיט וֶועלִין
זוּנְדִיגִין : [לה] ובני ישראל עשו כדבר משה זֵייא הָאבִּין נָאר גִיטוּעֶן
ווייל מֹשֶׁה הָט דָם זֵיי גִיהֵייסִין וישאלו ממצרים כלי כסף וכלי זהב ושמלות דָאס וָואס
זֵיי הָאבִּין פַאר לַאנְגְט פוּן דִי מִצְרִיִּים זִילְבֶּערְנֶע אוּנ גָאלְדֶענֶע כֵּלִים אוּנ קְלֵיידֶער . זֵייא
הָאבִּין דָאס נִיט גִימֵיינְט פַר זִיךְ פוּן תַּאֲוָה וֶועגִין . נָאר זֵיי הָאבִּין גִיטוּעֶן דָאס בַּפֶעל
פוּן מֹשֶׁה :

יג [ו] שבעת ימים דִי גַאנְצֶע זִיבִּין טֶעג דָם אִיז דִי זִיבִּין צֶעהֶער יָארִין דִי זִיבְּצִיג יָאר
תאכל מצות זָאלְסְטוּ נָאר טוּעֶן מִצְוֹת וביום השביעי חג לה׳ וֶועסְט דוּ זוֹכֶה זַיין
צוּ זַיין אִין דֶעם סוֹף פוּן לֶעבִּין אִין גַן עֵדֶן אוּנ נֶהֱנֶה זַיין פוּן זִיו הַשְּׁכִינָה : [ז] מצות
יאכל את שבעת הימים דִי גַאנְצֶע זִיבְּצִיג יָאר זָאל מֶען נָאר טוּעֶן מִצְוֹת ולא יראה לך
שאור בכל גבולך אוּנ עֶס זָאל בַּיי דִיר קֵיין שְׁלֶעכְטֶער גִידַאנְק פוּן יֵצֶר הָרָע נִישְׁט זַיין :
[ח] והגדת לבנך אוּנ דוּ זָאלְסְט דָם זֶעלְבִּיגֶע זָאגִין צוּ דַיין זוּהן דָם עֶר זָאל זִיךְ אוֹיךְ
נָאר אַזוֹי נוֹהֵג זַיין בְּדֶרֶךְ הַתּוֹרָה אוּנ וֶוען דֶער יֵצֶר הָרָע וֶועט וֶועלִין חָלִילָה דִיר אַיין
רֶעדִין דוּ זָאלְסְט זִיךְ נָאךְ גֶעבִּין דִי תַּאֲווֹת עוֹלָם הַזֶּה . זָאג אִיךְ דִיר ביום ההוא לאמר
דוּ זאלְסְט אִין זִיךְ זָאגִין אַז נָאר דֶעם טָאג דַארְפְסְט דוּא לֶעבִּין וֶועט עֶר שׁוֹין פוּן דִיר
אַוֶועק גֵיין . אוּנ נָאךְ זָאלְסְטוּ זָאגִין דַיין זוּהן בעבור זה פוּן וֶועגִין דֶעם וָואס אִיךְ לֶערְין
נָאר תָּמִיד דִי תּוֹרָה עשה ה׳ לי הָט מִיר גָאט מִיט זַיין הִילְף גִימַאכְט בצאתי ממצרים
אִיךְ בִּין שׁוֹין אִין גַאנְצִין אַרוֹיס גִיצוֹיגִין גִיוָוארִין פוּן דֶעם אַיינְגְשַׁאפְט פוּן יֵצֶר הָרָע :

# פרשת בשלח

[יז] ויהי בשלח פרעה את העם סְפָרִים שְׁרַייבִּין אַז העם גֵייט נִיט אוֹיף דִי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל
נָאר אוֹיף דִי עֵרֶב רַב וָואס זֶענֶען מִיט גִיגַאנְגֶען מִיט דִי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל . דָאס
מֵיינְט דֶער פָּסוּק ווייל פַּרְעֹה הָט מִיט גֶעשִׁיקְט דָם עם דָאס אִיז דִי עֵרֶב רַב . אִיבֶּער
דֶעם ולא נחם וגו׳ הָט גָאט זֵיי נִישְׁט גִיפִירְט קֵיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל מִיט דֶעם וֶועג פוּן לַאנְד
פְּלִשְׁתִּים כי וגו׳ וָוארוּם גָאט הָאט גִיטְרַאכְט פֶּן ינחם העם טָאמֶער וֶועלִין זִיךְ בַּרֶענְקִין
דָאס עַם דִי עֵרֶב רַב בראותם מלחמה וֶוען זֵיי וֶועלִין זֶעהֶן אַמִלְחָמָה ושבו מצרימה וֶועלִין
זֵיי צוּרִיק קֶערִין דוּרְךְ דֶעם וֶועג וָואס עֶר אִיז נָאעֶנְט צוּא מִצְרַיִם אוּנ וֶועלִין אָנְרֶעדִין
אוֹיךְ דִי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל . זֵייא זָאלִין מִיט זֵייא צוּרִיק גֵיין . פוּן דֶעם אִיז אַרוֹיס צוּ נֶעמֶען
דָם מֶען בַּדַארְף זִיךְ גוּט מִיט שֵׂכֶל אַרוּם זֶעהֶן אוּנ פַאר צָאמֶען דָם מֶען זָאל נִיט קוּמֶען
חָלִילָה צוּ עֶפֶּעס צוּ טוּעֶן שְׁלֶעכְץ : [כ] ויסעו וגו׳ דֶער אור פני משה טַייטְשְׁט עַל פִּי

רמז אזוי · אין די גמרא שטייט אז אסוכה הייסט אדירת ערעי אוואהנונג אויף אקליינע צייט . איבער דעם ווערט גירופען די עולם הזה סוכה . ווארום ער לעבט דאך נאר אין איהר אקליינע צייט . די זיבציג יאהר וואס דער מענטש לעבט. דאס איז דער רמז ויסעו מסכות ווען די מענשין ציען אוועק פון צו מאכין די עולם הזה נאר פר אסוכה . ווס דם איז נאר אויף אקליינע צייט . אזוי ווי אסוכה זיצט מען נאר אין איהר זיבין טעג . אזוי אין עולם הזה זיצט מען אויך מער נישט וויא זיבין מאל צעהן דאס איז זיבציג יאהר . אונ די מענטשין טראכטין אבער אז דיא וועלט איז פר זיי אויף אייביג ויחנו באתם אונ זייא רוען אין די תאוות פון עולם הזה מיט שטארקיים . ווס איז דר סוף פון די מענשין בקצה ביא דעם סוף פון זייער לעבין ווען זיי וועלין שטארבין המדבר וועלין זיי מוזען גיין אין גיהנם אריין וואס די טיער פון גיהנם איז אין די מדבר . אונ די מענשין קענין ניט זאגין אתירוץ אז דער יצר הרע רעדט זיי אן צו דעם . זאגט דער פסוק : [כא] וה' הולך לפניהם יומם ווען דער מענטש וויל זיך נאר נעמען צוא תורה ומצות וואס זייא מאכען תמיד לייכטין די אויגין פון דעם ווס ער איז עוסק אין זיי . אונ עס איז ביא אים תמיד טאג . גייט נאט פריער פאר די דאזיגע מענטשין אונ עס איז זיי תמיד ליכטיג . בעמוד ענן ווען אויך דיא נשמה איז אין דעם וואלקענדיקין זייל דאס איז דער חומר אבער גאט שיקט אין זיי זעלבע גידאנקען לנחותם הדרך זיי זאלין זיי פירין אין דעם דרך האמת פון די תורה ולילה אונ די גאנצע צייט פון מענטשינס לעבין בעולם הזה וואס דם איז אנטקעגין עולם הבא גלייך ווי נאכט . זאל ער גאר זיך פירין בעמוד אש מיט דעם פייערדיגין זייל פון די תורה להאיר להם דם וועט זיי לייכטין ללכת צו גיין לעולם הבא וואס דארט איז יומם ולילה טאג אונ נאכט איז דארט גלייך עס איז תמיד ליכטיג דארט . אונ דער מענטש זאל זיך נישט טראכטען ווס וועט זיין גוף האבין פון דעם בעולם הבא . זאגט איהם דער פסוק : [כב] לא ימיש עמוד הענן יומם דעם גוף וואס ער איז אפונסטערער חומר אזוי ווי אוואלקינדיגער זייל וועט גאט איהם ניט אפ טוען בעולם הבא ווס ווערט גירופין תמיד טאג . נאר ווען איז דאס ועמוד האש ווען דיא פייערדיגע זייל דם איז די תורה איז ביים מענטש לילה בעולם הזה ווס זי איז גלייך צו נאכט לפני העם פר אלע זיינע אברים איז די פייערדיגע זייל פון די תורה . ער מאטערט זיך אין די תורה מיט אלע כחות . ווערין די אלע אברים אויס גיאיידילט אונ ווערין אדבר רוחניי גלייך ווי די נשמה אונ זענען ביידע נהנה מזיו השכינה · אונ דער ספר זאת זכרון שרייבט דעם רמז אזוי . די גמרא (ברכות נד) זאגט סברך על הרעה מעין על הטובה פייטשין כפרים אזוי די כוונה ווען דעם מענטש טרעפט חלילה עפעס שלעכץ דארף ער אויף דעם לויבין גאט מיט שמחה גלייך וויא עס וואלט איהם גיטראפין אטובה . ווארום מאתו לא תצא הרעות פון גאט קומט ניט קיין שלעכץ נאר עס וועט געווים דער נאך ארויס קומען פון דעם אטובה . איבער דעם בדארף ער אויף דעם שלעכטין טרעפונג אויך זיין מלא שמחה ועל הטובה מעין על הרעה אונ ווען עס גייט דעם מענטשין גוט בדארף ער זיין ביי זיך שפל אונ ניט האלטין זיך בגאוה גלייך ווי עס וואלט איהם גיגאנגען שלעכט . ווארום ווען ער וועט זיך האלטין בגאוה וועט גיווים דער סוף זיין שלעכט . אונ דאס איז די כוונה אין דעם פסוק לא ימיש עמוד הענן מען בדארף זעהן עס זאל ניט ווערין אפ געטוען די שפלות אונ ענוות פון מענטש יומם ווען עס איז איהם ליכטיג אין די אויגין ווען עס גייט איהם גוט ער איז אעושר ועמוד האש אונ די שמחה זאל ניט ווערין אפ גיטוען לילה ווען אויך עס גייט

איהם

איהם שלעכט אונ עס איז איהם פינצטער לפני העם דס איז אבער פר דעם גאנצע פאלק זייא זאלין זיך אזוי פירין :

יד [א] וידבר ה' אל משה טייטשט דער אור פני משה אזוי. דאס איז ידוע אז דאס ווארט דבר איז אלשון קשה צו רעדין שווערע און שטראף רייד. אונ דאס ווארט אמר איז אלשון רכה צו רעדין ווייכע רייד. רעדט גאט צו משה אונ זאגט אים. ווען דו משה וועסט וועלין זאגין מוסר צו די ישראל לאמר זאלסטו זייא פריער זאגין ווייכע רייד. זאלסט זייא געבין פרשטיין מיט ווייכע רייד וויא זייא זאלין זיך פירען. נאר ווען זיי וועלין דיך מיט גיטינס ניט הערין באמאלס : [ב] דבר אל בני ישראל זאלסטו צו זיי רעדין שטראף רייד. אונ זאלסט זיי זאגען וישבו זייא זאלין צוריק קערין פון זעהר שלעכטס זייא זאלין טוען תשובה. אונ דער נאך ויחנו לפני פי החירות זאלין זייא ריהען בייא דיא תורה וואס מען לערינט איהר מיט דעם טויל אונ וועהר עס לערינט איהר ווערט ער אבן חירין ער איז פרייא פון עול הפרנסה גאט שיקט אים צו זיין פרנסה גרינג. אונ אויך איז ער פריי פון יצר הרע. אונ ווען זייא וועלין אזויא טוען וועלין זיי זיין בין מגדל וועהער שטארק אזוי וויא אטארים ובין הים אונ אזויא שטארמיק אזויא וויא דיא וואסער לפני בעל צפון אנטקעגין דעם יצר הרע וואס ווערט גערופען הצפוני. נכחו ווען איהר ווילט זיין אנטקעגין איהם. אונ אים מנצח זיין תחנו זאלט איהר רוען על הים ביי דעם ים התורה. אונ ווען איהר וועט זיך אזוי פירען. [ג] ואמר פרעה דער מדת הדין ווערט גערופען פרעה. ווארום פרעה איז טייטש צאלין. אונ דער מדת הדין זעהט נאר צו צאלין שטראף דיא מענטשין וואס לערנען ניט דיא תורה. אבער ווען מען לערינט יוא די תורה. וועט אפילו דער מדת הדין זאגין מיט ווייכע רייד לבני ישראל אויף דיא בני ישראל נבוכים הם בארץ זיי זענען תמיד פאר בלאנזעט בעולם הזה. זייא ווייסין ניט וואס מיט זייא טוט זיך פון פיל צרות. אונ פון דעסט וועגין לערנען זייא נאך דיא תורה. איבער דעם סגר עליהם המדבר ווערט פאר שלאסען פון זייערט וועגין דיא טיר פון גהינם ויא איז אין די מדבר. זאגט ווייטער דער פסוק : [ד] וחזקתי אפילו ווען איך גאט טוה שטארקען את לב פרעה דאס הארץ פון יצר הרע וואס ער ווערט גערופען פרעה ווייל פרעה איז טייטש צו שטערין אין דער יצר הרע צושטערט דעם מענטש פון גאטס דינסט. אונ ורדף אחריהם דער יצר הרע יאגט זיי נאך אונ רעדט זייא אפ פון צו לערנען תורה. זאלין זייא נישט זאגין גאט האט דאך דעם יצר הרע בשאפען אונ אז ער רעדט אונז אן צו שלעכטס מן הסתם איז אזויא דער רצון פון גאט. זאג איך אייך עס איז נישט אזויא. דאס איז נאר פון וועגין ואכבדה איך זאל ווערין גיערליכט בפרעה ובכל חילו. דורך דעם יצר הרע מיט זיינע כחות וואס זייא רעדין אן דעם מענטש צו שלעכטס און ווען דער מענטש הערט זייא נישט. פאר שטייט מען דאך פאר וואס איז דאס וואס דער מענטש הערט נישט דעם יצר הרע מיט זיינע כחות הטומאה. איז דאס ווייל דער מענטש האט אין זיך דיא נשמה הקדושה וואס זיא איז אחלק אלוה ממעל. אונ זיא לאזט נישט דעם מענטש צו טוען שלעכטס. וידעו מצרים ווערין אלע כחות הטומאה צו בראכען (דאס ווארט וידעו געפינען מיר אין פסוק איז טייטש צו ברעכין) כי אני ה' ווארום איך בין גאט ויעשו כן בבארפען זייא אזוי טוען : [ה] ויגד למלך מצרים אונ ווען עס ווערט גזאגט צו דעם שטן וואס ער איז דער מלך איבער די כחות הטומאה. כי ברח העם אז אלע אברים פון מענטש זענין אנטלאפען פון אים אונ ווילען אים ניט הערין ויהפך לבב פרעה ווערט איבער גיקערט דאס הארץ פון דעם שטן וואס ער איז דער יצר הרע ועבדיו אונ אויך דאס

הארץ

הארץ פון זיינע כחות דאס איז דיא קליפות אל העם נאך צו יאגען נאך דיא געדאנקען פון
מענטש זייא אריין צו חאפין אין זעהר געץ. ויאמרו מה זאת עשינו אונ זיי זאגין וואס
האבין מיר גיטוען כי שלחנו את ישראל וואס מיר האבין אוועק געשיקט די ישראל
מעבדנו ער זאל גאר ניט טוען אונזער עבודה אונ תיכף הייבין זיי אן דעם מענטש אן
צו ריידין מיט זייערע פאלשע רייד אונ זאגין איהם אמת מען בדארף מאקע צוא דינען
גאט. אבער פר געס ניט אז דו בדארפסט לעבין אונ בדארפסט געבין צו עסין ווייב
אונ קינדער. אונ ווען דו וועסט נאר פאר ברענגען דיא צייט מיט דעם לערנען. פון
וואס וועסטו דו ווערין גישפייזט. וואס ווילסט דו זיין אעני ואביון צו ליידין צרות אונ
דחקות. דו הער מיך וואס איך וועל דיר זאגין אעצה טובה שפאן איין פערד אונ פאר
אויף ירידים האנדלען סחורה. אבער אויף דיא שיפען אויף דעם ים וועסט דו פר דינען
פול געלד. אונ דער נאך אויף דיא עלטער ווען דוא וועסט שוין האבין פול פארמעגין
באסאלם וועסט דו זיך זעצין אין בית המדרש אריין אונ וועסט לערנען. אזוי רעדט
איין דער יצר הרע דעם מענטש. זאגט אבער דער פסוק: (ו) ויאסור את רכבו ווען
דער מענטש וועט איינשפאנען זיין קאטש וואס דאס קומט דורך דעם שטן ואת עמו
לקח עמו זאלסטו מענטש וויסין אז דר יצר הרע וועט דיר אין גאנצין מיט אלע אברים
מיט נעמען מיט זיך אין זיין נעץ אריין. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אוהב כסף לא
ישבע כסף דער וואס הייבט נאר אן ליעב צו האבין געלד. קען ער נישט זיך זעטיגען
מיט וויא פול ער האט: (ז) ויקח שש מאות וגו׳ אונ נעמט זיך אלע מאל מער עוסק
צו זיין אין די גישעפטין דם ער זאל נאך האבין מער פארמעגין ושלישים אונ וויל דם
זיין הויז גיזונד זאל זיין הארין זיי זאלין זיין שררים על כלו אונ וויל זיין איבער אלע
רייכער פון אנדערע עשירים. איבער דעם בדארפסט דוא מענש זיך נישט לאזען אן
ריידין. נאר זאלסט תמיד אין דיא יונגע יארין זיצין אונ לערנען. אונ זאל זיך בגיגן
לאזין מיט די פרנסה וום ער הט. אונ האבן בטחון אין גאט ער וועט איהם ווייטער
אויך העלפין אונ זאל ניט זאגין מיר זעהן דאך אז צו די מענטשין וום לערנען תמיד איז
אויך ביי זיי דא דער יצר הרע. אונ ביי מיר וויל אויך דער יצר הרע זיין. איז דאך
פר מיר בעסער איהם תיכף צו הערין. זאגט דער פסוק: (ח) ויחזק ה׳ את לב פרעה
מלך מצרים ווען אויך מיר זעהן אז גאט שטארקט דעם יצר הרע מיט זיינע כחות
וירדוף אחרי בני ישראל אונ יאגט נאך די בני ישראל די צדיקים. זאג איך דיר אבר
ובני ישראל יוצאים די צדיקים גייען ארוים פון די הענד פון יצר הרע ביד רמה דורך
דעם וום זיי הייבין אויף זייערע הענד צו גאט אונ זענען מתפלל. אונ גאט העלפט זיי
פון יצר הרע. ווארום גאט האט דאס נאר גיוואלט דעם צדיק פרובין אונ דיר וועט
אויך גאט העלפין. אונ אויך זאלסט דוא וויסין אז: (ט) וירדפו מצרים אחריהם דיא
כחות פון יצר הרע טוען תמיד נאך לויפען נאך די ישראל. אבער וישיגו אותם חונים
על הים ווען זיי קומען צו זיי אונ קריגין זיי דאס זיי רען ביי דיא תורה כל סוס רכב
פרעה ופרשיו וחילו זענען די אלע כחות נאר גלייך ווי איין פערד כלומר זיי ווערין
שוואך. ווארום על פי אויף דעם מ״ל איז החירות די תורה וום זי מאכט דעם מענש
אבן חורין לפני בעל צפון פון פר דעם יצר הרע וום ווערט גירופין הצפוני. אונ ווען
אויך: (י) ופרעה דר יצר הרע הקריב מאכט זיך גינעהענען צום מענש אבער וישאו בני
ישראל את עיניהם די צדיקים הייבין אויף זייערע אויגין מיט שכל והנה מצרים נוסע
אחריהם אונ באקלערין ווען זיי וועלין נאר עפעס אן הייבין צו הערין צום יצר הרע.

ווערין

וועלן תיכף די אלע כוחות אלע קליפות זיינע נאך ציהען נאך זיי ויראו מאוד האבין זיי זעהר מורא געהאט, האבער וועט זיך דער יצר הרע איבער זיי שטארקין ויצעקו בני ישראל אל ה׳ הייבין זיי אן צו שרייען מיט תפלה צו גאט: (יא) ויאמרו אונ זאגין צו גאט. אל משה (משה איז טייטש אויס ציהען) ער זאל זעהן זיי אויס צו ציהען פון די נעץ פון די כוחות פון יצר הרע אונ זאגין המבלי אין קברים במצרים איז דען נית דא קיין קברים פון וועגין די כוחות כלומר זאלין זיי שוין בטל ווערין אין גאנצין. ווארום לקחתנו למות במדבר ווען דוא וועסט זיי נית מבטל זיין וועט דאס היסין וויא דו גאט האסט אונז גנומען אונ איבער גיגעבין צו זיי: דאס מיר זאלין שטארבין אונ זיין אין גיהנם. מה זאת וואס איז דאס עפעס עשית לנו דו אליין בדארפסט האבין גיטוען צוא אונז להוציאנו ממצרים אונז אויס צו ציהען פון די כוחות פון יצר הרע: (יב) הלא זה הדבר אשר דברנו אליך דאס איז די רייד וואס מיר ריידין צו דיר שווערע רייד אז דו ביזט אליין אין דעם שולדיג ווארום דו קענסט זיי מבטל זיין לאמר אונ מיר זאגען מיט ווייבע רייד אונ בעטין דיך חדל ממנו ונעבדה את מצרים פר מייד פון אונז דאס די עבודה צו דיר גאט זאל זיין דורך זיי. וואס מיר זאלין זיך בדארפין שטארקין אויף זיי כי טוב לנו עבוד ווען איך עם וועט זיין צו אונז גוט ווען מיר וועלין דיר גאט דינען את מצרים דורך דעם וואס מיר וועלען זיך שטארקין אויף דיא כחות הטומאה האבין מיר אבער מורא ממותנו במדבר טאמער וועלין מיר זיך חלילה נית קענען שטארקין אויף זיי וועלין מיר חלילה שטארבין אונ זיין אין גיהנם: (יג) ויאמר משה אל העם גאט וואס ער איז דער אויס ציהער פון די קליפות זאגט צום פאלק אל תיראו האט נית קיין מורא התיצבו שטעלט זיך נאר מיט כח אנטקעגין זייא וראו את ישועת ה׳ וועט איהר זעהן דם גאט וועט אייך העלפין אשר יעשה לכם היום אונ אויך זאלט איהר באקלערין מיט אייערע גידאנקען דאס (חיים כלכם היום) איהר האט נאר דעם טאג צו לעבין איהר זאלט זיך דער מאנען דעם יום המיתה. איך זאלט איהר לערנען די תורה מיט חשק גלייך (אשר אנכי מצוך היום) וויא איך וואלט דיר היינטיגין טאג איהר דיר גיגעבין אונ אויך (היום לעשותם) נאר היינטיגין טאג ווען דו לעבסט קענסט דוא טאן מצות. וועט דאס דיר מאכען כי אשר ראיתם את מצרים היום ווען אויך איהר זעט היינטיגין טאג די כחות פון יצר הרע לא תוסיפו לראותם עוד עד עולם וועט איהר זיי שוין נית מערין צו זעהן אויף אייביג. זיי וועלין פון אייך אין גאנצין בטל ווערין. (יד) ה׳ ילחם לכם גאט וועט שוין האלטין מלחמה מיט זייא פון אייערט וועגין ואתם תחרישון אונ איהר וועט שוין שווייגין אונ נית בדארפין שרייען: דער ספר אבק סופרים שרייבט אויף דעם פסוק אז דער ירושלמי מס׳ פאה זאגט אטעם אויף דעם וואס אין סוף צייטין פון שאול המלך ווען אויך עס איז גיוועזן ביי זיי גרויסע לומדים אונ קדושי עליון פון דעסט וועגין האבין זיי נית מנצח גיוועזן אין זייערע מלחמות. אונ אין די צייטין פון אחאב המלך איז גיוועזן רשעים גמורים פון דעסט וועגין האבין זייא יוא מנצח גיוועזן אין זייערע מלחמות. איז דיא מעשה פון דעם אזוי. אין דיא צייטין פון שאול זיינען גיוועזן מוסרים. בעלי רכילות אזוי וויא דואג את די מענטשין פון זיף אונ נאך אזעלכע דרום זיינען זיי גיפאלין אין דיא מלחמה. אונ אבער אין די צייטין פון אחאב איז נית גיוועזן קיין לשון הרע אונ רכילות. דרום האבין זיי מנצח גיוועזן. דאס איז די כוונה אין פסוק ה׳ ילחם לכם גאט וועט אייך העלפין איהר זאלט מנצח זיין די מלחמה. נאר ואתם תחרישון איהר זאלט שווייגין פון צו ריידין רכילות אונ לשון

הרע

הָרע. אוּנ דָעסְט גְלַייכְן וָועט מֶען זָגֶען מְנַצֵחַ זַיין דִי מִלְחָמָה מִיט דֶעם יֵצֶר הָרָע בַּדַארְף
מֶען זִיךְ אויךְ צוּ שְׁלִיסְן דָאס מוֹיל נִיט צוּ רֶעדִין קֵיין דְבָרִים רָעִים וָועט אִיהם גָאט
זַיין צוּ הִילְף: אוּנ דֶער סֵפֶר באר משה שְׁרַייבְּט אַזוֹי ה׳ ילחם וָוען אוֹיךְ אַלֶע מִלְחָמוֹת
הֵן פוּן דִי שׂוֹנְאִים הֵן פוּן דֶעם גְרֶעסְטִין שׂוֹנֵא דָאס אִיז דֶער יֵצֶר הָרָע. הֶעלְפְט גָאט
מֶען זָאל זֵיי מְנַצֵחַ זַיין. פוּן דֶעסְטְווֶעגִין לכם וָועט גָאט דָם אָן רוּפֶען אוֹיף אַייךְ דָאס
אִיהר הָט דָם מְנַצֵחַ גִיוָועֶן נָאר ואתם תחרישון אָבֶּער אִיהר זָאלְט שְׁוַויינִין זִיךְ צוּ בַּארִימֶען
דָאס אִיהר הָט דָאס מְנַצֵחַ גִיוָועֶן ויבא בין מחנה מצרים ובין מחנה ישראל וָוען דִיא
שִׂנְאָה קוּמְט אַרַיין צְווִישִׁין דִי שׂוֹנְאִים אוֹיף דִי יִשְׂרָאֵל ויהי הענן והחושך אוּנ עֶס
וָוערְט צוּ דִי יִשְׂרָאֵל דוּרְךְ דֶעם זֵייעֶר פִינְצְטָער פוּן פוּל צָרוֹת אוּנ גְזֵירוֹת. אִיז דָאס
אַסִימָן אַז ויאר את הלילה דָאס גָאט וָועט מַאכִין שׁוֹין לִיכְטִיג דֶעם גָלוּת. זָאגְט דֶער
פָּסוּק פוּן וָואס קוּמְט דִי צָרוֹת ולא קרב זה אל זה כל הלילה ווייל דִיא יִשְׂרָאֵל וָוען
אוֹיךְ זֵיי זֶענֶען אִין גָלוּת פוּן דֶעסְטְווֶעגִין גִיגֶעהֶגֶען זַייא נִיט אֵיינֶער צוּם אַנְדֶערֶען מִיט
אַחְדוּת. נָאר עֶס אִיז דָא צְווִישִׁין זֵיי שִׂנְאָה. אִיבֶּער דֶעם אִיז דֶער גָלוּת זֵייעֶר בִּיטֶער
אִיבֶּער דֶעם בַּדַארְף מֶען זֶעהְן נִזְהָר זַיין אִין דֶעם נִישְׁט צוּ הָאבִּין קֵיין שִׂנְאָה אוֹיף דֶעם
אַנְדֶערְן הֵן אוֹיף אַיִשְׂרָאֵל הֵן אוֹיף אַנָכְרִי. נָאר מֶען זָאל זַיין אַלֶע שָׁלוֹם מִיט אַחְדוּת
אֵיינֶער זָאל דֶעם אַנְדֶערֶען הֶעלְפִין אוּנ זָאל נִיט קוּקִין וָוס דֶר אַנְדֶערֶער אִיז הֵן אַיִשְׂרָאֵל
הֵן אַנָכְרִי זָאל אַלְס זַיין בַּייא אִיהם גְלַייךְ: (כב) ויבאו בני ישראל בתוך הים וָוען דִיא
יִשְׂרָאֵל קוּמֶען אַרַיין אִין דֶעם יָם פוּן דִי תּוֹרָה ביבשה דוּרְךְ דֶעם וָוס זֵיי טְרִיקֶענֶען זִיךְ
אוֹיס פוּן תַּאֲווֹת עוֹלָם הַזֶה והמים להם חומה אִיז דִי תּוֹרָה צוּ זַייא אַמוֹיעֶר מימינם
ומשמאלם פוּן זֵייעֶר רֶעכְטֶע זַייט אוּנ פוּן זֵייעֶר לִינְקֶע זַייט אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין
פָּסוּק אורך ימים בימינה אִין אִיהר רֶעכְטֶע זַייט אִיז לַאנְגֶע יָארִין בשמאלה עושר וכבוד
אִין אִיהר לִינְקֶע זַייט אִיז רַייכְקֵייט. אִיז דָא אוֹיךְ אַזוֹי דִי כַּוָונָה דִי תּוֹרָה אִיז אַמוֹיעֶר
אשְׁטַארְקֵייט צוּם מֶענְטְשׁ הֵן אִין אֲרִיכוּת יָמִים הֵן אִין עֲשִׁירוּת: (כה) ויסר וגו׳ וָוען גָאט
הָאט אָפּ גֶעטוּעֶן דִי רֶעדֶער פוּן דִי בַּייטְוָועגִין פוּן דִי מִצְרִיִים אוּנ הָאבִּין זִיךְ גִישְׁלֶעפְּט
מִיט שְׁוֶוערְקֵייט ויאמר מצרים אנוסה מפני ישראל זָאגִין דִי מִצְרִיִים לָאזִין מִיר אַנְטְלוֹיפִין
פוּן פַר דִי יִשְׂרָאֵל. נָאר מִיר קֶענֶען נִיט אַנְטְלוֹיפִין קֵיין מִצְרַיִם כי ה׳ נלחם להם
במצרים וָוארוּם גָאט הָאלְט מִלְחָמָה פוּן וֶועגִין דִי יִשְׂרָאֵל אוּנ מִצְרַיִם אוֹיךְ. זֵיי הָאבִּין
דָם גִיזֶעהֶן מִיט כִּישׁוּף. אִיבֶּער דֶעם בַּדַארְף מֶען אַנְטְלוֹיפִין ווי אַהִין עֶס אִיז. אוּנ נִיט
צוּרִיק קֵיין מִצְרַיִם אוּנ אוֹיךְ אִיז דִי כַּוָונָה. וָוארוּם פְרִיעֶר וָוען זֵיי הָאבִּין זִיךְ גֶענוּמֶען
נָאךְ צוּ יָאגִין נָאךְ דִי יִשְׂרָאֵל אִיז דָם גִיוֶועֶן ווייל זֵיי הָאבִּין תּוֹלֶה גִיוָועֶן אַז דִיא אַלֶע
זֵייעֶרֶע מַכּוֹת אִיז אַלְס גִיוָועֶן עַל פִּי טֶבַע. אָבֶּער אַצוּנְד בַּיים יָם הָאבִּין זַייא שׁוֹין
גִיזֶעהֶן אַז דָם אִיז אַלְץ פוּן גָאט. אִיבֶּער דֶעם זָאגִין זֵיי אנוסה וגו׳ מִיר דַארְפִין שׁוֹין
אַצוּנְד אַנְטְלוֹיפִין כי ה׳ נלחם להם במצרים וָוארוּם גָאט אַלֵיין הָאלְט מִלְחָמָה מִיט אוּנְז:
(כו) ויאמר ה׳ אל משה דֶער אור פני משה שְׁרַייבְּט אַז דֶער פָּסוּק אִיז מְרַמֵז אוֹיף
קַבָּלַת הַתּוֹרָה. זָאגְט גָאט צוּ מֹשֶׁה נטה את ידך גֵייג אוֹיס דַיין הַאנְד אוּנ נֶעם דִיא
תּוֹרָה פוּן מִיר וָוארוּם דִי מַלְאָכִים הָאבִּין דָאךְ נִישְׁט גִיהֵייסִין גֶעבִּין אוּנ הָאבִּין מְקַטְרֵג
גִיוָועֶן. אִיבֶּער דֶעם זָאגְט גָאט גֵייג אוֹיס דַיין הַאנְד על הים פוּן וֶועגִין צוּ נֶעמֶען דִיא
תּוֹרָה וָוס זִי אִיז גְלַייךְ צוּם יָם. אַזוֹי וִויא דֶער יָם אִיז זֶעהר טִיף אַזוֹי זֶענֶען דִיא
סוֹדוֹת הַתּוֹרָה זֶעהר טִיף אוּנ אַזוֹ וִויא דֶער יָם אִיז אַפֶּעסְט אָרְט פוּן וֶועגִין דִי בְּרוּאִים
וָוס זֶענֶען דָארְט. אַזוֹי אִיז דִי תּוֹרָה אַפֶּעסְטִיגְקֵייט צוּ דִיא מֶענְטְשִׁין וָוס לֶערְנֶען אִיהר

לשמה

לשמה וישבו המים על מצרים וגו׳ אונ דיא תורה וועט צוריק קערין אמפלה אויף דעם יצה״ר מיט זיינע כחות וואס זיי יאגין נאך דעם מענטש וואס ער וויל לערנן: (כז) ויט משה את ידו האט משה גיניינט זיין האנד על הים פון וועגין צו גענומען די תורה מיט אלע סודות. נאר ווען משה איז אראפ גיקומען פון הימל אונ האט גיזעהן אז דאס פאלק האבין גימאכט דאס עגל האט משה צו בראכן די לוחות איז תיכף אוועק געפלויגין אלע סודות. אונ עס איז נאר איבר גיבליבין פשטות התורה דאס איז די כוונה וישב הים דאס טיפקייט פון די סודות התורה איז צוריק גיקערט גיווארן אין הימל נאר מיר האפין לפנות בוקר ווען עס וועט זיך צו קערן דר מארגן פון די גאולה דאמאלס לאיתנו וועט זיך צוריק קערן די תורה אין איר פריערדיגן שטארקייט, עס וועט נתגלה ווערין אלע איהרע סודות. איז דער פסוק מפורש פר וואס איז אוועק גיקערט די סודות ומצרים נסים לקראתו ווייל דער יצה״ר לויפט אנטקעגין איהם אונ רעדט איהם אן צו שלעכץ. אבער ווען די גאולה וועט זיין דאמאלס וינער ה׳ את מצרים וועט נאט צו שטארצען דעם יצה״ר אונ וועט זיי מבטל זיין דאמאלס בתוך הים וועלין שוין די ישראל קענען פר שטיין די סודות התורה:

טו (א) אז ישיר משה ובני ישראל וגו׳ דאמאלס האט משה מיט דיא קינדער ישראל גזונגען די שירה. איז קשה פר וואס אין פרשת חקת (כא יז) ביי דעם נס פון באר שטייט אז ישיר ישראל עס שטייט ניט בני ישראל. נאר דר תירוץ איז דער זוהר הקדוש שרייבט אין דעם פסוק ל״א פרשה י״ד וירא ישראל וגו׳ ישראל סבא. דר אלטר פאטער יעקב חס ווערט גירופין ישראל איז גיווען ביי דעם ים אונ האט אלץ גיזעהן. אונ ווען דער פאטער איז דא געשיקט זיך צו זאגין ובני ישראל די קינדער פון דעם ישראל דס איז יעקב וואס ער איז דארט גישטאנען. האבין גיזונגען את השירה הזאת לה׳ די שירה צו גאט. דס ווערט גיבראכט אין פיל ספרים ווען די ישראל זיינען אין גלות איז כביכול השי״ת אויך אין גלות. ווארום עס איז דאך נישט קיין כבוד פאר אים דאס זיינע קינדער זיינען אין גלות אונ ער נעמט זיי נישט ארויס. נמצא ווען די ישראל זיינען ארויס גיגאנגען פון מצרים איז דאך כביכול השי״ת אויך ארויס גיגאנגען פון גלות כלומר ער איז גיווארין באקאנט מיט זיין גרויסקייט אויף די גאנצע וועלט. איז די כוונה אין פסוק זייא האבין די שירה ניט גיזונגען וועגין זיך וואס זיי זיינען אויס גילייזט געווארען. נאר וועגין גאט ויאמרו לאמר אונ האבין גיזאגט אז מען בדארף נאר זאגין אשירה לה׳ איך טוה נאר זינגען וועגין גאט כי גאה גאה וגו׳ וואס ער איז גיווארן באקאנט פאר אגרויסען גאט אויף די וועלט: (ב) עזי ותר׳ אין פרשה י״ז פסוק ט״ז שטייט ויאמר כי יד על כס יה שרייבט רש״י אז הקב״ה האט געשווארען דאס זיין כסא זאל ניט זיין גאנץ (עס שטייט כס אן איין א׳ נישט כסא) אונ אויך זיין נאמען זאל נישט זיין גאנץ (עס שטייט יה צוויי אותיות נישט הוי״ה פיער אותיות) מלחמה לה׳ בעמלק ביז ער וועט האלטן מלחמה מיט עמלק אונ דאס שטייט אויך אז ווען די ישראל וועלין ווערין צדיקים זיי וועלין עוסק זיין נאר אין תורה אונ מצות ומעשים טובים וועט זיי זייער זכות ביי שטיין דאס זיי זאלין ווערין אויס גלייזט פון גלות. נאר ווען חלילה זיי וועלין אליין ניט זוכה זיין מיט זייערע מעשים וועט גאט מוזין זיי אויס לייזן פון זיין נאמען וועגין ער זאל זיין אין גאנצין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק (ישעיה מח יא) למעני למעני אעשה גאט זאגט פון מיין כבוד וועגין וועל איך מאכען די גאולה. דאס איז די כוונה אין דעם פסוק עזי וזמרת יה. (דאס ווארט זמרת איז דער טייטש אפ

געשניטען

גֶעשְׁנִיטֶען] זָאגֶען דִי יִשְׂרָאֵל דָס וָוס דִי אוֹתִיּוֹת י״ה אִיז אָפּ גֶעשְׁנִיטֶען פוּן דִי אִיבְּרִיגֶע צְווייא אוֹתִיּוֹת פוּן שֵׁם דָס אִיז מַיין שְׁטַארְקַייט עֶס אִיז צוּא מִיר אַפַּארְזִיכֶערְהַייט אַז עֶס וֶועט זַיין דִי גְאוּלָה. נָאר וַי־הִי לִי לִישׁוּעָה וַויי אִיז מִיר וֶוען אִיךְ קֶען זִיךְ אַלֵיין נִיט הֶעלְפִין נָאר אִיךְ בַּדַארְף וַוארְטִין צוּ וֶוערִין גִיהָאלְפִין פוּן זַיין נָאמֶען וֶועגִין. וָוארוּם אִין פָּסוּק (ישעיה ס כב) שְׁטֵייט אני ה׳ בעתה אחישנה אִיךְ גָאט אִין דִי צַייט וֶועל אִיךְ אִיהר אַיילִין דִי גְאוּלָה. זָאגְט דִיא גְּמָרָא זכו אחישנה וֶוען דִי יִשְׂרָאֵל וֶועלִין זוֹכֶה זַיין מִיט מַעֲשִׂים טוֹבִים וֶועל אִיךְ אַיילִין דִי גְאוּלָה פַר דִיא צַייט לא זכו בעתה וֶוען זַיי וֶועלִין חָלִילָה נִישְׁט זוֹכֶה זַיין וֶועלִין זַיי מוּזִין וַוארְטִין בִּיז דִי צַייט וֶועט קוּמֶען. נִמְצָא בַּדַארְפֶען מִיר זֶעהְן מִיט כָּל הַכֹּחוֹת תְּשׁוּבָה צוּ טוּעֶן אוּנ מַרְבֶּה זַיין אִין לִימּוּד הַתּוֹרָה אוּנ צוּ טוּען פוּל מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים וֶועלִין מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ דִי גְאוּלָה בְּקָרוֹב בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן: [ח] וברוח וגו׳ דֶער אור פני משה טַייטְשְׁט עַל פִּי רֶמֶז דִיא גְּמָרָא (נדה) זָאגְט הוולד במעי אמו וכו׳ מלמדים אותו כל התורה כו׳ דָאס קִינְד וֶוען עֶס אִיז נָאךְ אִין בּויךְ פוּן זַיין מוּטֶער לֶערִינְט מֶען אִיהם דִיא גַאנְצֶע תּוֹרָה. אוּנ אַנְדֶערֶע סְפָרִים שְׁרַייבִּין אַז דִי נְשָׁמָה קוּמְט אַרַיין אִין דֶעם קִינְד אֵיידֶער עֶר גֵייט אַרוֹיס פוּן דִי מוּטֶערְס בּויךְ. דָס אִיז דִי כַּוָּונָה אִין פָּסוּק וברוח אפיך וֶוען מֶען בְּלָאזְט אַרַיין דֶעם אָטֶעם צוּא דִיר מֶענְשׁ אִין דַיינֶע נָאז לֶעבֶּער אַרַיין נערמו מים וֶוערִין אַלֶע דַיינֶע גִידַאנְקֶען קְלוּג דוּרְךְ דִי תּוֹרָה וָוס זִיא אִיז גְלַייךְ צוּ דִי וַואסֶער [אַזוֹי וִוי מִיר הָאבִּין שׁוֹין פְרִיעֶר פִּילֶ מָאל גֶעשְׁרִיבִּין] נָאר נצבו וֶוען זַיי שְׁטֶעלִין זִיךְ אוֹיף דִי עֶרְד כמו נד וֶוערְט דִיא תּוֹרָה פוּן אִיהם פַאר גֶעסִין אוּנ פַר מַאכְט אַזוֹי וִוי אַלָאגִיל וָוס עֶר אִיז פַר מַאכְט. נָאר וֶוען דֶער מֶענְשׁ נֶעמְט זִיךְ מִיט חֵשֶׁק צוּ דֶעם לִימּוּד הַתּוֹרָה דַאמָאלְס נוזלים עֶפִינְט זִיךְ אַלֶע מָאהל מֶעהר אוֹיף דֶער לָאגִיל אוּנ עֶס רִינְט אַרוֹיס דֶער קְוָואל פוּן דִיא תּוֹרָה. אֶפְשָׁר וֶועסְט דוּ זָאגִין אַז דֶער יֵצֶר הָרָע מִיט זַיינֶע כחות וֶועלִין דִיר נִיט לָאזִין. זָאג אִיךְ דִיר קפאו תהומות דִי בַּארִימִינְג פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע כֹּחוֹת פוּן יֵצֶר הָרָע וֶועלִין וֶוערִין פַר גְלִיוֶוערְט אוּנ וֶועלִין נִיט הָאבִּין אוֹיף דִיר קַיין כֹּחַ. אוּנ וֶוען אִיז דָס בלב ים וֶוען אִין דַיין אֶרֶץ אִיז נָאר דִי תּוֹרָה תָּמִיד: [ט] אמר אויב דֶער יֵצֶר הָרָע וָואס עֶר אִיז דֶעם מֶענְטְשִׁינְס פַיינְד זָאגְט עֶר ארדוף אִיךְ וֶועל דִיא מֶענְטְשִׁין נָאךְ יָאגִין. אוּנ זַייא אָן רֵיידִין צוּ שְׁלֶעכְץ אשיג אִיךְ וֶועל זַיי גְרֵייכִין אִיךְ וֶועל זַיי אַיין רֶעדִין מִיט ווייכֶע רֵייד בִּיז אִיךְ וֶועל זַיי נֶעמֶען צוּ מִיר. אוּנ דַאמָאלְס וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט נָאךְ דֶעם יֵצֶר הָרָע שְׁרַייבִּין סְפָרִים אַז וֶוען אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ לֶערִינְט אַמָאל אַבִּיסִיל תּוֹרָה אָדֶר עֶר טוּהְט אַמִצְוָה לויפִין גִיךְ דִי שְׁלֶעכְטֶע מַלְאָכִים אוּנ חַאפֶּען דָס צוּ זִיךְ. דָס זָאגְט עֶר אחלק שלל אִיךְ וֶועל זִיךְ מִיט מַיין חַברוּתָה אַיין טֵיילִין מִיט דֶעם רוֹיב וָוס מִיר וֶועלִין בַּיי זַיי חַאפִּין תורישמו ידי אִיךְ וֶועל אִיהם מִיט מַיין הַאנְד מַאכִין אָרֶעם פוּן צוּ נֶעמֶען שָׂכָר בָּעוֹלָם הַבָּא. זָאגְט דֶער פָּסוּק צוּם מֶענְשׁ וֶוען דוּ זֶעהְסְט אַז דֶער יֵצֶר הָרָע רֶעדְט דִיר אָן צוּ שְׁלֶעכְץ: [י] נשפת ברוחך זָאלְסְט דוּ אַבְּלָאז טוּעֶן מִיט דַיין גִידַאנְק מִיט צָארִין דוּ זָאלְסְט נָאר גוּט בַּקְלֶערִין מִיט שֵׂכֶל וָוס וֶועט זַיין דֶער סוֹף פוּן דִי תַּאֲווֹת וָוס דֶער יֵצֶר הָרָע רֶעדְט דִיר אָן צוּא טוּעֶן. וֶועסְט דוּ דָאךְ זֶעהְן אַז דֶער סוֹף פוּן דֶעם אִיז זֶעהר שְׁלֶעכְט. נִמְצָא אִיז דָאךְ דֶער יֵצֶר הָרָע דַיין גְרֶעסְטֶער שׂוֹנֵא וֶועסְטוּ וֶוערִין אוֹיף אִיהם זֶעהר אִין כַּעַס: אוּנ זָאלְסְט זִיךְ נֶעמֶען שְׁטַארְק צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה דַאמָאלְס כסמו ים וֶועט דֶער יַם הַתּוֹרָה דֶעם יֵצֶר הָרָע בַּדֶעקִין פוּן דִיר צללו בעופרת דֶער יֵצֶר הָרָע מִיט זַיינֶע כֹּחוֹת רָעוֹת וֶועלִין זִינְקֶען אַזוֹי וִויא בְּלַייא במים

אדירים

אדירים דורך די תּוֹרָה וָוָם זִיא אִיז גְלַייךְ וִוי שְׁטַארְקֶע וַואסֶער אַזוֹי וִוי די וַואסֶער פַר פְלֵייצְט אַלֶעס וָואס עֶס קוּמְט אִין זַיי. אַזוֹי דֶער כֹּחַ פוּן דִיא תּוֹרָה וָואס דוּא וֶועסְט לֶערְנֶען וֶועט זַיי פַר פְלֵייצִין אוּנ וֶועלִין זַיין צוּ גָאר נִישְׁט: [יח] ה׳ ימלוך לעולם ועד דֶער שֵׁם הֲוָיָה וַוייזְט אַז גָאט אִיז דֶער גַאנְצֶער שַׁאפֶער אוּנ דֶער פִיהְרֶער פוּן דִי וֶועלְט הֵין וֶוען עֶס וֶוערְט גִיטוּעֶן גוּטְס אוּנ הֵין וֶוען עֶס וֶוערְט גיטוּעֶן חָלִילָה שְׁלֶעכְץ. אִיז דָאס אַלְץ פוּן דֶעם אֵיינֶעם גָאט. נִישְׁט אַזוֹי וִוי פַּרְעֹה הָט גִימֵיינְט אַז עֶס אִיז דָא אֵיין גָאט וָוָם עֶר אִיז פּוֹעֵל טוֹב אוּנ נָאךְ אֵיין גָאט אִיז דָא וָוָם עֶר אִיז פּוֹעֵל רַע. זָאגְט אָבֶער דֶער פָּסוּק אַז אַצוּנְד אִיז בַּאַקַאנְט גִיוָוארִין אַז עֶס אִיז אַלְץ אֵיין גָאט: [יט] כי בא סוס פרעה ברכבו ובפרשיו בים וֶוען דִי פֶערְד פוּן פַּרְעֹה מִיט זַיינֶע רַייטֶערְס זָענֶען גִיקוּמֶען אִין יַם אַרַיין וישב ה׳ עליהם את מי הים הָט גָאט אוֹיף זַייא אַרוֹיף גִיקֶערְט דִי וַואסֶער פוּן יַם ובני ישראל הלכו ביבשה בתוך הים אוּנ דִי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל זָענֶען גִיגַאנְגֶען אִין דִי טְרִיקֶענִישׁ אִין דֶעם יַם. זֶעהְט מֶען דָאךְ אַז עֶר טוּהְט אַלְץ אַלֵיין צוּא דִי רְשָׁעִים אִיז עֶר פּוֹעֵל רָעוֹת אוּנ צוּא דִיא צַדִיקִים אִיז עֶר פּוֹעֵל טוֹבוֹת: [כ] ותקח מרים וגו׳ את התוף בידה וגו׳ הָאט מִרְיָם גֶענוּמֶען דִיא פּוּיק אִין אִיהר הַאנְד אוּנ פַר וָואס הָאט זִיא דָאס גֶענוּמֶען. זָאגְט דֶער פָּסוּק: [כא] ותען להם מרים וגו׳ מִרְיָם הָט מִיט אַלֶע וַוייבֶּער גֶעזוּנְגֶען דִי שִׁירָה. אוּנ דִיא גְמָרָא זָאגְט דָאךְ אַז קול באשה ערוה מֶען טָאר נִישְׁט הֶערִין דֶעם קוֹל פוּן דִי אִשָּׁה וֶוען זִי זִינְגְט. אִיבֶּער דֶעם הָאבִּין זַיי גֶענוּמֶען פּוֹיקִין פוּן וֶועגִין דִי יִשְׂרָאֵל זָאלִין נִיט הֶערִין זַייעֶר קוֹל פוּן זַייעֶר שִׁירָה שירו לה׳ כי גאה גאה זִינְגְט צוּ גָאט וָוארוּם נָאר עֶר אִיז גְרוֹיס. אָבֶער קֵיין מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ נִיט הַאלְטֶען בְּגַאֲוָה סוס ורוכבו רמה בים דִי גְמָרָא זָאגְט אַז דֶער סוּס אִיז אַבַּעַל גַאֲוָה. אוּנ פַּרְעֹה הָאט זִיךְ אוֹיךְ גִיהַאלְטֶען בְּגַאֲוָה. דָם זָאגְט דֶער פָּסוּק. והראיה גָאט הָאט דֶעם סוּס מִיט זַיין רַייטֶער פַּרְעֹה אַרַיין גִיוָוארְפֶען אִין יַם. אִיז עֶר זִיךְ נָאךְ גְרֶעסֶער פוּן דֶעם בַּעַל גַאֲוָה אוּנ עֶר אִיז אִין כַּעַס אוֹיף דֶעם וָוָם הַאלְט זִיךְ בְּגַאֲוָה. [כו] ויאמר אוּנ גָאט זָאגְט אם שמוע וגו׳ וֶוען דוּ וֶועסְט צוּ הֶערִין צוּ מִיר גָאט אוּנ וֶועסְט טוּעֶן מַיינֶע מִצְוֹת אוּנ דִי חוּקִים כל המחלה אשר שמתי במצרים לא אשים עליך דִי אַלֶע קְרֶענְקֶען וָואס אִיךְ הָאבּ גִיטוּעֶן אִין דִי מִצְרִיִים וֶועל אִיךְ אִין דִיר זַיי נִישְׁט טוּעֶן כי אני ה׳ רופאך וָוארוּם אִיךְ גָאט בִּין דַיין דָאקְטָער. וֶועל אִיךְ אַלֵיין דָאךְ דִיךְ בַּדַארְפֶען דֶער נָאךְ הֵיילִין וָועגִין וָואס זָאל אִיךְ דִיר פְרִיעֶר קְרַאנְק מַאכֶען. אוּנ אוֹיךְ אִיז דִי כַּוָונָה עַל פִּי מָשָׁל. אַזוֹי וִויא אַדָאקְטֶער פַר שְׁרַייבְּט דֶעם חוֹלֶה אַרִיצֶעפְּט פוּן עֶטְלִיכֶע עֶרְלַייא מִינִים אוּנ פַאר זָאגְט דֶעם חוֹלֶה דָם זָאל עֶר נִיט עֶסִין דָם זָאל עֶר נִיט טְרִינְקֶען אִיז דָאךְ אֲפִילוּ וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ פַר שְׁטֵייט נִיט פַר וָוָם דֶער דָאקְטֶער הָט דָם אַלְץ אִיהם גִיהֵייסִין עֶר זָאל זִיךְ הִיטִין. פוּן דֶעסְטְוֶועגִין מוּז עֶר דָאךְ דָאס אַלְץ טוּעֶן. אַזוֹי זָאגְט גָאט אוֹיךְ צוּ דִיא מֶענְשִׁין. דוּ מֶענְשׁ זָאלְסְט נִיט זָאגִין וָוָם טוֹיג מִיר דִי מִצְוֹת אוּנ דִי חוּקִים וֶועלְכֶע אִיךְ הָאבּ גָאר נִישְׁט אוֹיף זַיי קֵיין טַעַם. דוּ מֶענְטְשׁ דַארְפְסְט אָבֶער וִויסִין אַז אִיךְ גָאט בִּין דַיין דָאקְטֶער אוּנ אִיךְ וַויים יוֹא וָוָס פַר דִיר אִיז גוּט אוּנ וֶועלְכֶעם נִישְׁט. דַארְפְסְט דוּ
זָעהְן אַלְץ זִיךְ צוּ הִיטִין וָוָס אִיךְ גֶעבִּיט דִיר צוּ טוּעֶן אוּנ וָוָם נִישְׁט צוּ טוּעֶן:

טז [ג] ויאמרו אליהם בני ישראל טַייטְשְׁט דֶער אור פני משה אַזוֹי דִי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל זָאגִין צוּ מֹשֶׁה אוּנ צוּ אַהֲרֹן מי יתן וֶוער וָואלְט גִיגֶעבִּין מותנו ביד ה׳ מִיר זָאלִין גִיוֶוען שְׁטַארְבִּין דוּרךְ גָאטְס הַאנְד. אַלֶע זָאלִין וִויסִין אַז גָאט הָאט אוּנְז גֶעטֵייט. אוּנ וֶוען וָואלְט דָאס גִיוֶוען בארץ מצרים בשבתנו על סיר הבשר וֶוען מִיר זָענֶען גִיזֶעסֶען אִין

מצרים

מצרים ביי דעם טאפ מיט פלייש באכלנו לחם לשובע אונ ס'איר האבין גיגעסין ברוים צו די זעט . אונ פון דעסטוועגין וואלטין מיר גיוועזן גישטארבין . וואלטין אלע געוואוסט אז דאס איז פון גאט . אבער כי הוצאתם אותנו אל המדבר הזה אז איהר האט אונז ארויס גענצויגען אין די מדבר להמית את כל הקהל הזה ברעב צו טייטין דאס דאזיגע איינזאמלונג דורך הונגער . וועט מען דאך זאגין אז דם איז גאר נישט פון גאט . נאר על פי מקרה : [ד] ויאמר ה' אל משה גאט זאגט צו משה הנני ממטיר לכם וגו' דער מחזה אברהם זאגט אזוי . [נאך דעם ווי ער פרעגט אסאך קשיות אין די פסוקים] דאס איז ידוע אז גאט שפייזט אלע ברואים פון דיא מלאכים פון הימיל ביז דעם ווארעם פון די ערד . אונ די שפייז זייערע איז ניט ביי אלע גלייך אויף איין אופן היינו מלאכים ווערין גישפייזט מיט אאיידעלע זאך וואס זיי זענען נהנה מזיו השכינה אונ בהמות וחיות אונ כל מיני ברואים ווערין גישפייזט פון גשמיות גראבע זאכין גראז . אונ דעסטוועגליכען דער מענש איז דאך נאר אמורכב פון ביידע . די נשמה איז ארוחני פון הימיל אונ אונ דער גוף איז אגשמי פון די ערד בדארף דיא שפייז זיינע אויך זיין מורכב פון גשמי מיט רוחני . מיט דעם גשמיות פון די שפייז ווערט גישפייזט דער חומר . אונ מיט דעם רוחניות פון די שפייז דאס איז די ברכות וואס מען מאכט פאר דעם עסין אונ נאך דעם עסין . אונ דם וואס מען רעד ביים עסין דברי תורה אונ דאס וואס מען נעמט איין אורח צו זיך צום עסין . פון דעם ווערט די נשמה גישפייזט . אונ אזו ווי מען קען ניט די בהמות זעטיגען מיט די מאכלים פון מענש אזוי קענען דיא מענטשין ניט ווערין גיזעטיגט מיט דעם מאכל פון די מלאכים . איז דאך די קשיא ווי אזוי הט גאט גיגעבין דעם מן וואס דם איז אמאכל פון די מלאכים . פון וועגין דיא מענשין זייא זאלין זיך מיט דעם זעטיגען ? נאר דאס איז ידוע אז אלע זאכין וואס גייט אראפ פון הימיל אויף די ערד ווערט דם נתגשם . נאר ווען דאס קומט אן איז דיא הענד פון צדיקים איז דא אין דעם רוחניות אויך . אונ אבער ווען עס קומט אין דיא הענד פון שלעכטע מענשין וואס האבין מחשבות רעות אונ רעדין דיבורים רעים . בלייבט אין די זאך נאר גשמיות אליין . אזוי איז דער מן אויך גיוועזן . צו דיא צדיקים איז ער גיוועזן מורכב פון ביידע פון גשמיות מיט רוחניות . אונ דם זאגט גאט צו משה הנני ממטיר איך וועל מאכין רעגינען לכם צו אייך צו דיר משה מיט אהרן אונ נאך צדיקים וואס זענען גלייך מיט אייך לחם מן השמים דעם מן . אונ ער וועט זיין מורכב פון ברויט דם איז גשמיות אונ אויך רוחניות פון הימל . נאר ויצא העם דער פראסטער עם דהיינו די ערב רב זיי זענען ארויס גיגאנגען ולקטו דבר יום ביומו אונ האבין גיקליבין אין דעם טאג פון וועגין דעם טאג שרייבט רש"י צורך אכילת יום פון וועגין צו עסין אין דעם טאג ילקטו ביומו זאלין זיי קלויבין אין דעם טאג ולא ילקטו היום לצורך מחר אונ זאלין ניט קלויבין פון וועגין מארגין . איז די כוונה אזוי ווי די גמרא זאגט ומחר לקבל שכר אונ צו מארגין דם מיינט מען בעולם הבא נעמט מען שכר פר די מצות . מיינט רש"י אויך דאס איינגע מיט דיא ווערטער לצורך מחר כלומר ביי די ערב רב אונ ביי דעם פראסטין המון וועט דער מן נאר זיין אגשמיות צו זעטיגען דעם גוף וואס דאס נוצט נאר בעולם הזה . אבער דורך זייערע שלעכטע גידאנקען וועלין זייא גורם זיין אז עס זאל ניט בלייבין אין דעם מן קיין שום רוחניות וואס דם נוצט לעולם הבא . אינ פר וואס גיב איך זיי די פראסטע מענטשין דעם מן למען אנסנו איך וועל איהם פרובין הילך בתורתי אם לא צו ער וועט גיין נאך מיין לערנונג צו ניט . כלומר איך

וַייס דָאךְ גֶעווִיס אַז זֵיי וֶועלְן נִיט טָאן ווִיא מַיין לֶערְנוּנְג. נָאר זֵיי זָאלְן נִיט הָאבְּן קֵיין תֵּירוּץ צוּ זָאגְן וֶוען מִיר וָואלְטְן אוֹיךְ גִיהַאט דֶעם מַן אַזוֹי ווִיא דִי צַדִיקִים וָואלְטְן מִיר אוֹיךְ גִיוָוארִין צַדִיקִים. קֶען מֶען פוּן דֶעם אַרוֹיס נֶעמֶען אַמוּסַר דָאס מֶען זָאל נִיט עֶסְן אַזוֹי ווִי אַבְּהֵמָה פוּן וֶועגְן בָּאר צוּ זֶעטִיגֶען דֶעם חוֹמֶר פוּן וֶועגְן גַשְׁמִיוּת. נָאר מֶען דַארְף זֶעהְן אַז דִי כַּוָונָה פוּן דֶעם עֶסְן זָאל נָאר זַיין וֶועגְן רוּחְנִיוּת עֶר זָאל הָאבְּן כֹּחַ צוּ טָאן עַבוֹדַת הַבּוֹרֵא. וֶועט דָאס זַיין אַמַאכָל הֵן צוּ דֶעם גוּף הֵן צוּ דִי נְשָׁמָה: (ה) והיה ביום הששי אוּנ עֶס וֶועט זַיין אִין דֶעם זֶעקְסְטְן טָאג פְּרַייטָאג [דִי הִימְלְן וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין פְּרִיעֶרְדִיגְן פָּסוּק] והכינו וֶועלְן זֵייא אָן גְרֵייטְן את אשר יביאו וָוס זֵיי וֶועלְן בְּרֵיינְגֶען כְּלוֹמַר עֶס וֶועט אִין דֶעם מַאכָל שַׁבָּת אַרַיין קוּמֶן אַהֵיילִיגֶע הַשְׁפָּעָה פוּן הִימִיל והיה משנה אוּנ דָאס וֶועט אוֹיךְ זַיין טָאפִּיל הֵן אִין מֶערְקַייט הֵן אִין טַעַם. אוּנ דָס וֶועט אוֹיךְ זַיין על אשר ילקטו יום יום צוּ לִיבּ דֶעם זְכוּת פוּן הַכָנָה לִכְבוֹד שַׁבָּת וֶועט זַיין דֶער מַן אוּנ אוֹיךְ אוֹיף תָּמִיד דִי הַשְׁפָּעָה פוּן הִימֶל וֶועט אַרָאפּ קוּמֶען דוּרְךְ דִי הַכָנָה וָואס מֶען אִיז זִיךְ מְכַוֵון לִכְבוֹד שַׁבָּת אוֹיף אַגַאנְצֶע וָואךְ: (ו) ויאמר משה ואהרן אל כל בני ישראל דֶער אור פני משה טַייטְשְׁט על פי רמז אַזוֹי. מֹשֶׁה מִיט אַהֲרֹן זָאגְן צוּ דִי יִשְׂרָאֵל ערב אִין אָבֶענְד וֶוען אִיהְר וֶועט זַיין אִין גָלוּת וָואס עֶר אִיז גְלַייךְ צוּ אָבֶענְד וידעתם זָאלְט אִיהְר גֶעמֶען אוֹיף אַייעֶר גִידַאנְק כי ה׳ הוציא אתכם מארץ מצרים דָס גָאט הָאט אַייךְ אוֹיס גֶעצוֹיגֶען פוּן לַאנְד מִצְרַיִם וֶועט עֶר אַייךְ פוּן גָלוּת אוֹיךְ אוֹיס לֵייזִין אוּנ אִיהְר דַארְפְט ווִיסִין אַז: (ז) ובוקר עֶס וֶועט קוּמֶען דִי גְאוּלָה וָואס עֶס וֶועט אַייךְ זַיין לִיכְטִיג ווִי דֶער מָארְגִין וראיתם את כבוד ה׳ וֶועט אִיהְר דַאמָאלְס אוֹיךְ זֶעהְן דֶעם כָּבוֹד פוּן גָאט אַזוֹי ווִיא אִיהְר הָאט אִיהְם גִיזֶעהְן בַּיי דֶעם יַם וֶוען אִיהְר זֶענְט פוּן מִצְרַיִם אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען. אוּנ וֶוען קֶען זַיין דִי גְאוּלָה צוּם גִיכְסְטִין בשמעו את תלנתיכם וֶוען גָאט וֶועט הֶערִין אַז אַייעֶרֶע שְׁלֶעכְטֶע רֵייד וָואס אִיהְר טוּט רֵיידִין פוּן וֶועגְן דֶעם בִּיטֶערֶען גָלוּת. אִיז נִיט וֶועגְן דִי יְסוּרִים אוּנ צָרוֹת וָואס דֶער גוּף הָאט. נָאר על ה׳ פוּן וֶועגְן גָאט. אִיהְר שְׁרַייט נָאר אוֹיף גָלוּת הַשְׁכִינָה. דָאס מֵיינְט מֶען וָואס דֶער רָצוֹן פוּן גָאט אִיז אַייךְ גוּטְס צוּ טָאן נָאר אִיהְר זַייט נָאךְ נִישְׁט זוֹכֶה צוּ דֶעם. אִיז דָאךְ דָאס גָאט כִּבְיָכוֹל זֶעהְר שְׁלֶעכְט עֶר קֶען נִישְׁט אוֹיס בְּרֵיינְגֶען אִין אַייךְ זַיין גוּטְקַייט אוֹיבּ נָאר דָאס וֶועט זַיין אַייעֶר גִישְׁרֵיי אוּנ אִיהְר וֶועט זָאגִין אֵיינֶער צוּם אַנְדֶערִין ונחנו מה כי תלינו עלינו וָואס אִיז דֶען חָשׁוּב אוּנְזֶערֶע גוּפִים וָואס אִיהְר טוּהְט שְׁרַייעֶן וֶועגְן דֶעם גָלוּת. מֶען דַארְף נָאר שְׁרַייעֶן וֶועגְן גָלוּת הַשְׁכִינָה. דַאמָאלְס וֶועט קוּמֶען דֶער בּוֹקֶר פוּן דִי גְאוּלָה בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן: (כב) ויהי ביום הששי לקטו לחם משנה וגו׳ אוּנ עֶס אִיז גִיוֶוען אִין דֶעם זֶעקְסְטֶען טָאג פְּרַייטָאג אִיז גִיוֶוען דָס קְלַייבּוּנְג פוּן מַן טָאפִּיל ווִיא אִין אַלֶע טֶעג ויבאו כל נשיאי העדה ויגידו למשה זַיינֶען גֶעקוּמֶען דִיא נְשִׂיאִים אוּנ הָאבֶּען דָאס גֶעזָאגְט צוּ מֹשֶׁה. אִיז דָאךְ דִי קַשְׁיָא וָוס זַיינֶען זֵיי אַצוּנְד גִיגַאנְגֶען זָאגִין צוּ מֹשֶׁה. אִין פָּסוּק ה׳ שְׁטֵייט דָאךְ אַז מֹשֶׁה הָט צוּ זֵיי גִיזָאגְט אַז אִין דֶעם זֶעקְסְטֶען טָאג וֶועט זַיין דֶער מַן טָאפִּיל. וָואס זַיינֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען אִיהְם זָאגִין. עֶנְטְפֶערְט דֶער סֵפֶר אבק סופרים אַזוֹי. וֶוען מֹשֶׁה הָאט זֵיי דָאס גִיזָאגְט אַז אִין דֶעם זֶעקְסְטִין טָאג וֶועט זַיין טָאפִּיל הָאבִּין דִי נְשִׂיאִים מִיט דִי עֵדָה גִיהַאט אַטָעוּת. זֵיי הָאבִּין גִימֵיינְט אַז דִי כַּוָונָה פוּן מֹשֶׁה אִיז אִין זֶעקְסְטִין טָאג פוּן דֶער צַייט וָואס דֶער מַן הָאט אָן גִיהוֹיבֶּען אִין אִיהְם צוּ גֵיין לְמָשָׁל וֶוען דֶער מַן הָאט אָן גִיהוֹיבִּין צוּ גֵיין אִין דִינְסְטָאג אִיז דָאךְ אִיהְם זוּנְטָאג דֶער נָאךְ דֶער זֶעקְסְטֶער טָאג. אוּנ דַאמָאלְס בַּדַארְף עֶר גֵיין טָאפִּיל. אוּנ ווִיא עֶס אִיז

גיקומען פרייטאג וואס ער איז גיוועזן דער פירטער טאג אונ עס איז גיגאנגען אין איהם טאפיל איז דאס ביי זיי גיוועזן אחידוש. זיי האבין נישט געוואוסט וואס דאס איז. איבער דעם זענען זיי גיקומען זאגין דאס צו משה: [כג] ויאמר אליהם זאגט צו זיי משה הוא אשר דבר ה' דאס וואס גאט האט גירעדט אז עס וועט זיין דער זעקסטער טאג וועט זיין טאפיל. האט ער דאס גימיינט דעם זעקסטין טאג פון דעם רעכנונג פון בריאת עולם דאס מיינט מען פרייטאג שבתון שבת קודש לה' מחר וגו' וואס צו מארגין בדארף זיין שבת. איבער דעם איז היינט טאפיל איהר זאלט דאס אן גרייטין אויף מארגין את אשר תאפו אפו וגו' אין די משנה שטייט אלו דברים שאדם אוכל פירותיהם בעולם הזה והקרן קימת לעולם הבא עס איז דא פול מצות ווען דער מענטש איז זיי מקיים נעמט ער פאר זיי שכר אויף דער וועלט ער ווערט דורך דעם זכות גישפייזט. אונ דר עיקר שכר בלייבט איהם נאך לעולם הבא. דאס איז דער פסוק מרמז ווען איהר וועט מקיים זיין די מצות וועט זיין דאס וואס איהר וועט וועלין באקין אונ קאכין פון וועגין צו עסין בעולם הזה. וועט איהר באקין אונ קאכין אונ עסין ואת כל אונ אלין כלומר דער קרן העודף וואס ער איז מער ווי דאס וואס איהר האט פאר נוצט פון וועגין עולם הזה הניחו לכם למשמרת עד הבוקר וועט איהר דאס איבער לאזין צוא איין אפ היטונג ביז דעם מארגין כלומר לעולם הבא: [כד] ויניחו אותו עד הבוקר כאשר צוה משה זאגט דער פסוק ווען זיי טוען טאקע אזוי. זיי טוען די מצות וואס משה האט בפולין אונ אויך איז דאס ווארט משה מרמז אויף דעם יצר טוב ווארום ער ציהט אוים דעם מענטש פון אלעם שלעכץ וואס דער עיקר שכר פון זיי איז נאר בעולם הבא ולא הבאיש איז דער גוף זוכה אז נאך דעם שטארבין ווערט ער ניט פאר שטונקין ורמה לא היתה בו אונ קיין ווערים וועט אין איהם ניט זיין: [כה] ויאמר משה זאגט דער יצר טוב צוא דיא מענטשין. איהר מענטשין בדארפט צו דענקין אז אכלוהו היום ווען איהר וועט זיך אן גרייטין אין אייער לעבין תורה ומצות. וועט איהר האבין בעולם הבא וואס ווערט גירופן יום וואס צו עסין כלומר איהר וועט דארט נעמען אייער שכר כי שבת היום לה' ווארום אין דעם טאג שבת דאס איז עולם הבא איז נאר צו גאט. מען איז נהנה מזיו השכינה היום דעם טאג דאס איז עולם הבא לא תמצאוהו קענט איהר ניט גיפונען בשדה דורך דעם וואס איהר וועט שפאצירען אין פעלד: [כו] ששת ימים תלקטהו וביום השביעי די זעקס טאג אונ אויך דעם זיבענטען טאג דאס מיינט מען דיא זיבעציג יאהר וואס דער מענטש לעבט. זאלט איר פיר אייך וועגין אנקלויבין דעם שכר לעולם הבא דורך די תורה ומצות. ווארום שבת ווען איהר וועט קומען לעולם הבא לא יהיה בו דאמאלס וועט שוין ניט זיין וואס אן צו גרייטין: [כז] ויהי אונ עס איז ווייא צו די מענטשין וואס ביום השביעי יצאו מן העם ללקוט ווען זיי קומען אין דיא לעצטע זיבען יאהר ווען זייא ווערין שוין אלט. דאמאלס נעמען זייא זיך צו טוען מצות ולא מצאו דאמאלס איז שוין שווער צו געפונען. דער מענטש האט שוין ניט קיין כח איבער דעם באדארף מען זעהען תיכף אין דיא יונגע יאהרין צו נעמין זיך צו די תורה אין מצות צו טוען. וועט דער גוף רוהען בשלום אין קבר אונ דיא נשמה וועט נהנה זיין מזיו השכינה בעולם הבא: [כט] ראו וגו' דער אור פני משה טייטשט על פי רמז אזוי וויא דיא גמרא זאגט מי שטרח בערב שבת דער וואס איז זיך מטריח אונ גרייט אן עסין אונ טרונקען אין ערב שבת יאכל בשבת האט ער וואס צו עסין אום שבת. איז דיא כוונה דער מענטש וואס האט שכל אונ גרייט זיך אן תורה ומצות מיט מעשים

שובים אין דיא צייט פון זיין לעבין בעולם הזה וועט ער גענמען בעולם הבא שכר. וועהט מען אז עולם הזה ווערט גרופען ערב שבת. אונ עולם הבא ווערט גערופען שבת. אויך שטייט אין פסוק (משלי ח ל) ואהיה אצלו אמון דיא תורה זאגט. איך תורה בין גיוואהרין ביי גאט געצויגען ואהיה שעשועים יום יום וגו׳ אונ איך בין גיוועזן צוויא טאג אשפילונג ביא גאט. זאגט דער מדרש די צוויי טאג מיינט מען צוויי טויזינט יאר פריער ווי די וועלט איז בשאפין גיווארין ובייא גאט ווערט גירעכינט טויזינד יאר איין טאג. אזוי ווי עס שטייט (אין תהלים צ׳ ד׳) כי אלף שנים בעיניך כיום אתמול געפונען מיר ביי די תורה שטייט יום יום צוויי טעג. איז דם אויף לשון הקודש בייא זאמען יומים. אויך שטייט אין פסוק (משלי ט׳ ה׳) לכו לחמי בלחמי וגו׳ די תורה זאגט גייט איהר מענטשין אונ שפייזט אייך מיט מיין שפייז. זעהן מיר אז דיא תורה ווערט גירופין להם. דם איז דא דער פסוק מרמז ראו זעהט איהר ישראל כי ה׳ נתן לכם השבת אז גאט הט אייך גיגעבין עולם הבא ווס ווערט גירופען שבת. נאר ווען קען מען האבין עולם הבא ווען מען לערינט די תורה על כן וועגין דעם נתן לכם הט גאט אייך גיגעבין ביום הששי אין דעם זעקסטין טאג פון חודש סיון להם די תורה ווס זיא ווערט גערופען להם זיא איז אשפייזונג צום מענטש אויף דיא וועלט אזוי וויא עס שטייט איז אבות אם אין תורה אין קמח ווען דער מענטש לערינט ניט קיין תורה אונ איז ניט מחזיק דיא מענטשין וואס לערנען תורה. אין קמח האט ער ניט קיין שפייז. אויך איז דיא תורה אשפייזונג לעולם הבא יומים דיא תורה איז אן גיגרייט גיווארין מיט צוויי טאג דם איז צוויי טויזינד יאר פריער ווי די וועלט איז בשאפין גיווארין שבו איש תחתיו זיצט איטליכער אונטער דעם להם לערינט די תורה. אונ אויך זיצט איטליכער אויף זיין ארט אונ טוהט ניט קיין עבירות. פון וועגין דעם וועט איהר זוכה זיין אז אל יצא איש ממקומו ביום השביעי עס וועט נישט קיין מענטש ארויס גיין פון זיין ארט פון עולם הבא זיי וועלין נישט נדחה ווערין פון זייער ארט. אונ וועלין ניט מגולגל ווערין נאך אמאל אין עולם הזה:

יז (א) ויסעו וגו׳ דער אור פני משה טייטשט אזוי. ויסעו כל עדת בני ישראל וגו׳ אלע השובה בני ישראל האבין גיצויגין על פי ה׳ וגו׳ נאר דורך גאט. זיי האבין גיהאט אמונה אין איהם. ער וועט זיי געבין צו עסין אונ צו טרינקען ואין מים לשתות העם אבער צו די ערב רב איז ניט גיוועזן קיין וואסער צו טרינקען. ווייל זיי האבין ניט גיהאט קיין אמונה אז גאט קען אין די מדבר געבין וואסער: [ב] וירב העם עם משה האבין די ערב רב גיקריגט מיט משה ויאמרו תנו לנו מים ונשתה גיב אונז וואסער מיר זאלין טרינקין. ווען מיר זעהן אז די ישראל שרייען ניט מסתמא גיט זיי זייער גאט אין זייערע כלים אריין וואסער. אונ ווען דו האסט אונז אויס גיצויגין פון מצרים גיב דו אונז אויך צו טרינקין ויאמר להם משה זאגט צו זיי משה מה תריבון עמדי וואס הט איהר זיך מיט מיר צו קריגען. די גאנצע זאך ווס עס פעהלט אייך וואסער איז נאר וועגין דעם ווען עס טרעפט אייך עטוואס. ווען אויך דם איז גאר אקליינקייט תנסון את ה׳ טוהט איהר באלד פרובין גאט. אונ האט ניט קיין אמונה אין איהם: [ג] ויצמא שם העם למים אונ די ערב רב זענען גיווארין דארשטיג נאך וואסער וילן העם על משה האבין דיא ערב רב גיקריגט אויף משה ויאמר אונ האבין גיזאגט למה זה העליתנו ממצרים ווארום האסט די משה אונז אויף גיברענגט פון מצרים להמית וגו׳ אונז אלע צו טייטין. די בני ישראל הט זיי גאט אויף גיברענגט. גיט זיי גאט מסתמא וואסר

שרייען

שרייען זיי נישט אבער וואס האסט דו גיוואלט האבין פון אונז. ווען גאט האט אונז ניט אויס
געצויגען פון מצרים. וועגין וואס האסטו אונז אויס געצויגען: (ד) ויצעק וגו' האט משה גישריען
צו גאט אונ גיבעטין מיט ווייבע רייד אונ האט געזאגט מה אעשה לעם הזה וגו' וואס קען איך
טאן צו דעם עם די ערב רב: (ה) ויאמר וגו' זאגט גאט צו משה גייא פר דעם ערב רב וקח אתך
מזקני ישראל אונ געם מיט דיר די אלטע לייט פון די ישראל. כלומר מיט דעם צו ווייזען די
ערב רב. זעהט נאר די דאזיגע זיינען אלטע מענטשין בדארפען זיי גיבער האבין וואסער. פון
דעסט וועגין ליידין זיי גאר נישט. בדארפט איהר אויך שווייגען. ומטך אשר הכית בו את
היאור אונ אויך דיין שטעקין וואס דו האסט פריער אין מצרים געשלאגען דעם טייך נילוס אונ
עס איז געמיינערט גיווארין די וואסער קח בידך והלכת זאלסט דו גענומען אין דיין האנד אונ
זאלסט געהן. אונ דורך אים וועסט דו זיי געבין וואסער. וועלן זיי זעהען אז נישט דער שטעקין
איז דער גורם. נור דו מיט דיין געטליכען כח ביסט דו אלץ פועל: (ח) ויבא עמלק על פי רמז
מיינט מען עמלק דעם ס"ם וואס ער איז דער יצר הרע. קומט ער וילחם עם ישראל אונ האלט
מלחמה מיט די ישראל. אונ לאזט ניט געהן אין דרך הישר. אונ דורך וואס האט ער בכח צו
האלטען מלחמה ברפידים (דער מדרש דרשינת דאס ווארט רפידים איז צוויי ווערטער רפי ידים
זיי זיינען שוואך פון צו לערנען תורה) דורך דעם וואס זיי זיינען אפ גילאזט אונ לערנען ניט די
תורה: (ח) ויאמר משה זאגט דער יצר טוב (ער ווערט גערופען משה ווייל משה איז טייטש
אויס ציהען. אונ דער יצר טוב וויל דעם מענטשין אויס ציהען פון דיא גענץ פון יצר
הרע) אל יהושע צום גוף. וואס ער איז גלייך צו יהושע וואס ער איז גיוועזן דער
משרת בייא משה אונ דער גוף איז אויך דער משרת צו דיא נשמה. אונ אויך הייסט
דער גוף יהושע. ווארום יהושע איז צוויי ווערטער יה הושע גאט זאל העלפין אונ דער
גוף בדארף דאך תמיד צו גאטס הילף זאגט דער יצר טוב צום גוף בחר לנו אנשים
נעם דיר נאר מיט אלע דיינע אברים אויס צוא קלייבין וואס איך זאג דיר וצא הלחם
בעמלק אונ גייא האלט מלחמה מיט דעם יצר הרע. אונ איך גיב דיר כלי זיין וואס
דוא וועסט אים מיט זיי מנצח זיין. איין זאך איז מחר אנכי נצב על ראש הגבעה דו
זאלסט זיך דער מאנען אין דעם יום המיתה אונ זאלסט תמיד זאגין צו דיר אליין.
מארגען בדארף איך דאך שטארבען אונ שטעהען אין דער הויך פאר דעם בית דין
של מעלה. ומטה האלהים אונ עס איז מוכן דער שטעקין פון מדת הדין מיר צו שטראפין
אויף די עבירות ווען איך וועל דיר יצר הרע הערין. אונ איך וועל ניט קענען
לייקינען אויף די עבירות ווארום בידי עס ווערט דורך מיין אייגינע האנד גיחתמת
אלע נאכט וואס איך האב גיטאן בייא טאג: (י) ויעש יהושע וגו' אונ ווען דער גוף
טוהט אזוי אונ האלט מלחמה מיט די כלי זיין מיט דעם יצר הרע. אונ ווען דער
יצר הרע וועט וועלין איהם איין ריידין דאס דער יום המיתה וועט נישט אזוי גיך קומען
זאלסט דו זיך דער מאנען אז ומשה אהרן וחור עלו ראש הגבעה אז אזעלכע גרויסע
צדיקים זיינען גישטארבען מכל שכן דו: (יא) והיה די גמרא אונ דער מדרש זאגט וואו
עס שטייט דאס ווארט ויהי איז אצרה אונ דס ווארט והיה איז אשמחה. זאגט דער
פסוק והיה עס וועט זיין אשמחה צום מענטש כאשר ירים משה ידו ווען דער יצר
טוב וועט אויף הייבין זיין האנד איבער דעם יצר הרע וגבר אונ וועט זיך איבער
איהם שטארקין. אונ דאמאלס ישראל איז דער גוף ארעכט פארטיגער צדיק ובאשר

יב ויה ידו אונ ווען דער מענטש לאזט אפ די הענד פון דעם יצר טוב אונ געמט זיך ניט מיט זיי צום יצר הרע וגבר עמלק דאמאלס שטארקט זיך באלד דער יצר הרע: [יב] וידי משה כבדים אונ די כחות פון דעם יצר טוב ווערין שוועער צו העלפין דיא מענטשין פון די נעץ פון יצר הרע ווייל ויקחו אבן דיא מענטשין געמען צו זיך דעם יצר הרע וואס ער ווערט גירופין אבן נגף וישימו תחתיו אונ טוען זיך פעסט אונטער איהם וישב עליה אונ דער יצר הרע זיצט פעסט אויף דעם ואהרן אונ דער יצר הרע זאגט צום מענטש זעה ווי אהרן אליין הט גימאכט דם עגל. אונ אויך וחור ער זאגט איהם זעה דעם סוף וואס עס איז געווארען פון חור וואס ער האט ניט גילאזט מאכן דעם עגל איז ער גיהרגת געווארין תמכו בידיו וגו׳ אזעלכע רייד טוהט דער יצר הרע ווידין זיך הומך צו זיין ויהי ידיו אמונה אונ עס איז וויא צום מענטש ווען דער מענטש לאזט חלילה די כחות פון יצר הרע זאלין זיין פעסט עד בא השמש ביז עס גייט אונטער דאס לעבין פון מענטש. נאר דער מענטש בדארף זעהן זיך ניט צוא לאזן צו ריידין פון דעם יצר הרע: [יג] ויחלוש יהושע את עמלק ואת עמו דער גוף בדארף נעהמן אפ צו שלאפין דעם יצר הרע מיט זייגע כחות לפי חרב דורך דיא מויל ווען זיא איז שארף אזוי וויא אשווערד צום לערנען תורה: [יד] ויאמר ה׳ אל משה זאגט גאט צום יצר טוב כתוב זאת זכרון בספר פאר שרייב די תורה זיא זאל זיין אין זכרון פון מענטש ושים באזני יהושע אונ טוה אריין דיא תורה אין די אויערין פון דעם גוף כי דאמאלס מחה אמחה וגו׳ וועל איך אפ מעקין דעם זכר פון יצר הרע: [טו] ויבן משה מזבח ווען דער גוף טוהט אזוי. בויעט דער יצר טוב אשעכטונג פון חעגין דעם יצר הרע ויקרא שמו ה׳ אונ גאט רופט דער נאך דעם נאמען פון מענטש נסי ער איז מיין פענדיל. איך קען זיך מיט איהם רוהמען:

# פרשת יתרו

יח [א] וישמע יתרו וגו׳ אונ יתרו הט גיהערט אלץ וואס גאט האט גיטוען צו משה אונ צו די ישראל. רש״י שרייבט מה שמועה שמע ובא וועלכעס איז דם די זאך וואס יתרו הט גיהערט וואס וועגין דעם איז ער גיקומען קריעת ים סוף ומלחמת עמלק ער הט גיהערט דם שפאלטין פין ים אונ די מלחמה פון עמלק. איז דאך קשה עס איז דאך דא פול זאכין וואס צו הערין. וואס דר מאנט רש״י נאר די צוויי זאכין. קען מען אזוי זאגין. ווארום צו רש״י איז קשה פר וואס איז יתרו תיכף ניט גיקומען וויא ער האט גיהערט דם די ישראל זענען ארויס גיגאנגען פון מצרים. נאר ווייטער שטייט אין פסוק ה׳ ויבא יתרו וגו׳ אל המדבר וגו׳ יתרו מיט זיין ווייב אונ קינדר זענין גיקומען צו משה אין די מדבר וואס משה הט דארט גירועט הר האלהים ביי דעם בארג פון גאט. שרייבט דארט רש״י דער פסוק קומט ווייזין וויא פול יתרו הט גליבט דיא תורה. ער איז אוועק גיגאנגען פון זיין גוט לאנד אונ איז גיגאנגען אין די מדבר אריין פון וועגין צו הערין דברי תורה. אונ פריער אין סדרה בשלח פרשה יז פסוק ח׳ שטייט ויבא עמלק וילחם עם ישראל ברפידים עמלק איז גיקומען אונ גיהאלטן מלחמה מיט די ישראל אין רפידים. זאגט די גמרא דאס ווארט ברפידים קען מען צו טיילין אין צוויי ווערטער. מאכט דאס ברפי־ידים דורך דעם שלאפקייט פון די הענד אין דעם לערנען פון די תורה. איבער דעם איז אויף זיי גיקומען עמלק. דאס מיינט דא רש״י מיט די

ווערטער

ווערטער מה שמועה שמע ובא וואס האט ער אצונד גיהערט וואס וועגין דעם איז ער
גיקומען · פאר וואס איז ער פריער נישט גיקומען . קריעת ים סוף ומלחמת עמלק ער
האט גיהערט וויא עס איז גיווארין צו שפאלטין דער ים . אונ דאס איז דאך גיווארין
גיהערט אויף דיא גאנצע וועלט . האט דאך דאס עמלק אויך גיהערט . איז גיווען צו
יתרו קשה . אז עמלק האט דאך געוויס גיהערט פון קריעת ים סוף ווי אזוי גייט ער
האלטין מיט זיי מלחמה . מוז דאך זיין ווייל זיי זענען גיווארין אפ גישלאפט פון מצות .
איז דאך פון דעם גידרונגען דעם גרויסען שטראף פון ביטול תורה ומצות . איבר דעם
איז ער גיקומען צו הערין די תורה : דער כנפי נשרים שרייבט דער פסוק דער ציילט
האטשע יתרו איז גיווען אשר אין מדין . אונ אויך חותן משה ער איז גיווען דער שווער
פון משה בדארף דאך משה איהם אפ טיילין כבוד אונ קומען צוא איהם פון דעסט
וועגין האט יתרו מוחל גיווען אויף זיין כבוד אונ איז גיקומען צוא משה . ווייל ער האט
גיהערט את כל אשר עשה אלהים למשה ולישראל אלץ וואס גאט האט גיטוהען צו משה ולישראל
עמו אונ אויך דאס וואס דיא ישראל זענען גיווארין זיין פאלק פון משה כי הוציא
וגו׳ אונ אויך גאט האט אויס געצויגין די ישראל פון מצרים · [ב] ויקח יתרו וגו׳ את
צפורה אונ יתרו האט מיט גינומען זיין טאכטער צפורה אשת משה וואס זיא איז די
ווייב פון משה . האט דאך משה בדארפט קומען נאך איהר . אונ אויך אחר שלוחיה
נאך דעם וויא משה האט איהר פון זיך אוועק גישיקט האט זיא דאך ניט בדארפט צוא
קומען צוא איהם אונ אויך : [ג] ואת שני בניה וגו׳ האט זיא ביא זיך גיהאט די צווי
קינדער וואס זיי זענען גיווען ביא משה זעהר חשוב אונ האט זייא גירופין מיט זעלבע
נעמען וואס דאס ווייזט אויף דעם וואס עס איז צו גיגאנגען מיט איהם : [ה] ויבא יתרו
וגו׳ נאך די אלע זאכין איז גיקומען יתרו מיט דיא ווייב פון משה אונ מיט דיא קינדער
אל משה אל המדבר צו משה אין דיא מדבר אריין האטשע עס איז גאר אוויסט
ארט . אונ פאר וואס איז דאס אזוי גיווען זאגט דער פסוק אשר הוא חונה שם ווייל
משה האט דארט גירועט הר האלהים אונ דארט איז גיווען דער בארג פון גאט . איז
פון גרויס ליבשאפט צו כבוד הבורא האבין זיי ניט גיקוקט אויף זייער כבוד : [יג] ויהי
ממחרת דער אור פני משה טייטשט אונ צו מארגינס וישב משה האט זיך משה גיזעצט
לשפוט את העם ער זאל ארוים געבין משפטים צום פאלק וואס דורך זייא ויעמוד
העם וועט קענע דאס פאלק בשטיין על משה דורך דעם זכות פון משה מן הבוקר
פון דיא יעצטיגע גאולה עד הערב ביז זיי וועלין גיין אין גלות : [יד] וירא חותן משה
האט יתרו דער שווער פון משה גיזעהן מיט שכל את כל אשר הוא עושה לעם אלץ
וואס ער טוהט דא פון וועגין דעם פאלק ויאמר אונ זאגט מה הדבר הזה אשר אתה
עושה לעם וואס איז דס דיא מעשה וואס דו טוהסט נאר וועגין דעם פאלק מדוע אתה
יושב לבדך פאר וואס זעה איך אז דוא וועסט בלייבין זיצין אליין אין חוץ לארץ וכל
העם נצב אונ דאס גאנצע פאלק וועלין האבין אבאשטאנד עליך דורך דיר מן בוקר
פון די יעצטיגע גאולה עד ערב ביז זיי וועלין גיין אין גלות : [טו] ויאמר משה לחותני
זאגט משה צו זיין שווער יתרו כי יבא נאך דעם ווען זיי וועלין גיין אין גלות . וועלין
זייא נאך אמאל קומען אין ארץ ישראל אלע דורך מיר וואס איך וועל זיין אין חוץ
לארץ וועט מיין זכות אויף זייא מגין זיין דס זיי זאלין נאך אמאל קומען קיין ארץ
ישראל לדרוש אלהים אונ וועלין פארשטין גאט : [טז] כי יהיה להם דבר דער נועם
אלימלך טייטשט אזוי . משה זאגט ווען עס איז אן גיבריית צו קומען צו זיי אשטראף

בא אלי קומט דס פריער צו מיר איך ווייס פון דעם פריער · איבער דעם ושפטתי בין איש ובין רעהו גייא איך גיבער אונ מאך משפטים צווישן דיא מענטשן איינער מיט דעם אנדערען זאלין ווערין שלום . עס זאל בייא זייא נישט זיין קיין שנאה · אונ דער נאך והודעתי את חקי האלהים ואת תורותיו מאך איך זיי וויסין די חוקים מיט די דינים פון גאט :

ימ [ב] ויסעו מרפידים דער אור פני משה טייטשט ווען די ישראל געמען זיך אונ ציען צוועק פון צו זיין מיט אפ געשלאפטע הענד פון לערנען נאר ויבאו זייא קומען מדבר צו רעדין סיני די תורה וואס זיא איז גיגעבין גיווארין אין סיני ויחנו במדבר אונ רוען נאר אין איהר רעדונג ויחן שם ישראל טוען דיא ישראל דארט בייא דיא תורה רוהען נגד ההר אנטקעגין דעם בארג דס איז דער יצר הרע אונ זעגען איהם מנצח : [ג] ומשה עלה אל האלהים אונ משה איז ארויף גיגאנגען צו גאט . ער האט זיך פריער גינומען צו דעם אונ דער נאך ויקרא אליו ה׳ מן ההר האט גאט צו איהם גירופין פון בארג לאמר אונ האט איהם גיזאגט כה תאמר וגו׳ זאלסט אזוי זאגין צו דיא ישראל זייא זאלין אויך אזוי טוען . זייא זאלין זיך פריער געמען צו עבודות אונ איך וועל זייא דער נאך העלפין אויס צו פירין : [ח] ויענו כל העם עס ווערין גירופין דער פראסטער המון האבין זייא גיזאגט מיר ווילין נישט אז עס זאל זיין אחילוק צווישן אונז . נאר יחדו מיר ווילין אלע באזאמען זיין גלייך אלע אין אגרויסע מדרגה נישט כהנים באזונדר אונ לוים באזונדער כל אשר דבר ה׳ אלץ וואס גאט האט גירעדט נעשה ווילין מיר אלע גלייך טוען . מיר דארפען ניט קיין פירערס . קיין גדולים וישב משה את דברי העם אל ה׳ האט משה גיענטפערט די רייד פון דעם המון צו גאט אז זייא ווילין ניט עס זאל זיין בזינדערע פירערס נאר אלע זאלין זיין גלייך : [ט] ויאמר ה׳ וגו׳ זאגט גאט צוא משה הנה אנכי בא אליך בעב הענן איך וועל קומען צו דיר אין דעם גראבען וואלקין בעבור ישמע העם בדברי עמך פון וועגין דער המון עם זאלין הערין אז איך רייד נאר מיט דיר וגם בך יאמינו לעולם אונ דורך דעם וועלין זייא אין דיר תמיד האבין אמונה זיי וועלין וויסין אז וואס די זאגסט זיי איז דאס אלץ פון מיר ויגד משה את דברי העם אל ה׳ פריער שטייט וישב משה וגו׳ משה הט גיענטפערט אונ דא שטייט ויגד משה וגו׳ משה האט גיזאגט . ווארום דס לשון יגד ווייזט אויף דיבור קשה . אונ צו משה איז דס נישט גיוועז קשה זייער פאר לאנג שטייט ער האט דאס גיענטפערט . אבער אין אמת צו גאט האט דס פר דראסין זייער פר לאנג שטייט דא ויגד. כלומר דער פסוק זאגט דאס אז בייא גאט איז דאס גיוועז זעהר קשה : [י] ויאמר ה׳ אל משה אונ גאט זאגט צו משה לך אל העם גיי צום פאלק וקדשתם אונ זאלסט זיי הייליגן היום היינטיגן טאג דס מיינט מען די צייט ומחר אונ אויף מארגין . דס מיינט מען אויף די שפעטירע צייט . אונ דורך היום ומחר זיי זאלין תמיד רעכינען אז נאר דעם טאג האבען זיי צו לעבין אונ מארגן וועלין זייא שוין זיין פר דעם יום הדין וכבסו שמלותם וועלין זיי שוין וואשן זייערע קליידער כלומר זיי וועלין אפ טוען פון זיך די שלעכטע מדות : (יא) והיו נכונים ליום השלישי אונ זאלין זיין אין די שפעטירע צייטן אין גלות אן גיגרייט צום דריטען טאג דאס מיינט מען צום דריטען בית המקדש וואס דאמאלס וועט זיין דער טייערער אור פון ששת ימי בראשית וועט זיין תמיד טאג כי ביום השלישי ווארום פון וועגין דעם דריטין בית המקדש ירד ה׳ לעיני כל העם וועט גאט אראפ נידערין צו דיא אויגין פון גאנצען פאלק אונ וועט איהם אליין בויען על הר סיני ורוקא

דעם וואס איהר וועט לערנען די תורה אונ וועט טוהן דיא מצות וואס עס איז געגעבן געווארין אויף דעם בארג סיני : [יב] והגבלת את העם סביב אונ דוא משה זאלסט מאכין אגימארק (אגרעניץ) ארום דעם פאלק לאמר וגו׳ דיא גמרא סוכה זאגט דאס דער יצר הרע איז בייא דיא צדיקים גלייך וויא אבארג. דאס איז די כוונה אין פסוק לאמר די זאלסט זיי זאגין השמרו לכם היט אייך אפ עלות בהר פון נאך צוא גיין נאך דעם יצר הרע וואס ווערט גירופען הר. ווען אויך ער וועט אייך אן רעדין דאס ער וועט אייך מעלה זיין צום גרעסטען כבוד זאלט איהר איהם ניט הערין ונגוע בקצהו אונ אפילו אין עק פון איהם דאס מיינט מען די קליינע עבירות וואס ער וועט אייך אן רעדין צו טוהן זאלט איהר איהם נישט הערין ווארום כל הנוגע בהר מות יומת דער וואס ער הייבט נאר אן עטוואס צוא הערין דעם יצר הרע וועט ער אלע מאל מער איהם צו הערין ביז ער וועט גאר דורך איהם ווערין גיטייט הן פון עולם הזה הן פון עולם הבא : [יג] לא תגע בו יד מען זאל מיט די האנד נישט אן הייבין אן צו רירען אין איהם כי סקל יסקל ווארום דער סוף וועט זיין ער וועט ווערין מחויב סקילה ווארום ער וועט טוהן עבירות במזיד או ירה יירה אונ ווען די בית דין וועלין ניט דן זיין קיין מיתה היינו אין גלות. זאגט אבער דיא גמרא ווען אויך דיא דינים פון די ארבע מיתות איז היינט בטל. אבער דער עונש ווערט ניט בטל. גאט שטראפט איהם אליין מיט דיא זעלביגע מיתה. דאס מיינט מען ירה יירה ער וועט ווערין דורך עפעס צראפ גיווארפען אונ וועט ווערין גיטייט אם בהמה הן ווען דער מענש טוהט דעם רצון פון יצר הרע ווען עס גייט אין איהם אריין ארוח שטות אונ ער איז גלייך וויא אבהמה וואס ווערט גיפירט צוא דיא שחיטה גייט זיא אליין נאך דעם ביסיל שטרוי וואס מען פירט פאר איהר. אזוי דער מענטש אויך ווען ער גייט נאך דעם יצר הרע צו טוהן דיא תאוה איז דורך דעם גייט ער אליין צו דיא שחיטה. אם איש הן ווען דער יצר הרע רייצט אין איהם גאוה אונ זאגט איהם דו ביסט דאך אגאנצער מענטש עס פאסט גאר ניט פאר דיר צו זיצין תמיד אין בית המדרש לא יחיה וועט עס וועט גאר הערין דעם יצר הרע וועט ער ניט לעבין קיין לעבעדיגע יארין ווען אויך ער לעבט. עס הייסט ער איז גאר אגעשטארבענער במשוך היובל ווען דיא גאולה וועט זיין וואס מען וועט בלאזין מיט דעם קול פון שופר המה יעלו בהר וועלין זיי אויף גיין אויף דעם בארג דער יצר הרע אונ וועלין איהם אין גאנצין מבטל זיין. מיר זאלין דאס זוכה זיין במהרה בימנו אמן : [יז] ויוצא וגו׳ אונ משה האט ארויס גיצויגין דאס פאלק אקעגין גאט פון דער מחנה ויתיצבו בתחתית ההר דיא גמרא שבת זאגט שכפה עליהם הר כגיגית אז גאט האט אויף זיי אריבער גידעקט דעם בארג אזוי וויא אבעקין. אונ האט צו זייא גיזאגט אם תקבלו את התורה מוטב אויב איהר וועט מקבל זיין דיא תורה איז גוט ואם לאו אונ ווען נישט שם תהא קבורתכם וועט איהר ווערין אונטער דעם בארג באגראבין. איז די כוונה פון דעם אזוי. גאט האט דאס בכיון גיטוהן. גאט האט דאך געוואוסט אז זייא וועלין זינדיגין אונ ער וועט אויף זייא ווערין אין כעס. איבער דעם האט ער אויף זייא בדעקט דעם בארג אז זייא זאלין מוזן מקבל זיין דיא תורה וועלין זיי זיין גלייך וויא איינער איז מאנס אבתולה איז דר דין אז ער מוז איהר נעמען פאר אווייב אונ מוז איהר האלטען פאר זיין ווייב די גאנצע צ״ט וואס ער לעבט. אונ טאר איהר נישט געבין גט ווען זיא וויל ניט. אזוי דער השי״ת האט דיא ישראל מאנים גיווען זיי זאלין מקבל זיין דיא תורה פון וועגין דעם

אז אפילו ווען זיי וועלין זינדיגין אונ ער וועט ווערין אויף זיי אין כעס זאל ער זיי נישט קענין פון זיך אפ לאזין . נאר ער וועט מוזין האלטין צו זיין פאלק אויף אייביג . דאס איז אויך דיא כוונה אין דעם פסוק ויתיצבו דיא בני ישראל זענען גיבליבין שטיין אויף אבאשטאנד אויף אייביג ווארום בתחתית ההר ווען זייא האבין מקבל גיוועזן דיא תורה זענען זיי גישטאנען אונטער דעם בארג ווערין זייא גירופין אנוסה. מוז דאך גאט זייא האלטין בייא זיך אויף אייביג . דער אור פני משה טייטשט אזוי די פסוקים :
[יד] וירד וגו' דאס איז ידוע אז די יארין פון מענטש זענען איין גיטיילט אין דריי ערליי צייטין . די יונגע יארין אונ די מיטעלע יארין אונ די לעצטע יארין אויף די עלטער . איז דער רמז אין פסוק אזוי וירד משה דער יצר טוב גידערט צום מענטש צו דרייצין יאר מן ההר פון וועגין ער זאל אפ שיידין דעם מענטש פון דעם יצר הרע וואס ווערט גירופין הר אל העם צו די אברים ויקדש את העם אונ ער הייליגט דיא אברים דורך תשובה ומעשים טובים ויכבסו שמלותם אונ זייא וואשין זייערע קליידער כלומר זייא רייניגין זיך פון די עבירות אונ פון די שלעכטע מדות : [טו] ויאמר אל העם אונ דר יצר טוב זאגט צו די אברים היו נכונים לשלשת ימים איהר זאלט זיין גרייט אין דיא אלע דריי צייטין צו עבודות הבורא אל תגשו אל אשה איהר זאלט ניט גיגעהענן צוא די תאוות פון די אשה זרה : [טז] ויהי אונ עס איז ווי ביום השלישי ווען דער מענש נעמט זיך צו די תשובה ווען ער איז שוין אין די עלטירע טעג בהיות הבוקר וואס דם הט ער בדארפט נאך טוען אין דיא יונגע יארין ויהי אונ עס איז נאך מער ווייא אז קולות וברקים ווען דער מענטש נעמט זיך אויף דיא עלטער צו מאכין קולות אונ צו שרייען אונ וויל דאס עס זאל איהם ווערין ליכטיג אונ עס זאל בייא איהם בליצן דם גאלד אונ זילבער . אונ דאס קומט וענן כבד ווייל אויף איהם איז אשווערער וואלקין אפינצטערקייט על ההר דורך דעם יצר הרע עס איז איהם פר פינצטערט די גידאנקין נאר נאך צו גיין נאך גשמיות אונ תאוות עולם הזה . אונ טוהט נאך נישט קיין תשובה וקול שופר אונ דער קול פון יצר טוב וואס ווערט גירופין שופר ווייל שופר איז טייטש שיין . אונ דער יצר הרע וויל מיט זיין קול דאס דער מענטש זאל שיין מאכין זייגע מעשים) חזק מאד איז זייער שטארק אונ שרייט צום מענש . דוא ביזט שוין אויף די עלטער . פאר וואס טוהסט די גאך גיט קיין תשובה . דוא ביזט דאך שוין קרוב צום יום המיתה אונ וועסט בדארפין אפ געבין דין וחשבון פאר בית דין שלמעלה ויחרד כל העם אשר במחנה ווערין דער ציטערט אלע אברים אונ שרעקין זיך פר דעם יום המיתה . פון דעסט וועגין איז שוין דאמאלס שווער פר דעם יצר טוב ער זאל פועל זיין בייא זייא דם זיי זאלין טוען תשובה : [יז] ויוצא משה דער יצר טוב מוז זיך שוין גוט אן ארבייטין ביז ער זאל אויס ציהען את העם די אברים לקראת האלהים זיי זאלין זיין אנטקעגין גאט צו לערנען תורה אונ צו טוען מצות ומעשים טובים . אונ פר וואס קומט דם איהם אן שווער ויתיצבו ווייל זיי זענין באשטעלט מיט פעסטיגקייט בתחתית ההר אונטער דעם יצר הרע . דער יצר הרע איז שוין פעסט איבער זייא . איבער דעם קומט אן צום יצר טוב זעהר שווער . נאר ווען דער מענטש נעמט זיך חאטש דאמאלס צו תשובה איז אויך גוט : [יח] והר אונ דר יצר הרע סיני דורך דיא תורה וואס דער מענטש נעמט לערנען . אונ אויך דורך די מדת ענוה וואס דער מענש ווערט אעניו אזוי ווי דער בארג סיני אזוי וויא ספרים שרייבין . ווען גאט הט גיוואלט געבין די תורה זענען גיקומען אלע הויכע בערגער מען זאל אויף זיי געבין די תורה

אונ

אונ דער בארג סיני איז געוועז אעניו . האט ער זיך ניט גיהאלטין חשוב אז מען זאל אויף איהם געבין די תורה איז ער ניט גיקומען איבער דעם האט טאקע גאט נאר אויף איהם גיגעבין די תורה. ווייל גאט האט נאר ליעב דעם וואס ער איז אעניו אונ הט פר מיאוסת די איבריגע בערגער וואס האבין זיך גיהאלטין בגאוה. אונ אויך ווייל משה איז געוועזן אגרויסער עניו הט ער זוכה געוועזן צו מקבל זיין די תורה אונ דס איז די כוונה אין משנה (אבות פרק א׳) משה קבל תורה משה הט זוכה גיוועזן מקבל צוא זיין די תורה מסיני דורך די מדה ענוות וואס משה הט גיהאט אזוי ווי דער בארג סיני איז דורך די תורה אונ דורך ענוות עשן כלו ווערט דער יצר הרע פר רייכירט אונ הט ניט קיין כח מפני אשר ירד עליו ה׳ באש אונ אויך זאל דער מענש נאר לערנען די תורה לשמה ווייל גאט הט די פייערדיגע תורה אראפ געניידערט. בדארף מען נאר לערנען פון גאטס וועגין ניט פון גאווה וועגין וואראום ויעל ווען דער מענטש וועט וועלין אויף גיין אונ זיך האלטין בגאווה וועט אויף גיין עשנו זיין אייגענער רויך ווען ער וועט שטארבין . וועט פון קבר ארויס גיין ארויך כעשן הכבשן אזוי ווי פון קאליך אויוון . אבער ווען ער וועט לערנען תורה לשמה מיט ענוות ויחרד כל ההר מאוד וועט דער גאנצער יצר הרע ווערין זעהר דער ציטערט : [יט] ויהי קול השופר אונ דר קול פון יצר טוב הולך וחזק מאוד וועט גיין אונ זיך זעהר שטארקין אונ וועט פועל זיין אין דעם גוף צו טוען עבודות הבורא משה ידבר דער יצר טוב וועט נאר אן הייבין צום מענש צו ריידין והאלהים יעננו בקול אונ גאט וועט איהם זיין צו הילף . אונ אויך איז דער רמז משה ידבר ווען אויך אין דעם מענטש רעדט נאר דער יצר טוב ער טוהט נאר מצות ומעשים טובים אונ פון דעסט וועגין והאלהים יעננו זעהט מען אז דער מדת הדין טוהט איהם פייניגען מיט יסורים . איז דאס בקול וועגין דעם וואס גאט גלוסט צו זיין קול ער זאל פון איהם בעטין :

כ [ב] אנכי וגו׳ איך בין דיין גאט וואס איך האב דיך אויס גיצויגין פון לאנד מצרים מבית עבדים פון דעם הויז וואס איהר זענט גיוועזן קנעכט. רש״י שרייבט מבית עבדים מבית פרעה שהייתם עבדים לו גאט וואס ער הט אייך אויס גיצויגין פון דעם הויז פון פרעה המלך וואס איהר זענט גיוועזין צו איהם קנעכט . או אינו טאמער איז נישט אזוי דער פשט אלא מבית עבדים שהיו עבדים לעבדים נאר דער פשט איז גאר פון דעם הויז פון קנעכט . וואס איהר זענט גיוועזן קנעכט בייא דיא קנעכט פון מלך תלמוד לומר שטייט אין פסוק (דברים ז׳ פסוק ח׳) ויפדך מבית עבדים מיד פרעה מלך מצרים ער האט דיך אויס גילייזט פון דעם הויז וואס דוא ביזט גיוועזן אקנעכט בייא פרעה דער קעניג פון מצרים אמור מעתה איז פון דעם גידרונגען עבדים למלך היו ולא עבדים לעבדים זייא זענען נאר גיוועזן קנעכט צום קעניג אונ נישט קנעכט צו קנעכט אזוי שרייבט רש״י. איז קשה רש״י אליין שרייבט אין סדרה שמות פרשה א׳ פסוק י״א וישימו עליו שרי מסים למען ענותו בסבלותם וגו׳ דיא מצריים האבין גישטעלט אויף די ישראל שרים זאלין נעמען פון זיי מס פון וועגין זייא צו פייניגין מיט זעהר שווערע ארבייט. שרייבט דארט רש״י בסבלותם של מצרים מיט די שווערע ארבייט פו די מצריים זענען דאך די ישראל גיוועזן קנעכט ביי די מצריים וואס זיי זענען דיא קנעכט פון פרעה. אונ אויך בדארף מען וויסין וואס איז די כוונה פון רש״י . וועגין וואס שרייבט דס רש״י מבית פרעה וגו׳ ולא עבדים לעבדים זאגט דער תוצאות חיים אזוי . וואראום ווען די ישראל האבין גימאכט דס עגל אונ גאט האט זייא גיוואלט פר

לענין

לעגדין פון די וועלט. האט משה רבינו גיטעניות צו גאט. די גאט האסט דאך נאר גיזאגט צו מיר אנכי ה' אלהיך וגו' איך בין דיין גאט לא יהיה לך אלהים אחרים וגו' עס זאל ניט זיין צו דיר איין אנדרר גאט. האסט דו דאך נאר צו מיר דס גיזאגט אונ ניט צו די ישראל. קומט זיי ניט קיין עונש. איז דאך אבער דיא קשיא עס שטייט דאך אויסגעפירט אין דעם פסוק אנכי וגו' אשר הוצאתיך וגו' מבית עבדים איך בין דיין גאט וואס האט דיך אויס געצויגין פון דעם הויז פון קנעכט. אונ משה איז דאך נישט גיוועז קיין קנעכט ביא דיא מצריים. גייט דאך דאס געווים אויף דיא ישראל. אז גאט זאגט דאס אן צו דיא ישראל. איז דאך שוין דיא טענה פון משה נישט קיין גוטע טענה. קומט רש"י דם צו פר ענטפערין אז מבית עבדים מיינט מען מבית פרעה גייט דאס אויף משה מיט זיין שבט. וואס זייא זענען ניט גיוועז קיין קנעכט צוא ארבייטן ביא דיא מצריים. נאר זייא האבין גיגעבין סם פון זייערע מסחרים צוא פרעה אזוי וויא עס איז דער נימוס המלוכה ולא עבדים לעבדים אונ דאס גייט ניט אויף דיא איבריגע ישראל וואס זייא זענען גיוועז קנעכט צוא ארבייטין שווערע ארבייט ביי דיא מצריים. נמצא איז שוין דיא טענה פון משה אגוטע טענה: [ג] לא וגו' דער באר משה טייטשט אזוי אין בראשית (פרשה א' פסוק כ"ז) שטייט בצלם אלהים ברא אותו דעם מענטשין האט גאט בשאפען מיט אגעטליכען געשטאלט. שרייבען דיא ספרים הקדושים ווען דער מענטש גייט בדרך הטוב רועט אויף איהם דער צלם אלהים. דאס געטליכע היילינקייט רועט אויף זיין פנים. הייסט זיין פנים אגעטליכעם פנים. אונ ווען דער מענטש טועט חלילה עבירות איז ער פוגם אין דיא קדושה אונ דאס געטליכעם געשטאלט גייט אוועק פון זיין פנים. אונ עס רועט נאר אויף איהם דער רוח הטומאה רחמנא ליצלן. דאס איז די כוונה אין דעם פסוק לא יהיה לך אלהים אחרים על פני דוא זאלסט ניט גורם זיין מיט דיינע מעשים רעים דאס עס זאל זיין אויף מיין פנים וואס איך האב אויף דיר געמאכט ארוח הטומאה חלילה נאר מען דארף זעהן תמיד עוסק זיין אין עבודת הבורא וועט אויף דעם פנים רוען דיא קדושה: [ז] לא תשא וגו' ספרים שרייבען אז דער מענטש טאר נישט שווערין ביא זיין לעבין. אזויא וויא פיל מענטשין זאגין (איך זאל אזויא לעבין) דאס איז אגרויסע איסור ווען אויך ער שווערט דאס אויף אמת. ובפרט חלילה ווען ער איז עובר אויף דיא שבועה. ווען דאס איז נאך פאלש. ווערט ער נאך פיל מעהר געשטראפט פיר דעם. מיט דעם טייטש דער נחל קדומים דעם פסוק. לא תשא את שם ה' אלהיך לשוא זאלסט נישט אויף טראגין אויף דיין מויל צו שווערין אין גאטס נאמען צו פאלש. כי לא ינקה ה' ווארום גאט רייניגקט נישט את אשר ישא שמו לשוא דעם מענטש וואס טראגט זיין מויל אשבועה אין זיין אייגענעם נאמין (אין דעם מענטשינס נאמין אליין) צו פאלש איז דאך אכל שכן ווען דער מענטש שווערט פאלש חלילה אין גאטס נאמין וועט ער אים גיוויס נישט ריינינקען. נאר ער וועט אים פיל שטראפין. איבער דעם דארף דער מענטש זיין פול נזהר זיך נישט אנגוויינען מיט שבועות אפילו אויף אמת. נאך קען מען טייטשען לא תשא וגו' זאלסט ניט אויפטראגען אויף דיין מויל גאטס נאמין. לשוא פון וועגין פאלשקייט. דוא זאלסט נישט אן טוען טלית ותפילין אונ שרייען שמע ישראל מיט איין גרויס קול פון וועגין צו נארין מענטשין זייא זאלין מיינען אז דוא ביסט אפרומער מענטש. בכדי אפילו ווען מען וועט זעהען אויף דיר אז דוא טוסט איין עבירה זאל מען זאגין מסתמא אז ער טוט דאס ווייסט ער וואס ער טהוט. מען

דארף

דארף איהם נישט נאך קוקין. זאלסט דו מענטש ראס נישט טוען. גאט וויל ניט לײדען דאס די זאלסט מאכען מיט דיינע מצות אש״ין פנים פאר די מענטשין. כי לא ינקה וגו׳ גאט וועט דיך פאר דעם בעזונדער שטראפען: [ח] זכור וגו׳ דער אור פני משה טייטש עולם הבא ווערט גערופען שבת אזויא וויא דיא גמרא זאגט שבת מעין עולם הבא. אונ אויך זאגט דיא גמרא מי שטרח בערב שבת ווער עס איז זיך מטריח אין פריייטיג כלומר ווער עס לערינט תורה אונ טוט מצות ומעשים טובים בעולם הזה יאכל בשבת. וועט ער האבין וואס צו עסין אום שבת כלומר ער וועט האבין שכר בעולם הבא. דאס איז דער פסוק מרמז זכור את יום השבת גידענק תמיד אין עולם הבא וואס ווערט גערופען שבת. לקדשו דוא זאלסט איהם אהן גרייטין פון דיינעט וועגין. אונ מיט וואס זאלסט דוא איהם פאר זיך אן גרייטען: [ט] ששת ימים וגו׳ אין דיא טעג פון דיא וואך כלומר פון עולם הזה זאלסטו ארבייטין אין תורה ומצות. אונ זאלסט אפ טוען אלע דיינע ארבייט וואס דוא באדארפסט טוען פון דיינעט וועגין מתקן צו זיין. דאמאלס וועט זיין: [י] ויום השביעי אין דעם זיבעטין טאג דאס איז שבת כלומר בעולם הבא וועסט דו זיין להי אלהיך צו דיין גאט דוא וועסט נהנה זיין מזיו השכינה. לא תעשה כל מלאכה וגו׳ דוא וועסט שוין ניט דארפען מגולגל ווערין נאך אמאל אויף דיא וועלט צו טוען. נישט דוא אונ נישט דיינע קינדער: [טו] וכל העם. על פי רמז איז דיא כוונה אזוי. וכל העם אונ אלע אברים רואים את הקולות ואת הלפידים זעהן מיט זייער שכל דיא קולות מיט דיא פלאמעדיגע רייד פון יצר הרע. ואת קול השופר. אונ אנטקעגין דם הערין זייא דאס קול פון דעם יצר טוב (וואס ער שרייט אזויא וויא אשופר אונ זאגט שפרו מעשיכם מאכט שיין אייערע מעשים) וואס ער זאגט ואת ההר עשן. דער יצר הרע מאכט פר פינצטערט די אויגין פון צו זעהען דעם קלקול פון דיא עבירות. אונ מאכט זייא בלינד דורך רויך פון זיינע שלעכטע געדאנקען דאס דער מענטש זעהט ניט דעם שכר מיט דעם תענוג פו דיא מצות. שרייט דער יצר טוב צו זיי וויא לאנג נאך וועט איהר זיין בלינד. וירא העם הייבען אן דיא אברים אין צו זעהן אין די זאך מיט זייערע אויגען. אונ באקלערין מיט שכל. וואס וועט זיין זעהער סוף וינעו שאקלען זייא זיך אפ פון צו הערין דעם יצר הרע. רש״י שרייבט אויף דעם ווארט וינעו אין ניע אלא זיע. דאס ווארט וינעו ווייזט אז זיי זענען געווארען פאר שוויצט. איז רש״י מיט דעם מרמז. אז מען באדארף ביא דעם לערנען זיך צו מייגע זיין עס זאל ארויס געהן שוויים פון גרוים יגיעה. אונ נישט זיך אהן צו לעהנען אויף דער זייט אונ צו לערנען פאר שוואכט. ויעמדו מרחוק אונ דורך דיא תורה וואס זייא מאטערין זיך אונ דורך דיא חרטה שטייען זייא שוין פון ווייטין פון יצר הרע אונ הערין איהם ניט: [טז] ויאמרו אל משה אונ דיא אברים זאגין צום יצר טוב דבר אתה עמנו ווען אויך דוא ווילסט מיט אונז רעדין שטארקע רייד שטראף רייד. זאלסט דוא מיט אונז רעדין ונשמעה וועלין מיר הערין ואל ידבר עמנו אלהים בכדי עס זאל זיך ניט פירין דער מדת הדין ביא אונז פון נמות מיר האבען מורא טאמער וועלין מיר שטארבין: [יז] ויאמר משה זאגט דער יצר טוב אל העם צו דיא אברים אל תיראו איך זאג אייך דאס איהר זאלט אנא יראה נישט מורא האבין דאס ווערט גירופין יראת העונש איהר האט מורא פאר דיא שטראף. דאס איז אנידריגע מדרגה. אונ אויך כי לבעבור נסות אתכם פון וועגין אייך צו דער הייבין בא האלהים קומט אויף אייך דער מדת הדין בעולם הזה

דורך

דורך דעם וועט איהר האבין עולם הבא ובעבור אונ פון וועגן תהיה יראתו על פניכם עס זאל נאר זיין יראת הרוממות פורכט פאר גאט אליין ווייל ער איז אזוי אגרויסער גאט בדארף מען איהם פאר אליין מורא האבין נישט צוא טאָן קיין שרעקין · אזוי איראה זאל נאר זיין אויף אייער פנים לבלתי תחטאו אונ נאר דורך אזעלכע יראה זאלט איהר נישט זינדיגין : [יח] ויעמוד העם מרחוק אונ ווען די איברים הערין דאס · שטעלין זייא זיך אפ ווייט פון יצר הרע איהם ניט צוא הערין ומשה אונ דער יצר טוב נגש טוהט גינעהנען מיט דעם מענטש אל הערפל אשר שם האלהים צו דעם ארט וואס דארט איז דא געטליכקייט : [יט] ויאמר וגו׳ אונ גאט זאגט צו משה כה תאמר וגו׳ אזוי זאלסט דוא זאגין צו דיא ישראל אתם ראיתם איהר האט אליין גיזעהן כי מן השמים דאס פון הימיל הדרתי עמכם האב איך גירעדט מיט אייך כלומר ווען אויך איך בין אין הימיל בין איך משגיח אויף אייך . אונ ווען אויך איך בין אזוי אגרויסער גאט פון דעסט וועגין האב איך זיך נישט גישעמט מיט אייך צוא רעדין . אונ אויך זאלט איהר בקלערין דאס איך בין אין הימיל . איבער דעם : [כ] לא תעשון אתי מיט דעם וואס איהר זינדיגט טוהט איהר מיר נאר נישט אלהי כסף ואלהי זהב לא תעשו דאס וואס איך פאר זאג אייך איהר זאלט ניט מאכין קיין זילבערנע אונ גאלדענע געטער לכם איז דס נאר פון אייערט וועגין . עס וועט אייך זיין גוט ווען איהר וועט מיך הערין אונ וועט נישט דינען דיא עבודה זרה אונ ווען זייא האבן יוא גידינט עבודה זרה איז דורך דעם חרוב גיווארין דער בית המקדש · דס זאגט ער אן : [כא] מזבח אדמה תעשה לי ווען דוא וועסט מאכין אמזבח אונ דורך דעם ווערט ער גירופין מזבח אדמה אמזבח וואס ער איז גיווארין גימאכט פון אמענטש ווס ער איז ערד זאלט איהר זעהן אין די צייט צו טאָן מצות ומעשים טובים אונ צו זיין גיהיט פון עבירות בבדי דער מזבח זאל האבין אקיום וזבחת עליו וגו׳ אונ זאלסט קענען תמיד אויף איהם מקריב זיין קרבנות . אונ ווען אבער זייא האבין גיזינדיגט איז דער בית המקדש חרוב גיווארין . אונ פון דעסט וועגין זאלט איהר נישט זאגין אז איהר זענט שוין אזוי פול צייט אין גלות אונ האט פול צרות . וועט איהר זיך הלילה שוין מייאש זיין פון די גאולה . זאג איך אייך בכל המקום איך גאט בין אין אלע מקומות איך בין מיט אייך אין גלות אויך אשר אזכיר את שמי אונ ווען איהר וועט זיך אליין נישט נעמען צו תשובה וואס דאס זאל מקרב זיין דיא גאולה . וועל איך זיך דער מאנען אז מיין נאמען איז נישט גאנץ די אותיות י״ה איז דר ווייטערט פון די אותיות ו״ה (אזוי וויא עס שטייט על כס י״ה) אבוא אליך וברכתיך וועל איך קומען צו דיר אונ וועל דיך בענטשין אונ עס וועט זיין די גאולה : [כב] ואם מזבח אבנים תעשה לי אונ אז דו וועסט שוין דאמאלס וועלין מאכין פון סיינעט וועגין אמזבח פון שטיינער כלומר ער זאל האבין אקיום לא תבנה אתהן גזית זאלסט דו נישט בויען דעם מזבח כי חרבך הנפת עליה ותחלליה ווארום ווען דו וועסט מיט דיינע הענד אויף הייבין אויף איהם מיט דיינע אייזערנע כלים צו בויען . וועסטו דו דאס פר שוועכין . נאר ווס דען . איך גאט אליין וועל בויען דעם דריטין בית המקדש . וועט ער שוין ניט חרוב ווערין אזוי ווי די ערשטע בתי מקדשות זענען חרוב גיווארין ווייל איהר הט זיי גבויעט אונ אויך זענען די ביידע הורבנות גיוועזען דורך שנאת חנם ווס בייא די ישראל איז דאמאלס גיוועזען ווס איינער הט זיך גיהאלטין בגאוה אויף דעם אנדערען . אונ דורך דעם האבין זיי איינער דעם אנדערען גיהרגט . דס מיינט ער אויך כי חרבך וגו׳ דוא

האסט

האסט אין יענע צייטן דיין שווערד אויף גיהויבין צו הרגנן דיין חבר ותחלליה איבר דעם האט דו יענע בתי מקדשות פר שוועכט אונ זענען חרוב גיווארין. אונ אויך איז דאמאלס גיוועהן זנות. אבער ווען די גאולה וועט זיין וועט דס אלץ נישט זיין: [כג] ולא תעלה במעלות אונ וועסט זיך נישט הייבין צו האלטין בגאוה אויף דיין חבר על מזבחי אין דער צייט ווען איך וועל בויען דעם דריטין בית המקדש אשר לא תגלה ערותך אונ דו וועסט נישט מזנה זיין עליו אין זיין צייט. עס וועט בטל ווערין דער יצר הרע. השי״ת זאל דס געבין במהרה בימינו אמן:

# פרשת משפטים

כא (א) ואלה המשפטים אשר תשים אונ דס זענען די דינים וואס דו משה זאלסט טוען לפניהם פאר זיי פון זייער טובה וועגין: [ב] כי תקנה וגו׳ דער אור פני משה טייטשט אזוי די פסוקים על פי רמז כי תקנה עבד דער יצר הרע ווערט גירופן עבד אזוי וויא עס שטייט אין פסוק (משלי כ״ט כ״א) מפנק מנער עבדו ואחריתו יהיה מנון ווען דער מענטש פירט זיך אין די יוגענד נאך דעם יצר הרע וואס דאמאלס איז דער יצר הרע נישט אזוי נאך קיין האר איבער דעם מענטש. נאר ער איז גליך וויא אעבד. דער מענטש האט אבירה אויף איהם צו שאפין אונ ווען דער מענטש פאר נעמט זיך אבער אין דיא צייט מיט פארגעניגין מיט תאוות עולם הזה. ווערט דער יצר הרע דער נאך אויף דעם מענטש איין האר אונ שאפט אויף איהם. זאגט דא דער פסוק כי תקנה עבד ווען די עברי ווילסט קויפין דעם יצר הרע זאלסט דו זיך צוא איהם נעמען תיכף אין דיא יונגע יארין ווען ער איז נאך אעבד אונ זאלסט אים ניט הערין וואס ער זאגט דיר שש שנים יעבוד אז די זעקס צעה ער יאהר די זעכציג יאהר יעבוד זאלסטו מיט איהם ארבייטין אין עולם הזה זאכין ובשביעת אונ אין דיא זיבעטע צעהן יאהר אויף דיא עלטער יצא וועט ער ארויס גיין פון דיר אונ וועט דיר לאזין לחפשי דו זאלסט לערנען תורה דער וואס ער לערינט איהר ווערט ער פריי פון שלעכטס אזוי וועט דיר דער יצר הרע איין רעדין. זאגט דער פסוק חנם ווען דוא מענטש וועסט זיך נאר לאזען אין דיא יונגע יאהרין אן רעדין פון דעם יצר הרע נישט צו לערנען. איז שוין אלץ אום זונסט. עס וועט שוין אזויא אוועק געהן דאס גאנצע לעבין מיט גאר נישט אונ דאס לעבין וועט הייסען עס איז גאר גילעבט אום זונסט. ער האט גאר ניט פועל גיוועהן מיט זיין לעבין אונ הלואי: [ג] אם בגפו יבא אזוי וויא ער איז אליין געקומען אן עבירות אויף דיא וועלט בגפו יצא זאל ער אזוי ארויס געהן פון דיא וועלט. אונ זאל נישט חלילה מקלקל זיין. אונ ווען ער וועט זיך לאזען אהן רעדין פון דעם יצר הרע וועט ער נאך חלילה מקלקל זיין. אונ אבער: [ד] אם בעל אשה הוא ווען ער הייבט אן תיכף אין דיא יוגענד צו לערנען תורה ויצאה אשתו עמו גייט מיט איהם תמיד מיט דיא תורה הן בעולם הזה איהם אפ היטען פון אלעם שלעכטס הן בעולם הבא אויף איהם מגין צו זיין [ה] אם אדוניו יתן לו אשה · אין (תהליב א ב) שטייט כי אם בתורת ה׳ חפצו דער ווילע פון צדיק איז נאר אין גאטס תורה. אונ ווענין דעם ובתורתו יהגה יומם ולילה איז דער צדיק זוכה אז דיא תורה וואס ער לערינט ווערט גירופין זיין אייגינע תורה עס ווערט גירופין אויף זיין נאמען. דאס זאגט דא דער פסוק אם וגו׳ יתן לו וגו׳ ווען ער לערינט תמיד דיא תורה וואס דורך

דעם איז ער זוכה אז גאט גיט איהם אוועק דיא תורה עס זאל הייסן זיין תורה וילדה לו בנים או בנות אונ זיא וועט אין איהם פועל זיין ער וועט מקיים זיין די מצות עשה אונ דיא מצות לא תעשה. אונ אויך האשה וילדיה תהיה לאדוניה דיא תורה אונ די מצות וועט ער נאר טוען וועגין גאט. ניט פון גאוה אונ כבוד וועגין נאר לשמה׃ והוא יצא ווען ער וועט שטארבין אונ ארויס גיין פון עולם הזה בגפו וועט ער ארויף פליען גלייך אין הימיל דורך דיא תורה [גף איז דער טייטש פליגיל אונ דיא תורה ווערט גירופין מיט דעם נאמען עוף ווים זיי האבין פליגיל]. דער נחל קדומים טייטשט דיא פסוקים על פי רמז אזוי כי תקנה ווען די השם יתברך טוהסט קויפין עבד עברי איוד פאר אקנעכט שש שנים זעקס יאהר דאס מיינט מען זעקס מאל צעהן וואס דאס איז באזאמען זעכציג יאר יעבוד זאל דער מענטש ארבייטין אונ טוען תורה ומצות. אונ וויל דאמאלס איז נאך דער יצר הרע שטארק ביים מענטש בדארף ער גיט ארבייטין ובשביעית אונ אז דער מענטש וועט שוין זיין אין דעם זיבעטין יאר דס מיינט מען אין די זיבעטע צעהן יאר פון זיין לעבין יצא ווען עס וועט שוין אוים גיין דיא זיבציג יאר אונ דער מענטש וועט שוין אוועק גיין פון די וועלט דאמאלס לחפשי הנם איז שוין דער מענטש פרייא אום זונסט. דאמאלס האט ער שוין קיין צייט נישט צוא טוען מצות. אונ די מענטשין זאגין׃ [ג] אם בגפו יבא אזוי ווי דער מענטש קומט אויף די וועלט אליין אן מצות בגפו יצא אזוי וועט ער אוועק גיין פון די וועלט אויך אליין חלילה. זאגט דער פסוק אז עס איז נישט אזו נאר אם בעל אשה הוא מיר גיפונען אין פיל מקומות אז די תורה ווערט גירופין אשה. דאס מיינט דער פסוק ווען דער מענטש ווערט איין מאן פון דיא תורה ער איז עוסק אין זיין לעבין אין דיא תורה דאמאלס ויצאה אשתו עמו גייט דיא תורה מיט אין קבר אריין מיט דעם מענטש אויף איהם מגין צו זיין אזוי ווי עס שטייט אין פסוק משלי. בהתהלכך ווען דו וועסט אוועק גיין פון דיא וועלט תנחה אותך וועט דיא תורה זיך מיט פירין מיט דיר בשכבך ווען דו וועסט ליגין אין קבר תשמור עליך וועט די תורה אפ היטין אויף דיר והקיצות היא תשיחך ווען דו וועסט אויף שטיין תחית המתים וועט די תורה מיט דיר רעדין זאגט ווייטער דער פסוק׃ [ד] אם אדוניו יתן לו ווען אבער דער מענטש לערינט נאר דיא תורה וועגין דעם דאס גאט זאל איהם געבין פארמעגין אשה וועגין דיא תורה. אונ אויך איז דער מענטש דאך שלאף אין זיין כח התורה אזוי וויא א אשה. אונ דאס הייסט גאר תורה שלא לשמה איז אפילו וילדה לו בנים או בנות ווען אויך די תורה וואס ער לערינט מאכט איהם גיווינען פיל פשטים אונ רמזים אין איהר. נאר וויל עס איז נישט לשמה. איז האשה וילדיה תהיה לאדוניה וועט זיין תורה מיט דיא דיא חדושים זיין צו איהר האר דעם השי״ת והוא יצא בגפו אונ דער מענטש וועט אוועק גיין פון דיא וועלט אן תורה. אזוי וויא אין זהר שטייט תורה שלא לשמה לא סליק לעילא דיא תורה וואס דער מענטש לערינט נישט לשמה נאר פון כבוד וועגין דאס מענטשין זאלין איהם מכבד זיין מיט מתנות מען זאל איהם טרויען הלואות אונ נאך גלייכין גייט דיא תורה נישט מיט מיט דיא נשמה אויף דעם הימיל׃ [ה] ואם אמר יאמר העבד אבער ווען דער מענטש וועט זאגין אהבתי את אדוני איך האב ליב מיין האר השי״ת אונ וועגין דעם את אשתי האב איך ליב מיין תורה ואת בני אונ דיא חדושים פון דיא תורה לא אצא חפשי איך וויל ניט זיין אפרייער מענטש ארום צו גיין אין גאס נאר איך וויל לערנען תורה לשמה אונ זיין א עובד ה׳ דאמאלס׃

והגישו

[ו] והגישו אדוניו אל האלהים וועט איהם גאָט זַיין הַאר מַאכֶן גינֶעהָענֶען צוּ זִיךְ אוּנ
וועט אִיהם כְּגַלֶּה זַיין רָזֵי תּוֹרָה והגישו אל הדלת או אל המזוזה אוּנ גאָט אַלֵיין
וועט אִיהם מַאכֶן גִינֶעהֶענֶען צוּ דִי טִיעֶר אָדֶער צוּ דִיא מְזוּזוֹת (בַּייא שְׁטִידְלִיךְ) פוּן דִי
טִיעֶר פוּן בֵּית הַכְּנֶסֶת אוּנ בֵּית הַמִּדְרָשׁ ורצע אדוניו את אזנו במרצע אוּנ גאָט וועט
בּוֹיעֶרִין זַיין אוֹיעֶר כְּלוֹמַר עֶר וועט אִיהם זַיין חוּשׁ הַשְּׁמִיעָה גָאר צוּ בֵּייגִין צוּ דִיא
תּוֹרָה עֶר זָאל נִיט גְלוּסְטִין צוּ הֶערִין דְּבָרִים בְּטֵלִים. אוּנ דֶער מֶענְטְשׁ וועט זוֹכֶה זַיין
ועבדו דָם עֶר וועט דִינֶען גָאט לעולם אוֹיף דִי אֵייבִּיגֶע וועלְט דָם אִיז עוֹלָם הַבָּא:
[ז] וכי ימכור איש דֶער נועם אלימלך טַייטְשְׁט עַל פִּי רֶמֶז אַזוֹי הקב"ה ווערְט גִירוּפֶן
אִישׁ. אַזוֹ וִויא אִין פָּסוּק שְׁטֵייט ה' איש מלחמה זָאגְט דֶער פָּסוּק ווען דֶער השי"ת
וועט פַאר קוֹיפִין את בתו זַיין טָאכְטֶער דִי כְּנֶסֶת יִשְׂרָאֵל אִין גָלוּת צַבַיין לאמה פַאר
אַדִינְסְט זֵייא וועלִין זַיין מְשׁוּעְבָּדִים לא תצא וועט זיא נִיט אַרוֹים גֵיין פוּן גָלוּת כצאת
העבדים אַזוֹי וִויא דִיא עֲבָדִים כְּנַעֲנִים גֵייעֶן אַרוֹים פְרַייא מִיט שֵׁן וַעַיִן אוּנ פִיעֶר אוּנ
צְוַואנְצִיג רָאשֵׁי אֵבָרִים כְּלוֹמַר ווען זֵייעֶר בַּעַל הַבַּיִת הַאקְט זֵייא אוֹים אַצָאן אָבֶער
אַאוֹיג אָבֶער אֵיין אַנְדֶער עֶקְסְטִין אֵבֶר גֵייעֶן זֵייא אַרוֹים פְרַייא. אָבֶער דִי יִשְׂרָאֵל
ווען עֶם וועט ווערִין חָלִילָה בַּייא זֵייא קַאלְיֶע דִיא צֶעהֶן דוּרְךְ מַאֲכָלוֹת אֲסוּרוֹת אוּנ
טְרֵפוֹת. אוּנ דִיא אוֹיגִין דוּרְךְ קוּקִין אוֹיף דְּבָרִים רָעִים אוּנ אוֹיף פְרֶעמְדֶע ווַייבֶּער אוּנ
דִיא אִיבְּרִיגֶע אֵבָרִים דוּרְךְ מַעֲשִׂים רָעִים וועלִין זֵייא נִיט אַרוֹים גֵיין פְרַייא. נָאר ווען
זֵיי וועלִין זִיךְ נֶעמֶען צוּא תְּשׁוּבָה אוּנ וועלִין מְתַקֵּן זַיין מִיט אַלֶע אֵבָרִים צוּא טוּעֶן
מַעֲשִׂים טוֹבִים דַאמָאלְם וועלִין זֵיי פְרַיי ווערִין פוּן גָלוּת: [יב] מכה עַל פִּי רֶמֶז טַייטְשְׁט
דֶער אור פני משה אַזוֹי מכה איש דֶער מֶענְטְשׁ וָוָם וִויל צוּא שְׁלָאגִין פוּן זִיךְ דֶעם
יֵצֶר הָרָע ווען עֶר אִיז שׁוֹין בַּייא דֶעם מֶענְטְשׁ אַנַאנְצֶער אִישׁ ומת בַּדַארְף זִיךְ דֶער
מֶענְטְשׁ בַּקְלֶערִין דָם עֶר אִיז שׁוֹין אֵיין מָאל גִיוועז בָּעוֹלָם הַזֶּה אוּנ ווַייל עֶר הָאט
דַאמָאלְם גִיהֶערְט דֶעם יֵצֶר הָרָע אוּנ הָאט נִיט מְתַקֵּן גִיוועז וָואם עֶר הָאט בַּדַארְפְט
אִיז עֶר גִישְׁטָארְבִּין. אוּנ מות יומת ווען עֶר וועט נִיט אַצוּנְד זֶעהְן צוּא נֶעמֶען צוּא
טוּעֶן מַעֲשִׂים טוֹבִים קֶען זַיין חָלִילָה עֶר וועט נָאךְ עֶטְלִיכֶע מָאהל שְׁטַארְבִּין אוּנ ווַייטֶער
מְגוּלְגָל ווערִין. מִיט דֶעם גִידַאנְק וועט דֶער מֶענְטְשׁ צוּ שְׁלָאגִין פוּן זִיךְ דֶעם יֵצֶר
הָרָע אוּנ וועט אִיהם נִיט הֶערִין: [יד] וכי יזיד איש אוּנ ווען דֶער יֵצֶר הָרָע וועט זִיךְ
נֶעמֶען בְּמֵזִיד על רעהו אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ אוּנ וועט אִיהם אֵיין רֶעדִין דָאם עֶר אִיז זַיין
גִיטְרַייעֶר פְרַיינְד מִיט דֶעם וָואם עֶר רֶעדְט אִיהם אָן צוּא תַּאֲוֹות עוֹלָם הַזֶּה אָבֶער
בֶּאֱמֶת להרגו בערמה וויל עֶר אִיהם גָאר טֵייטִין דוּרְךְ זַיין פַאלְשְׁקֵייט. זָאג אִיךְ דִיר
מֶענְטְשׁ מעם מזבחי פוּן מַיין מִזְבֵּחַ כְּלוֹמַר דוּרְךְ דֶעם טִישׁ וָום דִי לֶערִינְסְט אוֹיף אִים תּוֹרָה
וָום דָם אִיז אַמִזְבֵּחַ אַשֶׁעכְטוּנְג צוּם יצה"ר תקחנו למות וועסְט דֶעם יֵצֶר הָרָע נֶעמֶען אוּנ
אִיהם מְבַטֵּל זַיין: [יז] ומקלל אביו ואמו דֶר מֶענְטְשׁ וָום עֶר טוּהְט מַעֲשִׂים רָעִים שֶׁענְט עֶר
מִיט דֶעם הֵן צוּ גָאט דֶר פָאטֶר הֵן צוּ דִי כְּנֶסֶת יִשְׂרָאֵל וָום ווערִין גִירוּפִין דִי מוּטֶער מות
יומת אִיבֶּער דֶעם וועט עֶר שְׁטַארְבִּין צְווַיי מָאל הֵן בָּעוֹלָם הַזֶּה הֵן בָּעוֹלָם הַבָּא:
[יח] וכי יריבון אנשים אַז דֶער יֵצֶר טוֹב מִיט דֶעם יֵצֶר הָרָע קְרִיגְט זִיךְ אִין דֶעם מֶענְטְשׁ
והכה איש את רעהו בַּדַארְף דֶער מֶענְטְשׁ זֶעהֶען עֶר זָאל הֶעלְפִין דֶעם יֵצֶר טוֹב אִין
זַיין מִלְחָמָה אוּנ צוּ שְׁלָאגִין דֶעם יֵצֶר הָרָע. באבן מִיט דֶעם כֹּחַ הַתּוֹרָה וָואם זיא ווערְט
גִירוּפֶען לוחות אבן. או באגרוף אוּנ מִיט דִי פוֹיסְט צוּ גֶעבִּין צְדָקָה. אוּנ ווען אוֹיךְ ולא
ימות עֶר וועט נִיט ווערִין אִין גַאנְצֶען בָּטֵל. ונפל למשכב וועט עֶר אָבֶער פַאלֶען אוֹיף

דעם

דעם גילעגער כלומר ער וועט ווערין אפ געשלאפט פון זיין כח: [יט] אם יקום ווען דער
יצר הרע טוט ווייטער אויף שטעהן אויף דעם מענטש. והתהלך בחוץ דארף דער מענטש
אז היבען צו געהן אין די בתי מדרשות צו לערנען די חכמת התורה וואס ביא איהר
שטייט אין פסוק (משלי א כ) חכמות בחוץ תרנה. על משענתו אונ זאל ניט זארגען אויף
פרנסה נאר ער זאל זיך אן לעהנען אויף גאט. ונקה המכה וועט שוין דער יצר הרע
דער שלעגער פון מענטש ווערין אפ גירייניגט פון מענטש. רק שבתו יתן דער מענטש
דארף געבין כעשים טובים פאר דיא צייט וואס ער איז גיזעסין ליידיג אונ האט ניט
געטוען. ורפא ירפא אונ דארף זיך אויס היילען די מכות פון יצר הרע דאס איז די מדות
רעות: [כא] אך וגו׳ דער נהל קדומים זאגט אז דער פסוק איז מרמז. אז די מענטשען
זאלין זעהען תמיד צו טוען תשובה. אונ דאס וואס זייא טוען נאר תשובה אין דיא צוויי
טעג ראש השנה אונ אין איין טאג יום כפור איז דאס נישט גינוג ווארום דאמאלס ווערט
נגזר אויף דעם מענטש זיין פרנסה אויף דעם גאנצען יאהר קען דאך זיין אז זיין תשובה
איז נישט באמת נאר ווייל ער וויל קריגען אחתימה טובה אויף פרנסה. דאס איז דיא
כוונה אין פסוק. אך אם יום. ווען דער מענטש וועט נאר טוען תשובה אין דעם איין
טאג יום כפור או יומים יעמוד אונ ווען אויך ער וועט טוען שטיין דיא צוויי טעג פון
ראש השנה מיט תשובה. וויא באלד אבער אז אין גאנצע יאהר טוט ער ניט קיין
תשובה. דאמאלס לא יקום ווערט זיין תשובה גאר ניט גירעכינט. כי כספו הוא ווארום
זיין תשובה אין דיא טעג איז נאר וועגין זיין געלד מען זאל אים אן שרייבען אונ חתמינן
צו פרנסה איז דאך די תשובה נישט באמת. דער מענטש דארף אבער אלע טאג צו
זעהן זיך בארעכנען וואס ער טוט דעם טאג. אונ טוען תשובה אויף דעם וואס ער
האט דעם טאג עפעס פאר פעלט. אונ נעמין אויף זיך דאס אויף מארגען זאל ער דאס
פאר ריכטען. דאמאלס וועט זיין תשובה זיין אגוטע תשובה וועט ער נאך זיין גרעסער
פון אצדיק: [כב] וכי וגו׳ דאס איז ידוע אז דער חורבן בית המקדש אונ דער גלות
פון ירושלים איז נאר גיוועז פון וועגין שנאת חנם וואס זייא האבען זיך איינער מיט דעם
אנדערין געקריגט. דאס איז מרומז אין פסוק וכי ינצו אנשים אונ ווען דיא מענטשין
וועלין זיך קריגען אונ עס וועט ביא זייא זיין שנאה אונ מחלוקת ונגפו אשה הרה וועלין
זייא מארדען דיא שטאט ירושלים ויצאו ילדיה אונ דיא ישראל וועלין פון איהר ארויס
געהן אין גלות אריין. ולא יהיה אסון. אונ ער איז זייא מבטיח אז זייא וועלין נישט
אין גאנצען כלה ווערין. נאר ענוש יענש זייא וועלין ווערין גישטראפט כאשר ישית עליו
בעל האשה אויף אזוי פיל צייט וואס גאט וועט אויף זייא טוען ונתן אונ וועט זייא געבין
שטראף בפללים דורך די שופטים אין יסורים: (לג) וכי יפתח איש בור או כי יכרה איש
בור. דער פסוק פרעגט אשאלה. טרעפט זיך דען אז דער יצר הרע זאל אנרעדין דעם
מענטש צו טוען אעבירה וואס מיט דעם גראבט ער אויף דעם מענטש אגרוב. דאס איז
דער גיהנם. ולא יכסנו אונ זאל דאס נישט פאר דעקין מיט גלאטיקע אונ פאלשע רייד.
דאס טרעפט גאר ניט. דער יצר הרע רעט ניט אן כיט אמאהל דעם מענטש ער זאל
טוען אעבירה. נאר ער רעדט איהם איין פריער אז עס איז נאך אמצוה דיא זאך צו טוען
אונ פאר בלענט דעם מענטש זיינע אויגען. ונפל שמה שור או חמור. אונ דער מענטש
וואס ער האט ניט קיין שכל אונ צוועט זיך נאך דעם יצר הרע פאלט ער אריין אין
דעם גיהנם: (לד) בעל הבור ישלם זאגט דער פסוק. פאר וואס איז דאס וואס הען
הערט בעסער דעם יצר הרע. ווייל דער יצר הרע באצאלט דעם מענטש בעולם הזה.

בכםף ישוב לבעליו עֶר גִיט דֶעם מֶענְטְשׁ אִין גֶעדַאנְק אַרַיין דָאס וֶוען עֶר וֶועט גֶעהְן זַיינֶע וֶועגִין וֶועט עֶר הָאבֶּען פִיל גֶעלְד. אוּנ וָואס וֶוערְט דֶער סוֹף, והמת דֶער רָשָׁע וָואס וֶוען אוֹיךְ עֶר לֶעבְּט אִיז עֶר טוֹיט אַזוֹי וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט רשעים בחייהם קְרוּים מתים. יהיה לו עֶר טוּט זַיין צוּ דֶעם יֵצֶר הָרָע. צוּם מַלְאָךְ דוּמָה וָואס עֶר אִיז דֶער מַלְאָךְ הַמָּוֶת אוּנ דֶער שָׂטָן אוּנ דֶער יֵצֶר הָרָע:

כב (ד) כי יבער וגו׳ עַל פִּי רֶמֶז אִיז דֶער טַייטְשׁ אַזוֹי. כי יבער איש וֶוען דֶער השי״ת וָואס וֶוערְט גֶערוּפֶען ה׳ איש מלחמה. וֶועט מַאכֶען אָפּ גֶערָאכְט שָׂדֶה דֶעם בֵּית הַמִקְדָשׁ או כרם אוּנ דִי יִשְׂרָאֵל דָאס אִיז דֶער עֶרְשְׁטֶער חוּרְבָּן. ושלח את בעירה אוּנ דֶער נָאךְ וֶועט עֶר וַוייטֶער שִׁיקֶען זַיין אוֹיס רָאמִינְג ובער בשדה אחר אוּנ וֶועט אָפּ רָאמֶען דֶעם אַנְדֶערִין בֵּית הַמִקְדָשׁ אוּנ אִים חָרוּב מַאכֶען׳ זָאגְט דֶער פָּסוּק אַז מֶען זָאל זַיין בָּטוּחַ מיטב שדהו זַיין בֶּעסְטִין בֵּית הַמִקְדָשׁ ומיטב כרמו אוּנ צוּ טוּעֶן וָואס צוּם בֶּעסְטִין צוּ זַיין כֶּרֶם דָאס אִיז דִי יִשְׂרָאֵל יְשַׁלֵם עֶר וֶועט אַלֵיין דָאס בַּאצָאלִין גָאט ב״ה אַלֵיין וֶועט בּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמִקְדָשׁ בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן: [טו] וכי יפתה וגו׳ דֶער אור פני משה טַייטְשׁ עַל פִּי רֶמֶז אַזוֹי. וכי יפתה איש אוּנ וֶוען דֶער יֵצֶר הָרָע רֶעדְט אִיבֶּער בתולה דִי יִשְׂרָאֵל אוּנ עֶר זָאגְט זַיי אשר לא ארשה דָאס זִיא אִיז נִיט פֶערְלָאבְּט צוּ גָאט. ושכב עמה אוּנ דֶער יֵצֶר הָרָע לִיגְט מִיט אִיהְר כְּלוֹמַר עֶר אִיז מִיט זַייא תָּמִיד אוּנ רֶעדְט זַייא תָּמִיד אָן צוּ טוּעֶן שְׁלֶעכְטְס. זָאגְט דֶער פָּסוּק מהר ימהרנה לו לאשה וֶוען זַיי וֶועלִין נָאר אִים אָן הֵייבֶּען צוּ הֶערִין. וֶועט דֶער יֵצֶר הָרָע זַייא צוּ נֶעמֶען צוּ זִיךְ צוּ אֵיין אִשָׁה: [טז] אם מאן אָבֶּער וֶוען זַייא וֶועלִין גָאר נִיט אָן הֵייבֶּען צוּ וֶועלִין צוּ הֶערִין דֶעם יֵצֶר הָרָע ימאן אביה וֶועט גָאט אִיהְר פָאטֶער הֶעלְפִין דָאס מֶען זָאל נִישְׁט וֶועלִין אִיהֶם הֶערִין לתתה לו גָאט וֶועט נִיט לָאזֶען אִיהְר דִי יִשְׂרָאֵל אִיבֶּער גֶעבִּין צוּם יֵצֶר הָרָע. אוּנ אַנְטְקֶעגִין דֶעם וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע רֶעדְט זַייא אָן דָאס זַיי זָאלִין נָאר פַאר בְּרֶענְגֶען דִיא צַייט פוּן וֶועגִין צוּ הָאבִּין פִיל גֶעלְד. זָאגְט דֶער פָּסוּק כסף ישקל גָאט אַלֵיין וֶועט זַיי צוּ שִׁיקֶען גֶעלְד כמהר הבתולות נָאךְ זַייעֶר בַּאדֶערְפֶענִישׁ נָאךְ. [כד] אם כסף וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ גְלִיסְט תלוה את עמי דוּא זָאלְסְט זִיךְ בַּאהֶעפְטֶען מִיט דִי צַדִיקִים וָואס זַיי וֶוערִין גֶערוּפֶען מַיין פָאלְק. זָאג אִיךְ דִיר את העני עמך דֶער יֵצֶר טוב וָואס עֶר אִיז בַּיי דִיר אוּנ עֶר אִיז שְׁוַואךְ בַּיי דִיר אַזוֹי וִויא אֵיין עָנִי לא תהיה לו כנשה זָאלְסְט דוּ נִיט זַיין צוּ אִים גְלַייךְ וִוי דוּ פַר גֶעסְט אִין אִים. לא תשימון עליו נשך אִיהְר זָאלְט אוֹיף דֶעם יֵצֶר טוב נִישְׁט מַאכֶען קֵיין בַּייסוּנְג דָאס מֵיינְט מֶען אִיהְר זָאלְט נִיט צוּ לָאזֶען דָאס דֶער יֵצֶר הָרָע זָאל שׁוֹלֵט זַיין אוֹיף דֶעם יֵצֶר טוב אוּנ אִים בַּייסֶען. נָאר אִיהְר זָאלְט זִיךְ אַלֶע מָאהְל דֶער מַאנֶען אִין דֶעם אָרִימֶען יֵצֶר טוב. אוּנ אוֹיף אִים רַחֲמָנוּת הָאבֶּען אוּנ אִים גֶעבִּין צְדָקָה דָאס אִיז צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּנ צוּ טוּעֶן מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים דוּרְךְ דֶעם וֶועסְט דוּ זַיין מְחוּבָּר צוּ דִיא צַדִיקִים אִין גַן עֵדֶן: [כה] אם חבל תחבל שלמת רעך וֶוען דוּ וֶועסְט פַר דַארְבֶּען דָם מַלְבּוּשׁ פוּן דִי נְשָׁמָה. דוּרְךְ דַיינֶע מַעֲשִׂים רָעִים. זָאלְסְט דוּ זֶעהֶען עד בא השמש אֵיידֶער דַיין זִין גֵייט אוּנְטֶער. כְּלוֹמַר אֵיידֶער דוּ שְׁטַארְבְּסְט תשיבנו לו זָאלְסְט דוּ זֶעהֶען צוּ טוּעֶן תְּשׁוּבָה אוּנ זָאלְסְט צוּרִיק קֶערִין דָאס מַלְבּוּשׁ צוּ דִי נְשָׁמָה: [כו] כי וגו׳ דֶער כנפי נשרים טַייטְשְׁט אַזוֹי. פְרִיעֶר זָאגִין דִיא פְּסוּקִים אַז מֶען בַּאדַארְף זֶעהְן רַחֲמָנוּת הָאבֶּען אוֹיף דִי עֲנִיִים אוּנ זַייא בָּארְגִין גֶעלְד אוּנ וֶוען מֶען נֶעמְט בַּיי דֶעם עָנִי אַמַשְׁכּוֹן זָאל מֶען אִים דֶעם מַשְׁכּוֹן זֶעהֶען אַלֶע בַּאכְט אַוֶועק גֶעבִּין. זָאגְט דָא דֶער פָּסוּק כי הוא כסותה וגו׳ וָוארוּם דָאס אִיז דָאךְ זַיין

איינציג מלבוש און האט נישט ביי נאכט מיט וואס זיך צו באדעקן. והיה כי יצעק און ווען דער ארימאן וועט שרייען אויף דעם וואס ער האט ניט וואס ער באדארף. זאל ער ניט טוען אזוי וויא דער מנהג פון די עניים. זיי שרייען אויף די גבירים וואס גיבן ניט אכטונג אויף זייא. און שעלטין אויף די דיינים וואס מאכען ניט קיין ריכטיגען תיקון פר זייערט וועגין. זאגט אבער גאט. דאס דער עני באדארף נישט טוען אזויא. נאר ווען ער טוט שרייען. זאל ער שרייען אלי צו מיר ושמעתי וועל איך הערין זיין גישרייא ער באדארף ניט זיין צארינדיג וועגין דעם רייכקייט פון די עשירים. ער באדארף נאר בעטן צו מיר נאט וועל איך הערין זיין תפלה כי חנון אני ווארום איך קען ליידזעליגען צו די וואס בעטין פון מיר: [כז] אלהים לא תקלל און דיא דיינים זאלסטו ניט שעלטין וואס זיי זענען ניט מתקן א טובה פון אייערט וועגין ונשיא בעמך לא תאר און דעם גרויסען מאן פון דיין פאלק. דער נשיא פון זייא. דעם משגיח זעהרער. זאלסט דוא עני נישט פליכטען. ער נעמט נישט צוא דיין פאר מעגין. בעט נאר צוא גאט. ער קען דיר אויך געבין:

כג [א] לא תשא שמע שוא זאלסט ניט אויף זיך טראגין דאס פאלשע און נישטיגע הערינג וואס דער יצר הרע רעדט דיר אן צו טוען אל תשת ידך עם רשע זאלסט זיך ניט מחבר זיין מיט דעם יצר הרע און איהם געבין דיא האנד צוא טוען וואס ער וועט דיך הייסין ווארום להיות עד דיין האנד אליין וועט זיין אעדות אויף דיר אזוי וויא עס שטייט והיד כותבת דיא האנד פון מענטש פאר שרייבט אליין די עבירות וואס ער טוהט. און דורך דעם חמס וועט ער ווערין חלילה גרויבט פון דיא וועלט: [ב] לא וגו׳ דער אור פני משה טייטשט דיא גמרא (קידושין) זאגט אז דער מענטש דארף תמיד רעכנען דאס דיא וועלט איז חציו זכאי וחציו חייב העלפט מצות האבין זיי מקיים גיוועהן און העלפט מצות נישט. איבער דעם דארף דער מענטש צו טוען פול מצות וועט ער מיט זיינע מצות מכריע זיין דיא גאנצע וועלט לכף זכות. און דעסט גלייכין בייא עבירות איז אויך אזוי מיט זיינע עבירות און אפילו מיט איין עבירה קען ער חלילה מכריע זיין דיא גאנצע וועלט לכף חובה. דאס איז די כוונה אין פסוק לא תהיה אחרי רבים לרעות זאלסט זעהן צו זיין גיהיט פון צו טוען איין עבירה דוא זאלסט מיט דעם ניט גורם זיין צוא די וועלט קיין רעה ולא תענה על ריב און ווען דו וועסט קומען בעולם העליון פאר דעם בית דין של מעלה און מען וועט זיך מיט דיר אן הייבין צו קריגין וועגין דיינע עבירות וועסט דוא נישט האבין וואס צו ענטפערין לנטות זאלסט זיך קענען אפ נייגין אין דיא זייטין מיט תרוצים. נאר ווען די לעבסט בדארפסט דו זעהן נאר אחרי רבים להטות צוא טוען פול מצות וועסט דו זיך מזכה זיין און דו וועסט מזכה זיין פול מענטשין פון די וועלט מען וועט זייא מכריע זיין לכף זכות: [ג] ודל לא תהדר בריבו און דוא זאלסט זעהן נישט צוא בשיינען דעם יצר טוב אין זיין קריג. כלומר ווען ער קריגט זיך אין דיר מיט דעם יצר הרע פון וועגין אקליינע מצוה זאלסט דוא נישט זאגין. עס איז דאך נאר אקליינע מצוה איז נישט אזוי אגרויסע זאך וואס דער יצר טוב וועט מנצח זיין דעם יצר הרע. איך וועל אצונד לאזין דעם יצר הרע אויס פירין און ווען זייא וועלין זיך ביידע אין מיר קריגין וועגין אשיינע און אגרויסע מצוה דאמאלם וועל איך זעהן דער יצר טוב זאל מנצח זיין. זאלסט דו מענטש אזוי נישט זאגין נאר תיכף אין וועלכע מצוה עס איז. זאלסט דוא אלץ זעהן דער יצר טוב זאל מנצח זיין: [ד] כי תפגע שור אויבך

או חמורו ווען דוא וועסט בגעגינען דיין פיינד אונ די זעהסט דס ער טוהט מעשה בהמה ער טוהט עבירות אונ תאוות רעות תועה ער בלאנדזעט אפ פון דרך הטוב השב תשיבנו לו זאלסט דו זעהן איהם אויס שטראפין דאס ער זאל טוען תשובה אונ זאלסט איהם צוריק קערין צו גאט : [ה] כי תראה חמור שונאך ווען דו וועסט זעהן דאס דער חומר פון דיין שונא רובץ תחת משאו ליגט אונטער זיין משא פון עבירות וחדלת מעזוב לו וועסט דו אפשר וועלין זיך פאר מיידין פון איהם צו העלפין. זאג איך דיר עזוב תעזוב זאלסט איהם זעהן העלפין אונ איהם זאגין מוסר אונ איהם מחזיר למוטב זיין ווארום עמו דוא ביזט מיט איהם אזוי וויא דיא גמרא זאגט כל ישראל ערבים זה בזה אלע ישראל זענען ערבים איינער פון וועגין דעם אנדערן ווען איינער זעהט אז זיין חבר וויל טוען אעבירה אונ ער קען איהם זאגין מוסר דס ער זאל ניט טוען. אונ ער זאגט איהם ניט. ווערט ער אויך פר די עבירה גישטראפט נאר ווען ער זאגט איהם פול מאל מוסר אונ דער חבר הערט איהם אבער ניט דאמאלס איז ער שוין פטור. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק הוכח תוכיח את עמיתך פול מאל זאלסט דו זאגין מוסר צו דיין חבר אונ זאלסט איהם מוכיח זיין ער זאל ניט טוען קיין עבירה. דאמאלס ווען ער טוהט חלילה יוא ולא תשא עליו חטא וועסט דו נישט טראגין וועגין איהם אויף דיר אזינד. נאך אטייטש איז כי תראה חמור ווען דו זעהסט מיט שכל דאס דיין איינגער חומר איז גיווארין שונאך דיין פיינד ער רעדט דיך נאר אן צו תאוות עולם הזה רובץ החת משאו ער ליגט שוין אונטער זיין פעקיל עבירות וחדלת מעזוב לו וועסטו אפשר וועלין פאר מיידין איהם צוא העלפין ווייל דו וועסט מיינען עס וועט שוין ניט העלפין קיין תשובה חלילה. זאג איך דיר עס איז נישט אזוי עזוב תעזוב קענסט זיך העלפין עמו מיט איהם אליין זאלסט טוען תשובת המשקל וועסטו ווערין גיהאלפין : (ו) לא תטה משפט אביונך דו זאלסט ניט אפ נייגין דעם משפט פון דעם יצר טוב וואס ער איז שלאף ביי דיר אזוי וויא איין אביון ער ווערט גירופין ילד מסכן איין ארעם קינד בריבו ווען ער קריגט זיך מיט דיר אנטקעגין דעם יצר הרע אונ ער זאגט דיר דוא זאלסט אלע טאג לערנען תורה אונ טוען מצות ומעשים טובים זאלסטו איהם נישט אפ ווענדין פון דיר אונ איהם זאגין לך גיי דיר היינט אוועק ושוב למחר אונ קום מארגין וועל איך דיך הערין. נאר דו מענש בדארפסט תיכף רחמנות האבין אויף דיר אונ אויף דעם ארימען יצר טוב אונ תיכף נעמען זיך צוא תורה ומצות : [ז] מדבר שקר תרחק דוא מענטש זאלסט זיך דער ווייטערין פון צו רעדין פאלש אונ דו אליין טוהסט דאך תפלה צוא דעם גאט און דיא זאגסט אין דיא ברכה פון אהבה רבה כן תחננו ותלמדנו וגו' דוא גאט זאלסט אונז מאכין לערנען ללמוד וללמד לשמור ולעשות ולקיים וגו' מיר זאלין אליין לערנען אונ מאכין צוא אנדערע לערנען אונ צוא היטין די מצות לא תעשה אונ צו טוען די מצות עשה אונ אלץ מקיים צו זיין ודבק לבנו במצותיך וגו' אונ בהעפט אונזער הארץ צו דיינע מצות. אונ ווען עס קומט צום לערנען אונ צום טוען ווילסטו גאר נישט. רעדסט דו זיך אליין אלע טאג אשקר פאר גאט ברוך הוא. דארפסט דו זעהן זיך פון דעם צו דער ווייטערין אונ אויך ונקי וצדיק אל תהרוג ווען דו וועסט הערין דעם יצר הרע אונ וועסט טוען עבירות בפרהסיא. אונ דער צדיק וועט זעהן אונ ער וועט דיר נישט שטראפין ווארום ער מיינט דיין טובה אזוי ווי דיא גמרא זאגט מוטב שיהיו שוגגים ואל יהיו מזידים ער וויל דיר נישט זאגין מוסר בכדי דוא זאלסט זיין אשוגג

נישט קיין מזיד וועט דער צדיק נכשל ווערן דורך דיינע עבירות. נמצא ביזט דוא מיט דיינע זינד גורם אז דער צדיק זאל ווערן גיהרגת. אפשר וועסט דו חוטא זאגין. פאר וואס האט מיך דער צדיק ניט גישטראפט זאג איך דיר ער האט דם גיטוהן וועגין דיר. ווארום ער האט זיך גיטראכט כי לא אצדיק רשע איך וועל מיט מיינע רייד גאר ניט פועל זיין אויף דעם רשע ער זאל ווערן אצדיק. איז דאך גלייכער אז דר רשע זאל זיין אשוגג נישט קיין מזיד. אבער באמת ווערט דער צדיק יוא גישטראפט פר דעם וואס ער האט דיר מוכיח גיוועהן. נמצא ווערט ער דאך וועגין דיר גישטראפט. זאלסט דו זעהן זיך אפ צו היטין אונ דעם צדיק ניט מכשיל זיין: [ח] ושוחד לא תקח אונ דאס וואס דער יצר הרע גיט דיר שוחד ער רעדט דיר אן דוא זאלסט נישט לערנען דוא זאלסט בעסער די צייט עוסק זיין אין גישעפטין וועסטו האבין פול געלד זאלסט דוא דאס ניט נעמען כי השוחד יעור פקחים ווארום דער שוחד פון דעם יצר הרע פר בלענד די קלוגע ויסלף דברי צדיקים אונ פר קרימט דיא רייד אונ די דברי מוסר וואס דיא צדיקים רעדין: [ט] וגר לא תלחץ אונ זאלסט דיר ניט איינרעדין אז דו ביזט גידרוקט צו טוהן עבירות דורך דעם יצר הרע וואס ער וואונט אין דיר. ווארום ואתם ידעתם את נפש הגר איהר ווייסט דעם נפש פון דעם יצר הרע דאס מען קען איהם איבער וועגין צו גוטין כי גרים הייתם בארץ מצרים ווארום ווען איהר זענט גיוועהן אין לאנד מצרים זענט איהר גיוועהן עובדי עבודה זרה פון דעסט וועגין זענט איהר גיווארין גוט קענט איהר אויך אזוי טוהן: [יג] ובכל וגו' דער אוהב ישראל טייטשט אזוי מיר גיפונען אין דיא גמרא פול מאל עס ווערט גיברענגט פסוקים פון תורה פאר אסגולה אונ פאר אשמירה צום מענטש. זאגט דער פסוק ובכל אשר אמרתי אליכם אונ דורך די תורה אונ פסוקים וואס איך האב צו אייך גיזאגט תשמרו מעגט איהר זיך פון דעם מאכין אשמירה אסגולה ושם אלהים אחרים לא תזכירו אבער צוא מאכין אסגולה דורך כישוף וואס דאס איז גלייך וויא מען איז עובד עבודה זרה דאס טארט איהר גאר ניט גידענקין לא ישמע על פיך עס איז אסור צו ווערין גאר גיהערט פון דעם אויף דיין מויל: [כה] ועבדתם וגו' דער דגל מחנה אפרים טייטשט אזוי דיא גמרא (ברכות לב) זאגט הסידים הראשונים היו שוהים שעה אחת קודם שמתפללין וגו' די הסידים פון פר צייטין פלעגין זאמען אפ ווארטען איין שעה פאר דעם דאווענען אונ האבין אין דיא צייט באקלערט דאס גרויסקייט פון גאט ברוך הוא אונ דאס שפלות פון דעם מענטש. אונ דער נאך האבין זיי מתפלל גיוועזין מיט כוונה וחוזרין ושוהין שעה אחת אונ נאך דעם דאווענע האבין זיי אויך זיך אויף גיהאלטין איין שעה אין בית הכנסת אזוי האבין זייא זיך נוהג גיוועהן ביא אלע דריי תפלות פון טאג. פרעגט דיא גמרא וכי מאחר ששוהין תשע שעות ביום בתפלה אז זייא האבין זיך פאר זאמט ניין שעה אין טאג ביא דיא דריי תפלות פון טאג תורתן היאך משתמרת ומלאכתו היאך נעשית ווען האבין זיי גילערינט תורה אונ ווען האבין זיי עוסק גיוועהן פון וועגין פרנסה אלא מתוך שהסידים הם תורתם משתמרת ומלאכתו מתברכת איז דער תירוץ ווייל זיי זענען גיוועהן פרומע לייט איז ביי זיי דיא תורה וואס זייא האבין גילערינט אפאר שעה אין טאג גיוועהן ביי זייא אין זכרון. אונ גאט האט זייא געשיקט דיא ברכה אונ זייא זענען גיווארין גישפייזט בריוח. אויך זאגט דיא גמרא ברכות חש בראשו יעסוק בתורה וכו' ווען דעם מענטש טוהט וויא דער קאפ זאל ער לערנען תורה חש בכל גופו יעסוק בתורה ווען עס טוהט איהם וויא דער גאנצער גוף זאל ער לערנען תורה

שנאמר

שנאמר ולכל בשרו מרפא דיא תורה איז צום מענטש אהיילונג צו זיין גאנצען גוף אונ אויך זאגט דיא גמרא עבודה זו תפלה דאס ווארט עבודה בווייזט אויף תפלה. דאס איז דיא כוונה אין פסוק ועבדתם את ה' אלהיכם איהר זאלט עובד זיין צוא גאט דאס מיינט מען איהר זאלט מתפלל זיין מיט כוונה עס זאל זיין גלייך ווי דיא עבודה פון קרבן אונ זאלסט ניט פרעגין פון וואס וועסטו נעמען פרנסה. ווארום וברך את לחמך ואת מימיך גאט וועט בענטשין דיין שפייז אונ אויך זאלסט דו ניט מורא האבין דוא וועסט ניט האבין קיין צייט צו לערנען אונ ווען דו וועסט ווערין עפעס שלאף וועסטו ניט האבין דורך וואס צו ווערין גיהיילט זאג איך דיר והסירותי מחלה מקרבך איך גאט וועל אפ טוען שלאפקייט פון דיר:

# פרשת תרומה

כה, [א] וידבר וגו' דבר אל בני ישראל גאט רעדט צו משה אונ זאגט איהם רעד צו דיא ישראל ויקחו לי תרומה דער אור פני משה טייטשט אזוי. מיר גיפונען אין פסוק קחו מוסרי וגו' נעמט דיא מוסר וואס די מוכיחים שטראפין אייך געפינען מיר אז ביא מוסר שטייט דאס לשון קחו געמען. אונ דאס איז ידוע ווען דער מענטש טוהט עבירות ווערט ער גערופין ער איז אריין גיפאלין אין די גלות פון יצר הרע. אונ ווען ער נעמט זיך צו טוען תשובה ווערט ער אויף גיהויבין. דאס איז דער רמז אין דעם פסוק ויקחו דיא ישראל זאלין זיך געמען צו הערין דעם מוסר פון דיא מוכיחים לי צו מיר. דורך דעם מוסר וועלין זייא ווערין צו גיבונדין צו מיר תרומה דורך דעם וועלין זיי ווערין דער הויבין מאת כל איש זייא זאלין נעמען מוסר פון יעדערין מענטש הן פון אגרויסין מענטש הן פון אקלענערען. ווארום ווען דיא כוונה איז נאר פון גאטס וועגין איז דאך נישט קיין נפקא מינה ווער דער מוכיח איז אזוי וויא דוד המלך זאגט (אין תהלים קיט) מכל מלמדי השכלתי פון אלע זיים האבין מיך גילערינט הן גרעסערע פאר מיר הן קלענערע פון מיר האב איך זייער לערנונג מקבל גיוועז אונ איך בין גיווארין פול מיט שכל כי עדותיך שיחה לי אונ דס האב איך גיטוען. ווארום ביא מיר איז נאר דיין תורה מיין גאנצע רעדינג כלומר מיין כוונה איז נאר צו דער קענען דיא כוונות פון דיין תורה איז ביא מיר אלץ גלייך הן אגרויסער מענטש הן אקלענערער מענטש. ווער עס זאגט מיר דיא כוונה אין די תורה בין איך פון איהם מקבל. אונ האלט זיך ניט בגאוה ביז אהער ווערט גירעדט צוא דיא מענטשין וואס זיי הערין דעם מוסר. אצונד רעדט דער פסוק צום מוכיח. דער מוכיח זאל נישט טראכטין אונ זאגין אז איך זעה אז דיא ישראל זענען ניט מקבל מיין מוסר וום איך זאג זייא. אונ אנדערע לאבין נאך פון מיר אונ נאר אייגער פון טויזינד איז מקבל מיין מוסר. וועגין וואס זאל איך זאגין דעם עולם מוסר. וואס פר אשכר וועל איך האבין פון דעם. זאגט אבער דער פסוק צו דעם מוכיח אשר ידבנו לבו ווען אויך דיין מוסר וועט נאר פועל זיין צו איין מענטש וואס דורך דיין מוסר וועט איהם בווילינגן זיין הארץ צו טוען תשובה תקחו וועט איהר מוכיחים געמען פול שכר פאר דעם וואס איהר האט דעם מענטש מחזיר בתשובה גיוועז. אונ אויך את תרומתי ווען אפילו אייערע רייד אליין וואלט נאך נישט גיקענט אזוי פול ווערקין האב איך גאט גיזעט צו דעם שיקין התעוררות דס דער מענטש זאל זיך דורך דיין מוסר דער וועקין

צו תשובה אונ ער זאל זיך אויס הייבן פון דעם יצר הרע פון דעסט וועגן וועט איהר נעמען פול שכר : [ג] וזאת וגו׳ תוספות שרייבט אז דער פסוק איז מרמז אויף צדקה זאגט דער פסוק וזאת אונ דאס איז דיא חילוקי התרומה כלומר פון דיא צדקה אשר תקחו מאתם וואס איהר וועט נעמען פון דיא ישראל זהב גאלד דאס איז דיא צדקה וואס דער מענטש גיבט ווען ער איז גיזונד אונ זייגע קינדער זענען גיזונד. אונ עס פעלט איהם גאר נישט. אונ ווען ער גיבט צדקה איז דאס גאר לשם מצוה איז דם זעהר טייער אזוי ווי גאלד וכסף אונ ווען דער מענטש איז מנדר צדקה ווען ער איז חלילה שלאף אדער אקינד. אדער ווען ער האט אזוי עפעס עגמת נפש איז שוין די צדקה נישט אזוי טייער עס איז שוין גלייך וויא זילבער ונחושת אונ ווען גאר אז עס טרעפט זיך אז דער מענטש גיבט גאר נישט קיין צדקה בחייו נאר פאר זיין טויט לאזט ער צוואה מען זאל פון זיין געלד נעמען אהלק אויף צדקה איז דם נאך ערגער עס איז גאר גלייך וויא קופער : [ח] ועשו וגו׳ דער רמז איז ועשו זייא זאלין זיך אליין מאכין לי פון וועגין מיר מקדש אבית המקדש כלומר זייערע גופים זאלין זיין הייליג ושכנתי בתוכם איך גאט זאל קענען רוען אין זייערע גופים : [ט] ככל וגו׳ אונ זיי זאלין נישט זאגין עס איז זיי זעהר שווער צו קומען צו דיא מדרגה זאלסט דוא משה זייא זאגין ככל אשר אני מראה אותך את תבנית המשכן ואת תבנית כל כליו אזו וויא דוא משה ביזט אויך אילוד אשה פון דעסט וועגין האסט דוא זיך אזוי פול אויס גיארבעט זוכה צו זיין דאס איך גאט זאל דיר אליין ווייזן דעם גישטאלט פון משכן מיט זייגע כלים וכן תעשו קענט איהר ישראל אויך אזוי טוען צוא קומען צוא דיא מדרגה : [יא] וצפית אותו אונ זאלסט דעם ארון בדעקין זהב טהור מיט רייגע גאלד. דער רמז איז אזוי וויא אין דעם ארון איז גילעגין דיא לוחות אזוי דער תלמיד חכם וואס ער לערינט דיא תורה ווערט ער גירופין ארון. זאגט דער פסוק דיא תלמיד חכם בדארפסט זעהן זיך צו בדעקין מיט ריין גאלד בדארפסט זעהן צו גיין אין רייגע מלבושים אונ זיך זעלבסט אלע טאג צו רייניגען מבית ומחוץ תצפנו זאלסט דיין גוף וואס ער איז גלייך צום ארון בדעקין מיט רייגע גאלד הן אין גוף כלומר דו זאלסט האבין גוטע מדות אונ אגוט הארץ. הן אויסוויינינ זאל זיין ריין. ועשית עליו זר זהב סביב אונ זאלסט מאכין אויף דיין גוף אגילדענע קרוין פון דיא גוטע מדות: [יח] והבאת את הבדים וגו׳ דער אור פני משה טייטשט על פי רמז אזוי דיא גמרא (ברכות סג) זאגט מאי דכתיב חרב אל הבדים ונואלו וגו׳ וואס איז דיא כוונה פון דעם פסוק (ירמיה נ׳ פסוק ליו) חרב וגו׳ אשווערד וועט קומען אויף דיא בדים אונ זיי וועלין ווערין פאר נארט חרב על תלמידי חכמים שיושבים בד בבד ועוסקים בתורה ולא עוד אלא שמטפשים אשווערד בדארף קומען אויף דיא תלמידי חכמים וואס האלטין זיך בגאוה אונ ווילין נישט לערנען באזאמען מיט נאך מענטשין נאר זיי לערנען בזונדער יעדער תלמיד חכם זיצט אליין אונ לערינט וועט אויף זיי קומען אשווערד אונ וועט זייא טוען שלעכץ. ווארום די מדת הגאוה איז די ערגסטע מדה. אמענטש בדארף זעהר נזהר זיין פון דיא שלעכטע מדה צו האלטין זיך בגאוה אנטקעגין זיין חבר נאר ער בדארף זיך האלטין גלייך מיט זיין חבר מיט איהם נישט צו שעהמען. דאס איז דיא כוונה אין פסוק והבאת אונ דיא משה זאלסט ברענגען את הבדים די תלמידי חכמים וועלכע זייא לערנען בד בבד יעדער בזונדער זאלסט דוא מיט דייגע רייד זייא ברענגען בטבעות על צלעות הארון זייא זאלין אלע באזאמען זיצין גלייך איינר מיט

דעם אנדערען ווען זיי לערנען דיא תורה לשאת את הארון זייא זאלין דר הייבין דיא תורה בהם מיט זייא אלע: (טו) בטבעות הארון יהיו הבדים די תלמידי חכמים זאלין תמיד זיצין באזאמען ווען זייא לערנען דיא תורה לא יסירו ממנו זייא זאלין זיך קיין מאל נישט אפ טאן פון דעם ארון וואס דס מיינט מען דיא תורה. אויך איז דאס אצוזאג ווען זייא וועלין נאר לערנען באזאמען וועט שוין דיא תורה פון זייא נישט ווערין פר געסין: (טז) ונתת וגו' גאט רעדט צו משה ברמז אונ זאגט איהם ונתת אל הארון דוא משה זאלסט געבין אין ארון אריין את העדות דיא לוחות זייא זאלין זיין גאנצע לוחות אשר אתן אליך וועלכע איך וועל דיר געבין נישט דוא זאלסט זייא צוא ברעכין אזוי וויא דער נאך איז געווארין ווען דיא ישראל האבין גימאכט דאס עגל. אונ משה האט צוא בראכין דיא לוחות האט ער דיא צוא בראכינע לוחות אויך גילעגט אין דעם ארון אריין. אונ ווען זייא וואלטין נישט גימאכט דאס עגל וואלטין די לוחות נישט צוא בראכין גיווארין וואלט מקוים גיווארין וויא גאט האט מרמז גיוועזין דס עס זאל נאר זיין אין ארון דיא איינציגע גאנצע לוחות. אונ איבר דעם איז דער רמז נאך דעם פריערדיגין רמז. ווארום דאס עגל האט גימאכט העם דאס מיינט מען די ערב רב זייא זענען גיקומען צוא אהרן דאס ער זאל זייא מאכין אגעטליכע זאך. ווארום די ישראל האבין דאך גיהאט בקבלה אונ אמונה דאס עס איז נאר דא איין גאט אויף די וועלט. אבער דיא ערב רב זענען דאך פון דיא אומות פון פאר צייטין וואס האבין גיגלייבט אין פיל געטער. אונ אויך זענען זייא נאך נישט גיוועזין קיין פיל צייט באזאמען מיט דיא ישראל דס זייא זאלין זיך אפ לערנען פון די ישראל אונ זאלין וויסין אז עס איז מער נישט דא נאר איין גאט. אויך האבין זיי זיך גאר גישעמט צו זעצין זיך באזאמען מיט דיא ישראל צו לערנען אמונת ה' ווארום דיא ישראל זענען דאך גיוועזן אין דיא צייט זעהר גרויס אונ די ישראל האבין זיי אויך נישט אזוי תיכף מקרב גיוועזן. איבער דעם האבין זייא גימאכט דאס עגל. אונ דאס זעהן מיר אז ווען עס זיצט איין תלמיד חכם אליין אונ לערינט שעמט זיך אפראסטער מענטש צו זעצין זיך נעבין איהם צו לערנען. אונ ווען עס זעצין זיך ביים טיש אסאך תלמידי חכמים צו לערנען קומען צו פיל מענטשין פון המון צו הערין זייערע דברי תורה. איבער דעם זאגט אן דער פסוק פריער דס זייא זאלין זעהן נאר צו לערנען אלע באזאמען וועט נים ארויס קומען קיין קלקול חלילה פון דעם המון. ווארום דער המון וועט אויך הערין פון זיי דברי תורה וועלין זייא אויך וויסין אמונת ה' דאס ער איז איין גאט אויף דיא גאנצע וועלט. אבער חלילה ווען דיא תלמידי חכמים שפרייטין זיך פון אנדער אונ דער המון הט נישט פון וועמען צו הערין קיין דיבור פון דיא תורה. קען חלילה זיין אז דורך דעם המון וועט ארויס קומען אקלקול אין אמונת ה'. איבער דעם דארף מען זעהן צו לערנען באחדות אונ מקרב זיין דעם המון אויך. אונ זייא אויך באקאנט מאכין פון אחדות ה': (ל) ונתת על השלחן על פי רמז איז אזוי דיא כוונה. גאט ברוך הוא זאגט אן צום מענטש דוא זאלסט געבין אויף דיין טיש לחם ברויט פנים פון וועגין פול מענטשין וועגין כלומר דו זאלסט נעמען צו דיר אורחים. אויך איז דיא כוונה אין דעם ווארט פנים אזוי וויא דיא גמרא זאגט מיט פנים לתורה צוא די תורה איז דא ניין אונ פערציג פנים. איז דאך דאס ווארט פנים דר טייטש פשטים. כלומר ביים טיש זאלסטו לערנען תורה לפני וועט דאס זיין פר מיר תמיד גליך וויא דיא וואלסט מקריב גיוועזן אקרבן תמיד. אזוי וויא דר מדרש זאגט שטייט

אין

אין פסוק (יחזקאל מא) המזבח עץ שלש אמות וגו׳ דער מזבח פון האלץ זאל זיין דריי איילין וידבר אלי אונ האט צו מיר גירעדט זה השלחן אשר לפני ה׳ דאס איז דער טיש וואס ער איז פאר גאט. איז דיא קשיא דער פסוק הייבט אן מיט דעם ווארט המזבח אונ לאזט אויס מיט דעם ווארט זה השלחן: אלא בזמן שבית המקדש קיים איז דער תירוץ ווען דער בית המקדש איז גיוועזן האט דער מענטש גיברענגט א קרבן אויף דעם מזבח פאר א כפרה. אונ היינט אז דער בית המקדש איז חרוב איז דער שלחן וואס עס עסט ביי איהם אורחים תלמידי חכמים אונ זאגן דברי תורה ווערט דורך דעם מכופר דיא עבירות:

כו [כד] ויהיו תואמים מלמטה דער אור פני משה טייטשט על פי רמז אזוי. די גמרא זאגט אז די צוויא בתי מקדשות זענען נאר חרוב גיווארין פון וועגן שנאת חנם וואס זייא האבין זיך אלע מאל געקריגט אונ זענען ניט גיוועזן מיט שלום אונ מיט אחדות. זאגט דער פסוק ויהיו וגו׳ דיא מענטשין בדארפין צו זעהן זייא זאלין זיין גאנץ גלייך בעולם הזה ויהדיו יהיו תמים אונ זאלין אלע זיין באזאמען גאנץ גלייך איינער מיט דעם אנדערין זאלין זיין שלום על ראשו פון וועגין זיין קאפף דאס מיינט מען דעם דריטין בית המקדש וואס מיר האפין ער זאל ווערין גיבויעט. אונ ווען עס וועט זיין שלום וועט ער ווערין גיך גיבויעט אל הטבעת האחת אונ אלע וועלין האבין איין טבע איין נאטור כן יהיה לשניהם עס האט אזו בדארפט צו זיין ביי די צווייא בתי מקדשות וואלטין זייא נישט חרוב גיווארין. נאר דער חסרון איז גיוועזן לשני המקצועות יהיו ווס זיי זענען גיווארין צו צווייא זייטין אונ זיי האבין זיך געקריגט תמיד. נמצא ווען מיר ווילין דאס עס זאל גיך גיבויעט ווערין דער דריטער בית המקדש. בדארפין מיר זיין מיט שלום אונ אחדות איינער מיט דעם אנדערין:

[לה] ושמת את השלחן וגו׳ דער אוהב ישראל טייטשט דעם פסוק אזוי. דער פסוק איז מרמז דם דער מענטש זאל זיך תמיד פירען אין דעם דרך המסוצע. ער זאל ניט זאגין ווייל די תורה זאגט והגית בו יומם ולילה די זאלסט רעדין אין די תורה טאג אונ נאכט וועט ער ניט וועלין עוסק זיין וועגין פרנסה נאר תמיד זיין פאר טוען אין לערנען. אויף דעם זאגט די משנה אין אבות (משנה כ״א פרק ג׳) אם אין דרך ארץ אין תורה אויב דער מענטש וועט נישט וועלין טוען עפעס איין עסק אבער איין מלאכה וועט נישט בלייבין ביי איהם דיא תורה. ווארום ער וועט נישט האבין פון ווס זיך אונ זיין ווייב אונ קינדער מפרנס צו זיין וועט אין איהם ווערין זיינע גידאנקען מבולבל. וועט ער שוין נישט קענען לערנען. אויך קען נאך חלילה זיין אז ער וועט נאך גיין חלילה טוען שלעכץ גניבה אונ גזילה. איבער דעם בדארף יעדער מענטש זיך נעמען צו אעסק אדער צו אמלאכה ער זאל האבין זיך פון ווס מפרנס צו זיין. אונ נאר דאמאלס וועט איהם זיין די גידאנקין קלאר צו די תורה אזוי ווייא אין אבות פרק שני שטייט יפה תלמוד תורה עם דרך ארץ ווען דער מענטש טוהט וועגין פרנסה דאמאלס איז גוט די תורה ווס ער לערינט. ווארום ער לערינט בישוב הדעת. אונ אויך זאל דער מענטש גיזעהן זאגין ווייל מען בדארף עוסק זיין אין פרנסה וועט ער תמיד נאר זיין פאר יאגט אין דיא גישעפטין פון וועגין פול פר דינסט. אונ וועט זיך גאר נישט קיין צייט נעמען צו די תורה. אויף דעם זאגט אויך די משנה אין אבות אם אין תורה אין דרך ארץ ווען דער מענטש לייגט אוועק די תורה צו לערנען פון וועגין דעם וואס ער איז פאר טוען אין פול גישעפטין בלייבט א הם גאר נישט פון ביין

פַאר מֶען. נָאר דֶער מֶענְטְשׁ בַּדַארְף טוּן עֶפֶּעס אִין אֲעֶסֶק אוּנ בֶּעטִין צוּא גָאט דָאס עֶר זָאל אִיהם מַצְלִיחַ זַיין • אַזוֹי וִוי אִין פָּסוּק שְׁטֵייט וברכך בכל אשר תעשה גָאט וֶועט דִיר שִׁיקְן אַבְּרָכָה אִין אַלֶעם וָואס דִיא וֶועסְט טוּן. דוּא בַּדַארְפְסְט זִיךְ נִישְׁט בַּאמִיהֶען טָאג אוּנ נַאכְט נָאר דִי קֶענְסְט זִיךְ אָפּ רַייסְן פוּן גִישֶׁעפְט אִין יֶעדֶערִין טָאג אַפָּאר שָׁעָה צוּ לֶערְנֶען. אוּנ אַזוֹי וִויא אִין (תהלים קכז ב) שְׁטֵייט שוא לכם משכימי קום מאחרי שבת עֶס אִיז אוּמְזִיְנְסְט צוּ אַייךְ מֶענְטְשְׁן וָוס אִיהר שְׁטֵייט אוֹיף אִין דִי פְרִיא צוּ גֵייְן אִין גַאס. אוּנ אִיהר פַר שְׁפֶּעטִיגְט זִיךְ אִין גַאס בִּיז שְׁפֶּעט אִין דִי נַאכְט אוכלי לחם העצבים אִיהר עֶסְט אַייֶער שְׁטִיקִיל בְּרוֹיט מִיט טְרוֹיעֶרְקַייט כן יתן לידידו שנא צוּ זַיינֶע גִילִיבְּטֶע כְּלוֹמַר צוּ זַיינֶע צַדִיקִים טוּהְט גָאט גֶעבִּין וָוס זֵיי בַּדַארְפְן וֶוען אוֹיךְ זֵיי שְׁלָאפִין אִין זֵייעֶר גִישֶׁעפְט כְּלוֹמַר וָוס זֵיי זֶענֶען נִיט אַזוֹי פוּל עוֹסֵק אִין גִישֶׁעפְט הָאבִּין זֵיי אוֹיךְ וָוס זֵיי בַּדַארְפִין אוּנ דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אוֹיךְ נִיט זָאגִין דָם גֶער גְלוּסְט אָבֶּער עֶס זָאל אִיהם זַיין בְּכָבוֹד וּבְרֵיוַח בָּעוֹלָם הַזֶה. בַּדַארְף עֶר אָבֶּער בַּרֶעכִינֶען דֶעם תַּעֲנוּג וָואס עֶר קֶען הָאבִּין בָּעוֹלָם הַזֶה פוּן דִי מוֹתָרוֹת אַנְטְקֶעגִין דֶעם תַּעֲנוּג וָוס עֶר קֶען הָאבִּין בָּעוֹלָם הַבָּא פוּן דִיא תוֹרָה וָוס עֶר וֶועט לֶערְנֶען אִין דִיא פָּאר שָׁעָה פוּן יֶעדֶערִין טָאג אַזוֹ וִוי דִי מִשְׁנָה אָבוֹת זָאגְט ויפה שעה אחת של קורת רוח בעולם הבא מכל חיי העולם הזה עֶס אִיז בֶּעסֶער אֵיין שָׁעָה פַארְגֶענִיגִין פוּן עוֹלָם הַבָּא. וִוי פוּן אַלֶע תַּעֲנוּגִים פוּן עוֹלָם הַזֶה. וֶועט עֶר גֶעוִויס נִישְׁט אַוֶועק לֵייגִין גָאר אִין גַאנְצִין דִי תוֹרָה פוּן צוּ לֶערְנֶען נָאר עֶר וֶועט זִיךְ אַלֶע טָאג זֶעהן אָפּ רַייסִין פוּן גִישֶׁעפְט אוּנ לֶערְנֶען. וָוארוּם דֶעם שָׂכָר פוּן דִי פָּאר שָׁעָה לֶערְנֶען וֶועט אִיהם וֶוערִין אָנְגִיגְרֵייט בָּעוֹלָם הַבָּא. אוּנ דֶער שָׂכָר אִיז דָאךְ פוּל מָאל גְרֶעסֶער אוּנ בֶּעסְער פוּן דֶעם שָׂכָר וָוס עֶר קֶען פַר דִינֶען אִין דִי פָּאר שָׁעָה בָּעוֹלָם הַזֶה. דָאס אִיז דֶער פָּסוּק מְרַמֵז ושמת את השלחן דִי זָאלְסְט טוּן דַיין כַּוָונָה פוּן שֻׁלְחָן דָאס מֵיינְט מֶען דִי פַּרְנָסָה מחוץ לפרוכת פוּן אוֹיסְוֶוייניג פוּן פִירְהָאנְג כְּלוֹמַר עֶס זָאל נִישְׁט זַיין בַּיי דִיר קֵיין עִיקָר נָאר ואת המנורה דִיא מְנוֹרָה דָאס מֵיינְט מֶען דִיא תוֹרָה הַקְדוֹשָׁה נוכח השלחן דֶער עִיקָר זָאל זַיין בַּיי דִיר דִי תוֹרָה וֶוען דִיא הָאסְט פַּרְנָסָה. אוּנ וֶוען אוֹיךְ דִיא פַּרְנָסָה בְּרֶענְגְט דִיר צוּ דֶעם דָאס דִיא קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פַאר נֶעמֶען אַגַאנְצֶען טָאג נָאר צוּא לֶערְנֶען זָאלְסְטוּ לְכָל הַפָּחוֹת זֶעהן על צלע בַּיי דִי זַייט פוּן גִישֶׁעפְט כְּלוֹמַר עֶטְלִיכֶע שָׁעָה אִין טָאג המשכן תימנה זָאלְסְטוּ רוּעֶן אִין דָרוֹם זַייט. דָאס מֵיינְט מֶען אִין דִי חָכְמַת הַתוֹרָה אַזוֹי וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט הרוצה להחכים ידרים דֶער וָוס וִויל זַיין קְלוּג זָאל עֶר תְּפִלָה טוּן צוּ דָרוֹם זַייט. אִיז דִי כַּוָונָה אַזוֹ דֶער מֶענְטְשׁ וָוס בַּרֶעכִינְט זִיךְ מִיט דֶעם אֱמֶת־ין שֵׂכֶל דִי כַּוָונָה פוּן זַיין לֶעבִּין בָּעוֹלָם הַזֶה. זֶעהְט עֶר אַז דֶער עִיקָר כַּוָנָה אִיז נָאר עֶר זָאל עוֹסֵק זַיין אִין דִי חָכְמַת הַתּוֹרָה. אוּנ וֶוען אוֹיךְ עֶר אִיז מִתְפַּלֵל צוּא גָאט פוּן וֶועגִין פַּרְנָסָה זָאל זַיין דִי כַּוָונָה פוּן דִי תְּפִלָה עֶר זָאל הָאבִּין פַּרְנָסָה בְּרֵיוַח מִיט יִשׁוּב הַדַעַת פוּן וֶועגִין עֶר זָאל קֶענֶען לֶערְנֶען תוֹרָה מִיט רֵיינֶע גִידַאנְקִין. והשלחן אוּנ דִיא מוֹתָרוֹת אוּנ תַּעֲנוּגִים וָואס דִיר מֶענְטְשׁ גְלוּסְט תתן על צלע צפון זָאלְסְטוּ דָאס גֶעבִּין צוּ דִי זַייט וָוס עֶס אִיז בַּהַאלְטִין כְּלוֹמַר דוּא זָאלְסְט זִיךְ בַּקְלֶערִין אַז דֶעם שָׂכָר פוּן דִי פָּאר שָׁעָה וָוס דִי וֶועסְט לֶערְנֶען אִין יֶעדֶערִין טָאג וֶועסְטוּ דָם נֶעמֶען בָּעוֹלָם הַבָּא וֶועסְט דוּא גֶעוִויס זִיךְ אַלֶע טָאג אָפּ רַייסִין פוּן דִיא גִישֶׁעפְטִין אוּנ גֵיין לֶערְנֶען דִיא תוֹרָה •

**כז** (כ) **ואתה** ואתה תצוה וגו׳ דער בעל הטורים שרייבט · אין די סדרה ווערט ניט דער מאנט דער נאמען משה ווייל אין דיא סדרה כי תשא (פרשה ל״ב פסוק ל״ב) שטייט ווען די ישראל האבין גימאכט דאס עגל אונ גאט הט גיוואלט זיי פאר לענדין פון די וועלט. הט משה גיזאגט צו גאט ועתה אונ אצונד אם תשא חטאתם אויב די וועסט פאר טראגין זייערע זינד איז גוט ואם אין אונ ווען ניט מחני נא מספרך אשר כתבת מעק אויס מיין נאמען פון דיא תורה. אונ ווען אויך גאט האט זייערע זינד פר טראגין. פון דעסטוועגין איז די קללה וואס משה האט אויף זיך גיזאגט מקוים גיווארין ווארום די קללה פון אחכם ווערט מקוים ווען אויך ער שעלט אויף אתנאי איבער דעם ווערט ניט דער מאנט דער נאמען משה אין דיא גאנצע סדרה תצוה. זאגט דער נחל קדומים דאס איז די כוונה אין פסוק ואתה אונ די משה תצוה את בני ישראל דם וואס איך זאג דיר מיט דעם ווארט ואתה דוא. אונ איך זאג דיר ניט מיט דיין נאמען משה. פר וואס איז דאס ווייל דוא האסט זיך אליין גישאלטין אונ האסט ניט גיהייסין דער מאנען דיין נאמען אין די תורה. זאלסטו דאס מצוה זיין צו די בני ישראל זיי זאלין זיך אפ לערנען אבל שכן פון דיר זיי זאלין זיך ניט שעלטין. דער אלשיך אונ דער אורח החיים אונ דער אור פני משה טייטשין אזוי דעם פסוק. אין זוהר חדש שטייט דם די דריי גליות וואס די ישראל זענען גיווען אונ זענען גיווארין אויס גילייזט איז די גאולה גיוועו פון וועגין דעם זכות פון דיא דרייא אבות אברהם יצחק ויעקב · אין די גאולה פון היינטיגין גלות וועלין מיר ווערין אויס גילייזט פון וועגין זכות פון משה רבינו. אונ כל זמן משה רבינו זעהט אז דער לימוד התורה איז ביי די ישראל אפ גילאזט וויל ער ניט זיי אויס לייזין פון גלות. דם איז די כוונה אין פסוק ואתה אונ דו משה תצוה את בני ישראל זאלסט בפעלין אויף די ישראל ויקחו אליך זיי זאלין נעמען פון וועגין דיר שמן בוימאייל דם מיינט מען דיא תורה זית איילבירט ווען עס איז זיי ביטער אין גלות אזוי וויא די בלעטער פון זית זך דער לימוד התורה זאל זיין קלאר אונ ריין. עס זאל זיין תורה לשמה ניט פון נאוה וועגין אבער חלילה לקנטר כתית מען דארף זיין ביא זיך צו שטויסין פון תאוות אונ מען דארף זיין ביי זיך נידעריג למאור פון וועגין עס זאל לייכטין ביי דעם מענש דער אור התורה להעלות נר תמיד אונ מען בדארף תמיד אויף ברענגען דעם אור התורה מען דארף נאר קיין צייט ניט מבטל זיין פון די תורה. רש״י שרייבט כתית למאור ולא למנחות מען דארף די איילבירין שטויסין פון וועגין דיא מנורה. אבער ניט פון וועגין די מנחות. איז די כוונה עפ״י רמז אזוי דער מענטש בדארף זיך צו שטויסין כלומר זיך מייגע צו זיין נאר אין די תורה אבער ניט וועגין פרנסה ווארום גאט העלפט דעם מענטש וואס לערינט דיא תורה ווען אויך ער ארבייט ניט טאג אונ נאכט אין גישעפט. אונ נאך איז מרמז די ווערטער להעלות נר תמיד אז מען בדארף צו ברענגען ליכט אין בית הכנסת בעת התפלה ווארום די תפלות איז אנטקעגין די קרבנות וואס שטייט ביי זיי תמיד: (כא) באוהל מועד דער מענטש בדארף תמיד זיך אויף האלטין אין בית המדרש אונ לערנען תורה. אונ זאל ביי זיך דענקין אז מחוץ לפרוכת אשר על העדות וויא פול ער האט שוין גילערינט איז ער נאך אויס ווייניג פון פירהאנג וואס ער איז איבער די לוחות. כלומר ער איז נאך ניט דער גאנגען די סודות התורה איבער דעם בדארף ער נאך לערנען יערוך אותו אהרן ובניו דיא תלמידי חכמים וואס זייא זענען גליך צוא דיא כהנים זאלין אז ריכטין דאס

ליבטיגקיים

ליכטיגקייט פון דיא תורה מערב עד בוקר דער מענטש באדארף באַרעכינען דאס די נשמה גייט ביא נאכט ארויף אין הימיל ביז אין דיא פריא אונ זיא זאגט אלין וואס דער מענטש טוהט אין דעם טאג לפני ה׳ אונ דער פאר וועט דער מענטש באַדארפין אפ געבין דין וחשבון פר גאט. אויך באדארף דער מענטש גידענקין דאס מערב פון נאכט כלומר אויף דיא וועלט קען זיך דער מענטש אן גרייטין תורה ומצות עד בוקר ביז ער שטארבט ווען דאמאלס קומט זיין נשמה לעולם הבא וואס דארט איז תמיד ליכטיג לפני ה׳ פאר גאט. כלומר ווען ער וועט בעולם הזה זעהן צו לערנען פול תורה אונ צוא טוען מצות ומעשים טובים וועט ער זוכה זיין צו האבין עולם הבא אונ וועט נהנה זיין פון זיו השכינה חקת עולם לדורותם דער גיזעץ פון דיא וועלט אויף אלע דורות מאת בני ישראל איז דורך דיא ישראל וואס זייא לערנען דיא תורה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אם לא בריתי ווען נישט מיין תורה יומם ולילה וואס מען לערינט איהר טאג אונ נאכט חקות שמים וארץ לא שמתי וואלט איך נישט גימאכט דיא הימיל מיט דיא ערד:

**כח** (ב) ועשית בגדי קודש לאהרן אחיך אונ דיא משה זאלסט מאכין הייליגע קליידער צו דיין ברודער אהרן. איז דאך דיא קשיא האט דען משה גימאכט דיא קליידער. דיא חכמי לב האבין דאך גאר גימאכט. זאגט דער אור פני משה אזוי. מיר גיפונען אין ספרים אז דער גוף איז א בגד פון דיא נשמה אונ ווען דער מענטש איז זיך נוהג בדרך הישר איז דער בגד קדוש וטהור. אונ ווען חלילה דער מענטש זינדיגט ווערט דער בגד פאר פלעקט. אונ ווען גאט האט גיזעהן אז אהרן וועט מאכן דאס עגל וועט מען דאך זאגין אויף איהם דאס ער איז נישט בקדוש וטהור. דאס זאגט גאט צוא משה ועשית בגדי אונ דיא זאלסט באקאנט מאכין אז דאס פעלשונג וואס אהרן האט גימאכט דם עגל קודש איז דאס אויך הייליג. ווארום דיא כוונה פון אהרן איז גיוועזן פון דיא ישראלים טובה וועגין. דאס מען זאל זייא נישט שטראפין נאר איהם. דאס איז דיא כוונה לאהרן אחיך צוא דיין ברודער אהרן וואס ער איז גליך צוא דיר. אזוי וויא דו האסט זיך מוסר נפש גיוועזן פון זייערט וועגין אזוי ער אויך. אונ דאס איז לכבוד ולתפארת צו א כבוד אונ צו א שיינקייט צו אייך דאס איהר זענט אזוי גיטרייא דיא ישראל: (ג) ואתה תדבר אל כל חכמי לב אונ דוא משה זאלכט רעדין צו אלע וואס האבין קלוגע הערצער אשר מלאתיו רוח חכמה וואס איך האב איהם דער פילט מיט א גידאנק פון חכמה (איז דאך דיא קשיא עס האט דאך באדארפט צוא שטיין אשר מלאתים וגו׳ וואס איך האב זייא דער פילט) נאר דיא כוונה איז אזוי ואתה תדבר וגו׳ דו משה זאלסט רעדין צוא אלע חכמים אונ זאלסט זייא זאגין אשר מלאתיו רוח דאס וואס איך האב צוא אהרן דער פילט א גידאנק דאס ער זאל וועלין מאכין דם עגל. חכמה איז דאס על פי חכמה. דאס דיא ישראל זאלין נישט ווערין אזוי פול גישטראפט איבער דעם ועשו את בגדי אהרן זאלין זייא מאכין דם פעלשינג פון אהרן לקדשו איהם צוא הייליגין. זיי זאלין וויסין אז זיין כוונה איז גיוועזן גוט. אונ אפשר וויסין זייא דאס נישט. זאג איך לכהנו לי ער ווערט דאך אכהן צו מיר אונ איך וויים זיין כוונה: (ט) ולקחת וגו׳ דער מדרש אין הדרה בחקותי זאגט דיא תורה ווערט גירופין אבן אזוי וויא עס שטייט לחת אבן. אונ דער יצה״ר ווערט אויך גירופין אבן אזוי וויא עס שטייט והסירותי את לב האבן איך וועל אפ טוען דאס שלעכטיקייט פון אייער הארץ וואס דאס קומט פון דעם יצר הרע וואס ער ווערט

גירופין

גירופין אבן. וועט די תורה וואס זיא ווערט גירופין אבן אפ היטין דעם מענטש פון דעם יצר הרע וואס ווערט גירופין אבן. מיט דעם טייטשט דער אור פני משה דיא כוונה אין פסוק אזוי. ולקחת את שתי אבני שוהם אונ דוא זאלסט נעמען דיא צוויא טייערע שטיינער כלומר דעם יצר הרע אונ דיא תורה ופתחת עליהם שמות בני ישראל אונ זאלסט אויף זייא אויס קריצין דיא נעמען פון דיא ישראל כלומר דיא ישראל וואס זייא האבין דעם אבן דעם יצר הרע וואס ער רעדט זייא אן צוא שלעכין. זאלין זייא אויך האבין דעם אבן דיא תורה וועט זיא זייא אפ היטען פון דעם יצר הרע אונ ווען זייא וועלין ניט האָרכין דעם יצר הרע דאמאלס וועלין זייא נעמען פול שכר בעולם הבא:

[יא] מעשה חרש אבן דיא ארבייט פון דעם מייסטער וואס ער ווערט גערופען אבן. דאס איז דער יצר הרע. פתוחי חתם ער וויל אויף בינדען דאס פאר בינדינג וואס דיא ישראל זענין צו געבינדען צו גאט. אבער דעם זאלסט דו זעהן תפתח את שתי האבנים זאלסט אויף קריצען די צוויי שטיינער על שמות בני ישראל אויף די נעמין פון דיא ישראל. אזוי וויא דער יצר הרע ווערט אין זיי אויף געקריצט אזוי זאלין זיי די תורה אין זיך אויף קריצען מסבת משבצות זהב תעשה אותם אונ דורך די תורה וועסט דוא זייא מאכען זיי זאלין זוכה זיין צו ווערן ארום געקריינט מיט קרוינען פון גאלד בעולם הבא: [לב] והיה פי ראשו בתוכו. דער אלשיך הקדוש אונ דער באר יצחק אונ דער תוצאות חיים טייטשען אזויא דעם פסוק על פי רמז. והיה פי ראשו די מויל פון מענטש וואס זיא רעדט וואס דער מענטש טראכט מיט זיין קאפ בתוכו זאל זיין דיא רייד אינעווייניג. ער זאל זעהן מכוון זיין אין דעם רעדין. שפה יהיה לפיו סביב דער מענטש זאל זיך מאכען אגדר אפארצאמינג ארום זיין מויל נישט פיל צו רעדין. אונ ווען ער הייבט יוא אפים אן צו רעדין בדארף ער אויך זעהן דאס פי ראשו בתוכו די מויל זאל רעדין דאס אייגינם וואס ער טראכט. ער זאל ניט זיין קיין פאלשער מענטש מיט דעם הארץ אונ מיט דעם קאפ צו טראכטען שלעכטס אונ מיט די מויל צו פר גלעטין מיט גוטע רייד. מעשה ארג ער דארף מדקדק זיין אין דיא רייד אזוי וויא דער וועביר איז מדקדק אין זיין ארבייט דאס יעדער פאדעם זאל זיין גלייך צו זאמען מיט דעם אנדערן פאדעם. אזויא זאל זיינע רייד זיין אלע אמת כפי תחרא יהיה לו אזויא וויא די זוים פון פאנצער איז פאר פעסטיגט לא יקרע דאס ער זאל ניט ווערין צו ריסין אזוי זאלין דיא רייד זיין אלע אמת זייא זאלין נישט בטל ווערין דורך דעם וואס מען וועט באקאנט ווערין דאס זיי זענען פאלש: [לה] והיה על אהרן לשרת יעדער מענטש וואס ער איז נזהר מיט זיין מויל ניט צו רעדין דברים בטלים אונ שקרים נאר ער באניצט זיין מויל צו דיא תורה אונ תפלה איז ער גלייך צו אהרן. ונשמע קולו וויא באדארף דער מענטש צו מאכען הערין זיין קול בבואו אל הקודש ווען ער קומט צו די תורה הקדושה זאל ער לערנען מיט אקול לפני ה' וועט דיא תורה גרייכין פאר גאט וועט ער זוכה זיין ובצאתו ווען ער וועט ארויס גיין פון די וועלט ולא ימות וועט ער נישט ווערין גערופען ער איז געשטארבין. ווארום די צדיקים ווען זייא שטארבען ווערין זייא גערופען חיים לעבעדיגע ווארום דער גוף איז דאך נאר אמלבוש צו די נשמה אונ ווען זייא זענין נאר עוסק בעולם הזה אין תורה אין מצות. טוען זיי זיך אפ פון דעם מלבוש הגשמי אונ טוען זיך אן מיט אמלבוש רוחני בעולם הבא. ווערין זייא דאמאלס מיט דעם אמת גערופען חיים לעבעדיגע זיי לעבין דאס אמת'ע לעבין:

כט [ד] ואת אהרן וגו' דער אור פני משה טייטשט על פי רמז. אהרן איז דער גוף אונ דיא אברים ווערין גערופען זיינע קינדער. זאגט דער פסוק ואת אהרן דער גוף ואת בניו אונ זיינע אברים תקריב זאלסט דוא מענטש מאכען גענעהנען אל פתח אוהל מועד צו די טיר פון בית המדרש וואס דארט זאמלין זיך אויף דיא תלמידי חכמים. ורחצת אותם אונ דוא זאלסט די אברים אפ וואשען פון זייערע פלעקען די עבירות. במים מיט די תורה וואס ווערט גערופען מים קענסט דו זיי ריינינגען: [לב] ואכל אהרן ובניו אונ ווען דער מענטש פירט זיך אזוי ווי פריער שטייט. ער איז נור עוסק אין די תורה ווערט ער דאך גערופען אבעדינער פון גאט אזוי ווי אהרן הכהן. זאגט אים דער פסוק אז ער איז בטוח אז ער וועט עסין את בשר האיל ואת הלחם אשר בסל ברויט מיט פלייש פתח אוהל מועד. ווען ער וועט נאר זיין אין דיא טיר פון בית המדרש: [לג] ואכלו אותם אונ ווען זיי וועלין עסין אשר כפר בהם וועט דאס עסין זיין גלייך וויא א קרבן כפרה ווארום דיא כוונה פון זייער עסין איז דאך למלא את ידם צו ערפילען זייערע הענד צו האבין כח צו לערנען לקדש אותם אונ זיי צו היילינגען. נישט צו טוען קיין דברים רעים. וזר לא יאכל אונ קיין פראסטע זאך טוען זייא נישט עסין כלומר זייער כוונה איז נישט פראסט צו עסין אזוי ווי א בהמה כי קדש הם ווארום זייא זענען הייליג איז זייער אכילה אויך הייליג:

# פרשת תשא

ל [יא] וידבר ה' אל משה דער אור פני משה טייטשט אזוי גאט רעדט צו משה לאמר אים צו זאגין א נחת רוח אויף דעם וואס משה האט זיך מצער גיוועזן דאס ער וועט שטארבען אין חוץ לארץ אונ וועט נישט אריין קומען קיין ארץ ישראל: [יב] כי תשא את ראש בני ישראל גאט זאגט צו אים זיי זיך נישט מצער ווארום מיט דעם וואס דו ביסט קבור אין חוץ לארץ וועסטו דו אויף הייבען דיא צאל פון דיא ישראל לפקדיהם נאך דעם ווען זייא וועלין פאר טריבין ווערין פון ארץ ישראל אין גלות דורך זייערע עבירות. ונתנו איש כפר נפשו לה' אונ זיי וועלין זיך אין גלות מוסר נפש זיין פון גאטס וועגין. זיי וועלין טוען תשובה בפקד אותם ווען מען וועט זייא איבער ציילין אין גלות וויפול מס זייא זאלין געבין פון מענטשין אונ פון פערמעג. כלומר פון פיל צרות וועלין זיי טוען תשובה וועלין זיי דורך דיין זכות נגאל ווערין פון גלות. אונ איך בין דיך אויך מבטיח ולא יהיה בהם נגף בפקד אותם עס וועט אין זיי נישט שולט זיין קיין מגפה ווען אויך מען וועט זייא אין גלות אלע מאהל ציילען אונ מען וועט אויף זייא בפעלין אלע מאהל גזירות פון דעסט וועגין וועלין זייא בלייבען א פאלק ישראל: [יד] כל העובר על הפקודים יעדער מענטש וואס ער איז עובר אויף די באפעל פון דיא תורה ווען ער איז נאך יונגער פון צוואנציג יאהר שטראפט מען אים ניט בייא דעם בית דין של מעלה. אבער מבן עשרים שנה ומעלה פון צוואנציג יאהר אונ ווייטער שטראפט מען איהם שוין פאר דיא עבירות איבער דעם יתן תרומת ה' זאל ער זעהען צו טוען תשובה אונ צו געבין צדקה אונ לערנען תורה דאס ווערט אלץ אן גערופען תרומת ה' תרומה פון גאטס וועגין [טו] העשיר וגו' דער שטייגער איז דאס אויף די מענטשין וואס זענען שוין נאך צוואנציג יאהר שטארקט זיך אויף זייא דער יצר הרע אונ לאזט זייא נישט לערנען. ער זאגט זייא דוא האסט שוין גינוג גילערינט, דו באדארפסט שוין אן

היבען

הייבען צו קלערין פון וועגין פרנסה עשירות איין זאמלין . זאגט דער פסוק העשיר דער וואס וויל אוועק לייגין די תורה צו לערנען פון וועגען דעם דאס ער וויל ווערין רייך . לא ירבה וועט ער זיך מיט דעם נאר ניט מערין קיין עשירות אזויא וויא די משנה אבות (פרק רביעי משנה יא) זאגט וכל המבטל את התורה מעושר דער וואס איז מבטל צו לערנען די תורה ווייל ער וויל האבען עשירות וויל ער גיעט פאר ברענגען קיין איין שעה פון מסחר סופו לבטלה מעוני : איז דער סוף ויינער ער איז ארים . והדל אונ דער אריבאן ווען ער לערינט די תורה ווען אויך ער איז ארים לא ימעיט וועט איהם קיין מאהל נישט מינערין קיין זאך ער וועט אלץ האבין . אזוי וויא די משנה אבות (פרק ששי משנה ד) זאגט פת במלח תאכל וגו׳ ווען אויך דוא ביסט אעני דו האסט מער ניט צו עסין נאר ברויט מיט זאלץ אונ מיט וואסער צוא פאר טרינקען אונ פון דעסט וועגין ווילסט דו ניט פאר געסען קיין צייט ארום צו לויפען אין די גאסען צו פאר דינגען פיל געלד . דו ווילסט בעסער זיצין אין לערנען . אונ דו ביסט זיך מספיק מיט דעם פארדינסט פון אפאר שעה אין טאג ווען אויך דאס איז ווייניג . נאר ווען דו געוויינסט זיך איין מיט דעם איז דאך דיר פיל בעסער פון דעם עושר וואס ער באדארף זארגען אויף פיל הוצאות אונ האט נישט וויפיל ער באדארפט . אונ דו האסט דאס וואס דו באדארפסט נאר אן זארג . נמצא אשריך בעולם הזה איז דיר גיט אויף דיא וועלט דו זארגסט ניט וטוב לך לעולם הבא און וועסט האבען גוטען שכר פיר דיא תורה בעולם הבא . כמחצית השקל דיא גמרא זאגט מי שיש לו מנה רוצה מאתים דער וואס האט הונדערט גילדין וויל ער האבין צוויי הונדערט . נמצא האט דער מענטש אין זיין לעבין נאר אהעלפט וויפול ער טראכט זיך דאס ער באדארף צו האבין איבער דעם איז ער יעדערין מקנא אונ זארגט תמיד ער וויל האבען דיא אנדערע העלפט . אבער דאס וועט ער קיינמאל נישט דער גרייכען איז דאך אום זונסט זיין גאנצע ארבייט . איבער דעם דארף מען נישט צופיל זיין פאר יאגט אין דיא פרנסה נאר להת את תרומת ה׳ צו געבין אלע טאג אפאר שעה תרומה צו גאט צו לערנען תורה לכפר על נפשותיכם . אונ דאס וואס עס קען זיין אמאהל פון דעם אביסעל דחקות וועט דאס אבער זיין אכפרה אויף די נשמה וועט זיא זיין בריוח בעולם הבא :

[טז] ולקחת את כסף הכפורים מאת בני ישראל אונ דוא זאלסט נעמען פון די ישראל צדקה וואס דאס איז אויף זייא מכפר ונתת אותו אונ דוא זאלסט די כפרה געבין על עבודת אוהל מועד אויף דעם וואס זייא זענען עוסק פון וועגין פרנסה בעולם הזה וואס דאס ווערט גירופין אוהל אגיצעלט מועד עס איז נאר באשטימט אויף אצייט והיה לבני ישראל אונ דיא צדקה וועט זיין צוא די ישראל לזכרון לפני ה׳ צו אזכרון פאר גאט דורך דיא צדקה וואס זייא וועלין געבין וועלין זיי ווערין גידענקט פר גאט לכפר על נפשותיכם צו פר געבין אויף דיא נפשות : [יז] וידבר ה׳ וגו׳ אונ גאט רעדט צו משה אונ זאגט איהם : [יח] ועשית וגו׳ דער פסוק איז ארמז אויף דיא מצוה פון הוכח תוכיח דאס מען באדארף דעם שלעכטין מענטש צו שטראפין דאס ער זאל טוען תשובה . אויך גיפונען מיר בייא דיא עבירה שטייט אין ישעיה (קאפיטל מח פסוק ד׳) ומצחך נחושה דיין שטערין איז הארט אזוי ווי קופער . זאגט דער פסוק ועשית דוא זאלסט מאכין כיור נחושת דעם האנד פאס פון קופער דאס איז ארמז אויף דעם רשע וואס ער הט עבירות וום ווערין גירופין נחשת אזו וויא אין (יחזקאל טז פסוק לו) שטייט השפך נחשתך] וכנו נחשת אונ זיין פים כלומר זיינע קינדער וום טוען אויך שלעכץ

זאלסטו

זאלסטו זעהן לרהצה זייא מחזיר בתשובה זיין זיי זאלין זיך אפ וואשין פון די עבירות ונתת אותו אונ זאלסט איהם געבין כלומר דו זאלסט איהם אויף קלערין אז ער איז ניט אויף איביג גאר בין אוהל מועד אצונד איז ער בעולם הזה וואס ווערט גערופען אוהל מועד ובין המזבח אונ באלד קען ער ווערין גישאכטין פון מלאך המות ונתת שמה מים אונ זאלסט אין איהם אריין געבין וואסער דאס מיינט מען דיא תורה זאלסט מיט זיי לערנען: [יט] ורחצו אונ זייא זאלין זיך וואשין אהרן ובניו דאס מיינט מען דער בעל תשובה מיט זיינע קינדער דיא בעלי תשובות ממנו וואס קומען ארויס פון איהם זאלין זייא אפ וואשין את ידיהם דיא שלעכטע מעשים וואס זייא האבין גיטוען מיט זייערע הענד ואת רגליהם אונ די שלעכטע וועגין וואס זיי זענען גיגאנגען מיט זייערע פיס: [כ] בבואם ווען זיי ווילין קומען צו דיא תשובה אל אוהל מועד דורך דעם וואס זייא האבין בקלערט וואס עולם הזה איז גאר אויף אבאשטימטע צייט עס ווערט גירופין אעולם עובר ירחצו ווילין זייא זיך אפ וואשין מים מיט דיא תורה ולא ימותו ווילין זיי ניט שטארבין כלומר ווען אויך זיי ווילין צוועק גיין פון עולם הזה וועט דס ניט ווערין גירופין גישטארבין ווארום זיי ווילין זיין חי וקיים בעולם הבא או בגשתם אל המזבח אונ ווילין גאר גינעהענען צום מזבח של מעלה לשרת להקטיר אשה לה' צו בדינען צו מקטיר זיין אפייער אפפער צו גאט: [כא] ורחצו ידיהם ורגליהם זאגט ווייטער דער פסוק זיי זאלין גישט מיינען דאס ווען זיי ווילין זיך נעמען צו טוען תשובה וועט דאס זיי אפ שלאפין פון כח. זאגט ער ורחצו וגו' ווען זייא ווילין זיך אפ וואשין זייערע הענד אונ די פיס פון זייערע עבירות ולא ימותו ווערין זיי פון דעם ניט שטארבין עס וועט זיי גאר ניט שאטין והיתה להם חק וגו' אונ דיא תשובה זאל זיין צו זייא אגיזעץ אויף אלע דורות: [ל] ואת אהרן ואת בניו פריער האבין מיר שוין גישריבין אז דער מענטש וואס נעמט זיך צו עבודת הבורא ווערט זיין גוף אן גערופין אהרן אונ דיא אברים ווערין גירופען בניו זיינע קינדער. איז דער רמז אין פסוק אזוי ׳ דעם גוף מיט זיינע אברים תמשח זאלסט דו גרייסין זאלסט זיי אלע מאל מעלה זיין אין אהעכירע מדרגה. אונ דורך וואס זאג איך דיר וקדשת אותם לכהן לי מיט דעם וואס דו וועסט זיי היילגין דאס זייא זאלין בדינען צו מיר. ווען דיא גייסט טוען אמצוה ווערין די פיס גיהייליגט אונ ווען די טוהסט מיט דיא הענד די מצוה ווערין די הענד גיהייליגט. אונ אזוי אלע אברים ווען מען טוהט מיט זיי מצות ווערין זיי גיהייליגט. אונ ווען דיא וועסט זיך אזוי נוהג זיין צו גיין ממעלה למעלה דאמאלס: [לא] ואל בני ישראל תדבר זאלסט דיא רעדין מוסר צו דיא ישראל לאמר זאלסט זיי זאגין ווייבע רייד מיט שכל. דאס זיי זאלין זעהן שמן דעם בוימאייל דס מיינט מען די נשמה וואס זיא איז אין מוח פון מענטש אין דער הייך איבער אלע אברים אונ דער בוימאייל ווען מען גיסט איהם ארויף אויף אנדערע משקה איז ער אויך פון אויבין [אונ אויך די אותיות נשמה מאכט השמן] משחת קודש וואס דיא נשמה איז גיזאלבט מיט היילגקייט זיא איז דאך נחצב מתחת כסא הכבוד יהיה זה לי זאלט איהר זעהן דאס זי זאל זיין צוריק צו מיר מיט איהר קדושה אזו וויא זיא איז ארום גיגאנגען לדורותיכם צו אייערע דורות לעולם הזה. אויך איז דאס ווארט לדורותיכם מרמז צו אייערע דורות כלומר וועט איהר קענען רוהען נאך אייער טויט אין אייערע דורות בעולם הבא. אונ ווען קען דאס אזוי זיין: [לב] על בשר אדם לא ייסך דער מענטש ווען ער איז עוסק אין דיא פרנסה זאל ער ניט מיינען פון וועגין זיין גוף נאר

פון

פון וועגן צו האבן כח צו דיא תורה אונ צו מצות. דאמאלס וועט ער צלין מתקן זיין אין זיין ערשטין גלגול איז ובמתכונתו אין דעם צאל פון דעם גוף לא תעשו כמוהו וועט איהר נישט בדארפין נאך אמאל מאכין אזוי אגוף וויא ער איז. כלומר ער וועט נישט בדארפין מגולגל ווערין נאך אמאל בעולם הזה. נאר קודש הוא דער ערשטער גוף וועט זיין הייליג אונ וועט זוכה זיין צו גיין אין זיין מקום מנוחה. נאר ווען איז דס אז קודש יהיה לכם ער זאל זיין ביא אייך הייליג כלומר איהר זאלט ניט זאגין ער איז נאר אפראסטער חומר ער קען צו גאר ניט צו טרעטין. זאלט איהר אזו ניט זאגין. נאר איהר זאלט וויסין דאס ער איז אהייליגע זאך נאר איהר בדארפט צו זעהן איהם ניט חלילה פאר פלעקין מיט אייערע עבירות. וועט ער אויך זוכה זיין צו זיין אהייליגע זאך אדבר רוחניי: [לג] איש וגו׳ ספרים שרייבין ווען דער מענטש איז ניט מתקן אין זיין לעבין דס וואס ער בדארף מתקן זיין מוז ער מגולגל ווערין נאך זיין טויט נאך אמאל לעולם הזה. אונ ווען צום צווייטין גלגול איז ער אויך ניט מתקן מוז ער מגולגל ווערין אדריט מאל אונ ווען צום דריטין גלגול איז ער אויך ניט מתקן ווערט שוין די נשמה אפ גירירין פון איהר ארט. דס זאגט דער פסוק על פי רמז איש אשר ירקח דער מענטש וואס וועט זיך נאך געבין די תאוות אונ דורך דעם איז ער ניט מתקן וואס ער בדארף צו מתקן זיין כמוהו וועט נאך אמאל זיין ווי ער איז כלומר וועט ער מוזין מגולגל ווערין נאך אמאל בעולם הזה. אונ ווען ער איז דאמאלס אויך ניט מתקן ואשר יתן ממנו וועט ער געבין פון איהם פון דעם אנדערין גוף צו נאך אדריטין גוף וועט ער אדריט מאל מגולגל ווערין על זר אונ ווען דאמאלס טוהט ער אויך נאר וואס דער יצר הרע וואס ווערט גירופין זר רעדט איהם אן ונכרת מעמיו ווערט ער שוין גאר אפ געשניטין פון זיין פאלק ישראל אונ ווערט אריין גיווארפין אין כף הקלע:

לא [יד] ושמרתם את השבת וגו׳ דער ספר בוצינא דנהורא טייטשט אזוי איהר זאלט אפ היטין דעם שבת נישט צו טאן אמלאכה ווארום ער איז הייליג מחלליה מות יומת דער וואס איז מחלל שבת מיט דעם טועבין פון אמלאכה קומט איהם מיתה. איז דאך די קשיא דער דין איז אז פקוח נפש פון וועגין צו מציל זיין אנפש דאס ער זאל בלייבין לעבין דוחה שבת מעג מען דוחה זיין שבת אונ טאן אמלאכה. ווי אזוי קען מען זאגין אז דער מענטש וואס טוהט אמלאכה זאל מען איהם טייטין. מיר דארפין דאך אבער זאגין איידער מען זאל איהם טייטין זאל ווערין נדחה שבת. אונ מיידאך מען מעג צום אנהייב אוועק שמייסין שבת כדי דער מענטש זאל בלייבין לעבין. איז דאך אבל שכן אז שבת איז שוין גיווארין אוועק גישטויסין אונ מען האט שוין מחלל גיוועז. בדארף מען דאך בוודאי דעם מענטש נישט טייטין. ענטפערט דער פסוק כי כל העושה בה מלאכה דער מענטש וואס טוהט אבער אמלאכה אין שבת פאר זיך ונכרתה הנפש ההוא מקרב עמיה ווערט שוין זיין נפש אפ גישניטין פון פאלק ישראל נמצא ווען אויך ער לעבט ווערט ער גירופין אגיטייטער מענטש. איז שוין נישט דא ביא דעם דער דין פון פיקוח נפש. ווארום ער האט שוין ניט קיין נפש איבער דעם קען מען שוין איהם טייטין: [טז] ושמרו בני ישראל את השבת אונ די ישראל זאלין אפ היטין דעם שבת נישט צו טוען אין איהם אמלאכה. אונ דער מענטש זאל ניט זארגין ווען וועט ווערין גיטוען זיין מלאכה ער בדארף דאך האבין פרנסה. זאגט דער פסוק לעשות עס וועט זיך אליין שוין טוען את השבת וגו׳ דורך דעם וואס דוא ויעסט היטין דעם שבת. כלומר גאט וועט דיר דעם הינה מלא זיין:

לב [א] וירא העם כי בשש משה גרדת דער אור פני משה טייטשט אזוי דאס פאלק (דאס מיינט מען די ערב רב) האבין גיזעהן דם משה זאמט זיך אראפ צו גיין איז קשה פון וואנעט האבין זיי דאס עפעס גיזעהן. אונ ווי גישיקט זיך גאר צו זאגין זיי האבין גיזעהן עס האט גיקענט זיין ויהי כי בושש וגו׳ אונ עס איז גיוועזן דאס משה האט זיך גיזאמט. ענטפערט אויף דעם שוין דיא גמרא שבת (דף פ״ט) אז דער שטן הט זיי גיוויזן אז משה ליגט גישטארבין אין אמטה. דם פירט אוים דער פסוק כי ההר וגו׳ פון דעם בארג דאס מיינט מען דעם יצה״ר וואס ער ווערט גירופין הר אונ ער איז אויך דער שטן ער הט זיי דם גיוויזן ויקהל העם וגו׳ האבין זיי זיך אויף גיזאמילט צו אהרן דם ער זאל זיי מאכין אגעטליכע זאך דם זאל זיין זייער מנהיג אויף דיים ארט פון משה. ווארום משה איז דאך עפעס נישט דא: [ב] ויאמר אליהם אהרן הט אהרן צו זיי גיזאגט אז משה איז גישטארבין בדארף מען דאך זיין אבלים אונ טרויערין אויף זיין טויט פרקו נזמי הזהב אשר באזני נשיכם וגו׳ בדארף מען דאך אראפ נעמען דם צירינג פון די ווייבער אונ פון די קינדער והביאו אלי אונ ברענגט מיט אייך אהער אייערע ווייבער אונ קינדער אונ מיר זאלין מספיד זיין פון וועגין משה דם האט אהרן גימיינט מיט זיינע רייד. האט זיך אבער אריין געמישט דער שטן אונ האט דאס מהפך גיוועזן אין זייערע גידאנקען דם זיי זאלין מיינען אז אהרן זאגט זיי דם זיי זאלין ברענגען דאס גאלד: [ג] ויתפרקו וגו׳ זענען דיא ווייבער גיווארין אפ געלערט פון די גילרענע אוירינגליך. די מאנען האבין פון זיי אראפ גיריסין ויביא אל אהרן אונ האבין דאס גאלד גיברענגט צו אהרן: [ד] ויקח אונ ווען אהרן האט דם גיזעהן הט ער אפילו נישט גיוואלט דאס גאלד נעמען. נאר דער מדרש זאגט דם חור דער זוהן פון מרים הט זיי גישטראפט האבין זיי איהם גיהרגת. הט אהרן מורא גיהאט טאמער וועלין זיי איהם אויך הרגנן. איבער דעם ויקח הט ער דאס גינומען. ווארום מידם ער הט גיזעהן דם זייערע הענד איז איין געריבט מיט בלוט פון חור אונ הט גימיינט דאס אריין צו ווארפין אין פייער עס זאל ווערין צו גאנגען אונ עס זאל גאר נית ווערין פון דעם גאר אבער ויצר אתו דער שטן וואס איז מרומז פריער אין דעם ווארט ההר האט ער אוים גימאכט בחרט מיט כישוף אונ טומאה ויעשהו עגל מסכה אונ דער שטן האט דאס גימאכט צוא אגיגאסענעם קאלב ויאמרו האבין דאס ערב רב גיזאגט צו די ישראל אלה אלהיך ישראל דם איז דיין גאט דוא ישראל. פרעגט דער פסוק מיט אתמי׳ אשר העלוך מארץ מצרים קענט איהר דען זאגין אז דם איז דער גאט וואס הט אייך אויף גיברענגט פון מצרים:

[יא] ויחל וגו׳ דער ספר דגל מחנה אפרים אונ דער ספר תפארת יונתן טייטשען אזוי ויחל משה את פני ה׳ וגו׳ משה האט אפ געשוואכט דעם צארין פון גאט ויאמר אונ ער האט געזאגט למה ה׳ צו וואס אונ צו וועמין וועסט דו זיין אגאט יחרה אפך בעמך ווען דיין צארין וועט גרימען אויף דיין פאלק. אונ נאך דער מאן זיך נאר אשר הוצאת מארץ מצרים וואס דו האסט זייא ארוים געצויגען פון מצרים אמקום טומאה. אונ זייא זענען שוין גיוועזן אזוי פיל אריין געטוען אין די טומאה אז דו האסט זיי געדארפט ארוים ציען בכח גדול וביד חזקה מיט אגרויסין כח אונ מיט אשטארקע מאכט פון די טומאה איז שוין קיין חידוש נישט וואס זייא ווערין ווייטער שלעכט: [יב] למה יאמרו מצרים לאמר טייטשט דער ספר תפארת יונתן אזוי. אונ אויך וועלין דיא מצרים זאגען אז די ישראל זענען ארוים געצויגען פון זייא פאר דיא צייט ווארום דיא ישראל

בדארפע׳

באדארפען זיין אין גלות פון וועגין זייא זאלין ווערין ניט . אונ אצונד זעהען מיר אז
ברעה ווען זיי זענין נאך אין זעהר שלעכטס הוציאם האט ער זייא ארויס געצויגען פון
אונז . איז דאך דאס נאך פאר דיא צייט . אונ דאס וואס דיא ישראל האבין מקבל
געוועזין די תורה איז דאס וייל להרוג אותם בהרים דוא האסט אויף זייא ארויף געלייגט
דעם בארג כיני אונ דו האסט צו זייא געזאגט אויב איהר וועט מקבל זיין די תורה איז
גוט אונ ווען ניט וועט איהר ווערין דא אינטער דעם בארג באגראבען. האבען זייא
דאך טורא גיהאט ולכלותם מעל פני האדמה דו וועסט זייא פאר לענדין פון דיא וועלט .
האבין זיי געמוזט מקבל זיין דיא תורה . אבער אין אמת זענען זייא נאך שלעכט
באדארפען זייא דאך נאך זיין אין מצרים איבער דעם שוב וגו' והנחם וגו' קער צוריק
פון דיין צארין אונ באדענק זיך צו גוטס אויף דיין פאלק : (יג) זכר וגו' רש"י שרייבט
משה זאגט צו גאט . וכה כסא של שלש רגלים אינו עומד לפניך בשעת כעסך
מיידעך אשטיל פון דרייא פיס . כלומר די ישראל וואס קומען ארויס פון דיא דרייא
אבות קענין נישט בייא שטיין אנטקעגין דיין כעס . זעהער זכות איז נישט מגין אויף זיי .
ק"ו לכסא של רגל אחד אכל שכן צו אשטיל פון איין פוס כלומר מיינע קינדער
וואס זעלין פון מיר זיין איז דאס נאר איין זכות וועט בוודאי נישט קענין באשטיין
אנטקעגין דיין כעס . היינט וואס זאגסט דו מיר דו ווילסט די ישראל פאר לענדען
אונ מיר משה צו מאכען צו אגרויס פאלק . אזוי שרייבט רש"י פון דיא גמרא (ברכות
דף לב) איז דאך דיא קשיא פאר וואס זענען זיינע קינדער נאר איין פוס . זיי קומען
דאך אויך ארויס פון די אבות איז דאך אויף זיי דא פיר זכותים פון דיא דרייא אבות
אונ פון משה . אונ נאך איז קשה וואס זאגט דא משה אין פסוק זכור לאברהם ליצחק
ולישראל עבדיך וואס באדארף ער זאגען דאס ווארט עבדיך דיינע קנעכט . נאר דיא
כוונה פון דעם איז אזוי . דיא משנה אין אבות (פרק א משנה ב) זאגט על ג' דברים
העולם עומד אויף דרייא זאכען וועגען איז די וועלט גישטעלט גיווארין על התורה וועגין
דעם מען זאל לערנען תורה ועל העבודה אונ וועגין עבודת הבורא ווען דער בית
המקדש איז גיוועזן. איז גיוועזן די עבודות מיט קרבנות אונ היינט איז דיא תפלה אויף
דעם ארט פון קרבנות דאס ווערט גערופען עבודה . ועל גמילות חסדים אונ פון וועגין
די מענטשין זאלין גומל חסד זיין איינער מיט דעם אנדערין . אונ מיר געפינען אז
אברהם איז גיוועזן אגומל חסד ער האט מכנים אורחים גיוועזן אונ זיי גיגעבין צו עסין אונ
צו טרינקען . יצחק איז גיוועזן אעובד השם ער איז גיוועזן מוכן ומזומן צו ווערין אקרבן
צו גאט . אונ יעקב איז גיוועזן איושב אוהל ער איז גיזעסין אין בית המדרש אונ גילערינט
תורה . אונ אויך איז אנטגעגין דעם ביי די כהנים איז דא עבודה . ביי די לוים איז דא
תורה אזוי וויא עס שטייט אין (דברים לג פסוק י) אויף שבט לוי יורו משפטיך ליעקב
ותורתך לישראל זיי לערנען דינים פון די תורה צו די ישראל . אונ ביי די ישראל
איז גמילות חסדים . אונ דאס זענען די דריי עמודים וואס אויף זיי שטייט די וועלט
דאס זאגט משה צו גאט זכור לאברהם ליצחק ולישראל גידענק צו די אבות . צו
אברהם וואס ביי אים איז גיוועזן גמילות חסדים אונ צו יצחק וואס ביי אים איז גיוועזן
עבודה . אונ צו יעקב וואס ביי אים איז גיוועזן תורה . אונ גידענק עבדיך דיינע קנעכט
כלומר צו די ישראל וואס ביי זיי איז אויך דא אלע דריי עמודים . ביי דיא כהנים
עבודה . ביי די לוים תורה . ביי די ישראל גמילות חסדים . זאלסט דו גאט זיי גידענקין
זעהער זכות אונ אויף זיי דער בארמען . אונ ווען דוא זאגסט אז דו ווילסט זיי פאר

לענדען

לֶענְדֶען. אוּנ זָאגְסְט מִיר דָאס אִיךְ וֶועל זַיין אַגְרוֹיס פָאלְק הָאבּ אִיךְ מוֹרָא מַייגֶעךְ דִיא
יִשְׂרָאֵל וָואס אִיז בַּיי זֵיי דָא אַלֶע דְבֵיי עַמוּדִים פוּן דֶעקְט וֶוענִין קֶענִין זֵיי נִישְׁט בַּייא
שְׁטֵיין אַנְטְקֶעגִין דַיין כַּעס. צַכָּל שֶׁכֵּן אִיךְ וָואס עֶס אִיז בַּייא מִיר נָאר אֵיין עַמוּד דָאס
אִיז דִי תּוֹרָה וֶועל אִיךְ גֶעווִיס נִישְׁט קֶענִין בַּאשְׁטֵיין: (כב) ויאמר אהרן וגו׳ וֶוען מֹשֶׁה
הָאט גֶעפְרֶעגְט צוּ אַהֲרן פַאר וָואס עֶר הָאט דָאס עֵגֶל גֶעמַאכְט הָאט אַהֲרן גֶעזָאגְט אל
יחר אף אדני דוּ בַּאדַארְפְסְט אוֹיף מִיר נִיט צֶערְנֶען אתה ידעת את העם דוּא ווייסְט
דָם פָאלְק כי ברע הוא עֶר אִיז אִין שְׁלֶעכְט. אִיז דָאךְ קָשֶׁה עֶר הָאט גֶעדַארְפְט צוּ זָאגִין
כי רע הוא עֶר אִיז שְׁלֶעכְט. וָואס זָאגְט עֶר ברע. אוֹיךְ גֶעשִׁיקְט זִיךְ נִישְׁט אַז אַהֲרן
דֶער רודף שלום זָאל אוֹיף זֵיי רֶעדִין שְׁלֶעכְטְס. נָאר אַהֲרן הָאט דָאס גִירֶעדְט אַזְכוּת
אוֹיף זֵיי. דָאס זֵיי זֶענִין אַזוֹי לַאנְג גִיוֶוען אִין אַמָקוֹם טוּמְאָה אִין מִצְרַיִם אִיז קֵיין חִידוּשׁ
נִיט וָואס זַייא הָאבֶּען נָאךְ אִין זִיךְ שְׁלֶעכְטֶע גִידַאנְקֶען. דָאס זָאגְט עֶר כי ברע הוא
זַייא זֶענֶען גִיוֶועז אִין אַשְׁלֶעכְט אָרְט. נִמְצָא אִיז דָאס אַזְכוּת אוֹיף זֵיי: (לא) וישב משה
אל ה׳ ויאמר אוּנ מֹשֶׁה הָאט צוּרִיק גִיקֶערְט צוּ גָאט אוּנ זָאגְט אנא אִיךְ בֶּעט דִיךְ חטא
העם הזה חטאה גדולה וגו׳ דָאס פָאלְק הָט גֶעזוּנְדִינְט אַגְרוֹיסֶע זִינְד. אִיז דִיא קַשְׁיָא
כשה רַבֵּינוּ קוּמְט בֶּעטִין אוֹיף זֵיי. זָאגְט עֶר נָאר זֵיי הָאבִּין גֶעזוּנְדִיגְט אַגְרוֹיסֶע זִינְד.
זָאגְט דֶער סֵפֶר אוהב ישראל אַזוֹי וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ טוּט אֵיין עֲבֵירָה אוּנ דֶער נָאךְ
וֶוען עֶר נֶעמְט דָאס אוֹיף זַיין גִידַאנְק. דָאס עֶר הָאט מוֹרֵד גִיוֶוען אִין מֶלֶךְ מַלְכֵי
הַמְלָכִים אוּנ הָאט עוֹבֵר גִיוֶוען אוֹיף זַיין רָצוֹן וָואס וֶוען עֶר וָואלְט גִיוֶוען גֶעטוּעֶן דֶעם
רָצוֹן הַבּוֹרֵא וָואלְט עֶר צוּ גֶעקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַעֲלָה אִין קְדוּשָׁה. אוּנ וֶוען עֶר
הָאט עוֹבֵר גִיוֶוען אִיז עֶר גְוָוארֶען אָפּ גֶערִיסִין פוּן שׁוֹרֶשׁ הַקְדוּשָׁה אוּנ עֶר אִיז אַרַיין
גֶעפַאלִין אִין דִי כחות הַטוּמְאָה ר״ל אִיז דָאךְ דֶער מֶענְטְשׁ זִיךְ פִיל מְצַעֵר אוּנ הָאט גְרוֹיס
קְרֶענְקוּנְג פוּן דֶעם. לְמָשָׁל וֶוען אֵיין גְרוֹיסֶער שַׂר זָאגְט צוּ אַמֶענְטְשׁ גֵייא אוּנ טוּה
מִיר דִיא זַאךְ. אוּנ וֶוען עֶר וֶועט דָאס טוּעֶן וֶועט אִים דֶער שַׂר כָּבוֹד אָן טוּעֶן אוּנ
וֶועט אִים זֶעצִין בַּאזַאמֶען מִיט דִי גְרֶעסְטֶע שָׂרִים אִין דִי שֶׁענְסְטֶע סַאלֶע אוּנ מֶען וֶועט
אִים גֶעבִּין מַייעֶרֶע מַאֲכָלִים וּמַשְׁקָאוֹת גְלַייךְ וִויא אַלֶע שָׂרִים. אוּנ וֶוען עֶר הָאט אָבֶּער
נִישְׁט גֶעטוּעֶן דֶעם רָצוֹן פוּן דֶעם שַׂר וֶוערְט דָאךְ דֶער שַׂר אוֹיף אִים אִין כַּעס אוּנ
לָאזְט אִיהְם נִיט אַרַיין אַפִילוּ אִין דִי עֶרְשְׁטֶע שְׁטוּבּ אַרַיין. מוּז עֶר אַרוֹם גֶעהְן אִין
קִיךְ וִויא דִי קְנֶעכְטִין מִיט דִי דִינְסְטֶען. אוּנ זֵיי שְׁלָאגֶען אִים אוּנ זֶענֶען אִים מְבַזֶה.
הָאט עֶר שׁוֹין פִיל חֲרָטָה וָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעטוּעֶן דֶעם רָצוֹן פוּן דֶעם שַׂר. אוּנ
דָאס קְרֶענְקוּנְג וָואס עֶר הָאט פוּן דֶעם וָואס עֶר אִיז נִיט זוֹכֶה צוּ זַיין אִין סַאלֶע מִיט
אַלֶע שָׂרִים גְלַייךְ דָאס אִיז שׁוֹין זַיין עוֹנֶשׁ. אַזוֹי אִיז דָא אוֹיךְ. דִיא חֲרָטָה אוּנ דֶעם
צַעַר וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הָאט פוּן דִי עֲבֵירָה דָאס אַלֵיין אִיז שׁוֹין זַיין עוֹנֶשׁ אוּנ דוּרְךְ
דֶעם וֶוערְט עֶר מְכוּפָּר. נָאר וֶוען אִיז דָאס אַז דִי חֲרָטָה אִיז בֶּאֱמֶת אוּנ אִיז מְקַבֵּל אוֹיף
ווייטֶער נִישְׁט אַזוֹי זִיךְ נוֹהֵג צוּ זַיין. דָאס זָאגְט מֹשֶׁה צוּ גָאט. אנא אִיךְ בֶּעט דִיךְ
חטא העם הזה חטאה גדולה דָאס פָאלְק הָאבִּין זִיךְ שׁוֹין בַּאקְלֶערְט דָאס זֵיי הָאבֶּען
אַגְרוֹיסֶען חֵטְא גֶעטוּעֶן. ויעשו להם אלהי זהב מִיט דֶעם וָואס זֵיי הָאבֶּען גֶעמַאכְט אֵיין
גֶעטְלִיכֶע זַאךְ פוּן גָאלְד. כְּלוֹמַר זֵיי הָאבֶּען בַּאקְלֶערְט דָאס זַייא הָאבֶּען אַגְרוֹיסֶען
פֶעלֶער גֶעמַאכְט זַייא הָאבֶּען זִיךְ אָפּ גֶעשֵׁייד פוּן דֶעם לֶעבֶּעדִיגֶען גָאט אוּנ הָאבֶּען
גֶעמַאכְט אַגָאלְדִיגֶעם גָאט. אוּנ דוּרְךְ דֶעם הָאבֶּען זַייא נִיט קֵיין זְכִיָה צוּ צִיעֶן אוֹיף
זִיךְ דִי קְדוּשָׁה. הָאבֶּען זַייא שׁוֹין פוּן דֶעם פִיל צַעַר אִיז שׁוֹין דָאס זֶעהֶער עוֹנֶשׁ בַּארְךְ

שוין דאס זיין זייער כפרה: וואָרום זיי וועלין שוין בוודאי מעהער נישט אזוי טוהן אונ וועלין זיך אפ היטען צו טוהן תמיד דיין רצון:

לג [א] וידבר ה׳ אל משה וגו׳ גאט רעדט צו משה לך עלה מזה אתה והעם וגו׳ גייא אויף פון דעם אָרט דו משה מיט דעם פאָלק אל הארץ אשר נשבעתי לאברהם ליצחק וליעקב אין דעם לאנד וואס איך האב געשוואָרען צו דיא אבות לאמר לזרעך אתננה איך האב געזאגט צו דיינע קינדער וועל איך איהר געבין. איז קשה עס האט באדארפט צוא שטיין לזרעם צו זייערע קינדער. נאך איז קשה וואס זאגט גאט צו משה גייא אויף דו אונ דאס פאלק צו דעם לאנד. אפער משה איז דאך נישט גיגאנגען קיין ארץ ישראל. נאר דער טייטש אין פסוק איז אזויא לאמר גאט זאגט צו משה דאס וואס איך האב געזאגט גייא אויף אין דעם לאנד. מיין איך נישט דוא אליין זאלסט אריין געהן אין דעם לאנד. נאר לזרעך צו דיינע קינדער אתננה וועל איך איהר געבין: [ו] ויתנצלו בני ישראל. דער רמז איז אויף תמיד ווען די ישראל זונדיגען ווערין זיי אויס גילערט את עדים זייער צירונג כלומר זייער קדושה. מהר חורב דורך דעם בארג דאס איז דער יצר הרע ווען מען הערט אים ווערט מען אן די קדושה. חורב פון דעם קומט ארויס אחורבן אויף דיא וועלט: [כג] והסרותי את כפי גאט זאגט צו משה איך וועל אפ טוהן מיינע הענד וראית את אחורי ופני וועסט דו מיך זעהן פון הינטען אונ פון פארינט. זאגט ווייטער גאט מיט וואס קענסט דו מיך זעהען דו זאלסט וויסען לא יראו אז עס ווערט נישט געוויזע: כלומר מיר גאט קען מען נישט זעהען. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק כי לא יראני האדם. קיין מענטש קען מיר נישט זעהן. וחי וואָרום בין איך דען אזוי ווי א מענטש וואס אויף אים קען מען זאגען דאס ער לעבט אבער ער איז געשטארבען. וואָרום ער איז א גשם אחומר. אים קען מען זעהען. נאר דער מענטש וואס האט נאך נישט דעם שכל האמת קען ער זיך איינרעדין ער זעהט גאט. אבער דו משה וועין איך וועל אפ טוהן מיינע הענד וואס איך טוה מיט זיי פאר דעקין מיין גרויסקייט צו ערקלערין. אונ דו וועסט מיר יוא קענין באקלערין באמאלס וועסט דו איינזעהן מיט שכל אז מען קען מיך נאר נישט זעהן. אזויא וויא ספרים שרייבען תכלית הידיעה דער עיקר ציל פון דעם קלערין אין געטליכקייט איז שלא נדע דאס מיר זאלין וויסען אז מען קען נאר נישט דער גייען אויף ריכטיג צו דער קלערין:

לד [ב] והיה וגו׳ דער אור פני משה טייטשט דעם פסוק אזוי על פי רמז מיר ווייסין דם דער יצר הרע לאזט נישט אפ דעם מענטש אויף איין רגע. ער וויל איהם אריין חאפין אין זיין נעץ. אונ ווען דער יצר טוב זאגט צום מענטש וואס טוהסט זיך מיט דיר. דיא ווייסט דאך דם די וועסט אייביג נישט לעבין אונ דיא וועסט דארפין אפ געבין דין וחשבון. גיט דער יצר הרע אענטפער עס איז נאך צייט אויף דיא עלטער צו נעמען זיך צו תשובה. אין דיא יונגע יארין בדארף מען זיך אביסיל לאזין וואול זיין. אונ דער נאך ווען דער מענטש ווערט שוין אזוי איין געוואוינט מיט דיא מעשים רעים איז איהם שוין שווער זיך אפ צו ציען פון זיי. איבער דעם דארף דער מענטש זעהן תיכף אין די יונגע יארין צו נעמען זיך צו תורה אונ צו עבודה. נאר נישט אן הייבין זיך צו לאזין אן ריידין פון יצר הרע. דאס זאגט דער פסוק והיה נכון לבוקר די זאלסט דיך מכין זיין באלד פריא מארגין דם איז אין דיא יונגע יארין צו עבודת ה׳. את מיט וואס קען מען זיך מכין זיין ועלית בבוקר אל הר סיני זאלסט אויף גיין

פריא מארגין אויף דעם בארג סיני כלומר אין די יונגע יארין זאלסטו אויף זיך מקבל זיין דעם עול התורה ווס זיא איז גיגעבין גיווארין אויף דעם הר סיני. אונ ווען דר יצר הרע וועט דיר זאגין דו ביסט נאך אין די יונגע יארין דוא האסט נאך נישט דעם רעכטין שכל צו משיג זיין די תורה. זאג איך דיר מענטש ונצבת לי שם אז דוא שטייסט ביי מיר אין הימיל כלומר דיין מדרגה איז זעהר גרויס אונ איך זאג דיר צוא על ראש ההר דם דו וועסט האבין צו שאפין אויף דעם קאפ פון יצר הרע וואס ווערט גירופין הר. דוא וועסט איהם מנצח זיין מיט דעם כח התורה: (ג) ואיש דער יצר הרע וואס וויל זיך שטארקין אויף דיר לא יעלה עמך ער וועט מיט דיר נישט אויף גיין דיך אן רעדין צו שלעכץ. וגם איש אונ אויך קיין מענטשליכע שטארקייט אל ירא בכל ההר וועט נישט ווערין גיוויזין אין די אלע כחות פון יצר הרע אנטקעגין דיר. אונ גאר דאס בארפסטו מענטש אויך זעהן גם הצאן והבקר די שאף אונ רינדער אל ירעו זאלין זיך נישט פאשען ביא דיר כלומר דוא זאלסט זיך נישט נאך געבין די תאוות אל מול ההר ההוא ווען דוא ווילסט זיך שטעלין אנטקעגין דעם יצר הרע: [יח] את חג המצות וגו׳ על פי רמז קען מען אזוי טייטשין דעם פסוק. ספרים שרייבין פון דיא גמרא וועגין אז דער יצר הרע ווערט גירופין חמץ. אזוי וויא דיא זאך וואס עס איז זויער ווערט דאס גיהויבין אין דיא הייך אזוי דער יצר הרע רעדט אן דעם מענטש ער זאל זיך האלטין בגאוה. אונ מצה איז ארמז אויף דעם יצר טוב. אונ אויך שטייט אין (תהלים צ פסוק י) ימי שנותינו בהם שבעים שנה אונזער לעבין בעולם הזה איז זיבציג יאר. אונ דאס איז ידוע אז צעהן ווערט גירופין איין צאהל. נמצא קען מען אן רופען דיא זיבציג יאר זיבין ערלייא צאהל יעדער צאהל פון צעהן יאר. אונ אויך שרייבין ספרים אז לעתיד לבא נאך תחיית המתים וועט שוין נישט זיין דער יצר הרע. דאס זאגט דער פסוק את חג המצות תשמור דוא מענטש זאלסט היטין דעם חג פון דיינע יארין זאלין נאר זיין מיט די הנהגה פון יצר טוב. שבעת ימים דיינע זיבין צעגער יארין תאכל מצות זאלסט דיא פאר ברענגען נאר מיט דעם דרך פון יצר טוב עוסק צוא זיין אין תורה ומצות אשר צויתיך איך טוה דיר דם בפעלין למועד פון וועגין דוא זאלסט זוכה זיין צו די באשטימטע צייט דם איז לעתיד לבוא חודש האביב נאך דעם ווען דיא וועסט ווערין אנייער גוף עס וועט זיין תחיית המתים אונ דוא וועסט ווערין פריש אויף גיוואקסין. כי בחודש האביב ווארום דאמאלס לעתיד לבוא נאך תחיית המתים יצאת ממצרים וועסטו זיין אוים גיצויגין פון ענגשאפט פון יצר הרע: [כה] לא תשחט וגו׳ דער אור פני משה טייטשט על פי רמז אזוי לא די נישטקייטין וואס עס קומט דורך דעם יצר הרע כלומר דיא תאוות רעות וואס צום סוף בלייבט דעם מענטש גאר נישט פון דיא אלע תאוות. אונ דאס קומט פון יצר הרע וואס לעתיד לבוא וועט ער זיין צו נישט תשחט זאלסטו זעהן איהם צוא שעכטין ער זאל אויף דיר נישט האבין קיין שליטה. דוא בדארפסט איהם אפילו אויף דיא מינסטע האר נישט הערין על חמץ אזוי וויא חמץ אין פסח איז אסור אפילו אזוי וויא אהאר גרויס. אזוי זאלין דיא שלעכטע גידאנקען פון דעם יצר הרע זיין ביי דיר אסור. אונ מיט וואס קענסטו איהם מנצח זיין. דוא זאלסט צוא זיך אליין זאגין דם בלוט זבחי פון מיין שעכטונג. כלומר אצונד ווילסט דיא יצר הרע מיר אן רעדין צו שלעכץ. אונ דער נאך וועסטו ווערין אויף מיר אמלאך המות אונ וועסט מיך שעכטין. אונ עס קען נאך זיין דם ער וועט נישט פול ווארטין נאר ולא ילין

לבוקר

לבוקר היינט ביא נאכט קען ער נאך חלילה מטית זיין אונ וועט נישט קענען איבער נעכטיגין דיא נאכט לעבעדיג דאס ער זאל אויף שטיין צו פריא מארגין. אויך איז דיא כוונה דער יצר הרע מיט זיינע שלעכטע אן רעדונג קען ער נאך חלילה דעם מענטש מאבד זיין פון ביידע וועלטין. דאס איז דיא כוונה דם זבחי דאס בלוט וועט ווערין פאר גאסין בעולם הזה אונ ולא ילין ער וועט נישט גענעכטיגין במנוחה אין קבר לבוקר דאס ער זאל קענען האבין עולם הבא. ווען דיא מענטש וועסט דאס בקלערין מיט שכל זבח וועסט דו גיווים זעהן צו שעצטין חג הפסח דעם יצר הרע ווס ער רעדט דיר אן צו מאכין אלע טאג יום טוב מיט תענוגים. אונ דער נאך שפרינגט ער אליין א: איז מסטין אויף דיר אין הימיל: [כט] ויהי ברדת משה וגו' דער נועם אלימלך טייטשט אונ אז משה איז גיקומען צו דיא גרויסע מדרגה דס איז ענוות. איז די כוונה ברדת משה. משה איז גיוועזן ביא זיך אראפ גינידערט ער האט זיך גיהאלטען שפל כהר סיני מער נאך וויא דער הר סיני וואס דער הר סיני האט זיך אויך גיהאלטען שפל. ווען דער השי"ת האט גיוואלט געבין די תורה זענען גיקומען אלע הויכע בערגער. זייא האבין זיך גיהאלטין בגאוה אונ האבין זיך איין גירעדט דאס גאט וועט קוקן אויף זייער הויכקייט אונ וועט אויף זייא געבין דיא תורה. אונ דער הר סיני הט זיך גיהאלטן שפל איז ער נישט גיקומען. אונ וויל גאט הט פיינט דעם וואס האלט זיך בגאוה הט גאט אויף זייא נישט גיגעבין דיא תורה נאר אויף דעם הר סיני דער שפל. אונ משה איז נאך גיוועזן מער שפל אונ עניו ביא זיך. איבער דעם האט ער זוכה גיוועזן צו דיא גרויסקייט ושני לוחות העדות ביד משה דס ער הט גינומען דיא לוחות אין זיין האנד ברדתו מן ההר ער איז גיוועזן נאך מער ביא זיך עניו וויא דער הר סיני אויך איז דיא כוונה ברדתו מן ההר ער איז גיוועזן אפ גינידערט פון דעם יצר הרע וואס ווערט גירופין הר ער האט ביא זיך נישט גיהאט דעם יצר הרע ומשה לא ידע כי קרן עור פניו אונ פון גרוים ענוות האט ער זיך נישט גיהאלטין אזוי גרוים דס עס זאל פון איהם שיינען. נאר ער האט גימיינט אז דאס איז פון גאט בדברו אתו ווען גאט האט מיט איהם גירעדט איז פון גאט גיגאנגען אליכטיגקייט אויף איהם. אבער פון איהם אליין שיינט נישט:

# פרשת ויקהל

לה [א] ויקהל וגו' לעשות אותם דער ילקוט זאגט אמר הקב"ה למשה גאט האט גיזאגט צו משה עשה לך קהלות גדולות מאך דיר פול איין זאמלונג עס זאלין זיך פול מענטשין פאר זאמלען אין דיא בתי מדרשים אריין אונ דער תלמיד חכם פון זיי זאל פר זייא דרשנן די דינים מכאן אמרו משה תיקן להם לישראל פון דעם האבין די חכמים גיזאגט אז משה הט מתקן גיוועזן צו די ישראל שיהיו דורשים בענינו של יום הלכות פסח בפסח וכו' דס זיי זאלין דרשנן דיא דינים פון פסח. פאר פסח אונ אויך אלע דינים פאר יעדערין יו"ט אונ שבת. דאס איז דיא כוונה אין פסוק ויקהל משה וגו' משה האט גימאכט פול קהלות זיי זאלין זיך יעדער קהילה פר זאמלען אין איהר בית המדרש אונ דיא תלמידי חכמים זאלין פאר זיי דרשנן ויאמר אליהם אונ משה האט צוא זייא גיזאגט אלה הדברים דיא דאזיגע רייד וואס איך טוה וואס איך בין מקהיל קהילות איז דאס נישט פון מיר נאר אשר צוה ה' לעשות

אותם גָאט הָאט דָאס בַּפוילִין צוא טוּעֶן אַזוי תָּמִיד . אויךְ אִיז דִיא כַּוָונָה ויקהל וגו׳
משֶׁה הָאט זַייא אַלֶע פַר זַאמִילְט אוּנ הָאט זַייא גִיזָאגְט זַייא זָאלִין זַיין באחדות מִיט
שָׁלום אֵיינֶער מִיט דֶעם אַנְדֶערְן . אוּנ הָאט זַייא גִיזָאגְט אַז דָאס פַ״ זַאמְלוּנְג צוּ זַיין
מִיט אַחְדוּת הָאט דָאס גָאט בַּפוילִין אויף תָּמִיד אַזוי צוּ טוּעֶן . אויךְ אִיז דָא אִין מִדְרָשׁ
אַז עֶס אִיז דָא אִין דִיא תּוֹרָה זֶעקְס מָאל הוּנְדֶערְט טויזִינְד וֶוערְטֶער אַנְטְקֶעגִין דִיא
זֶעקְס מָאל הוּנְדֶערְט טויזִינְד בְּנֵי יִשְׂרָאֵל . אוּנ יֶעדֶער יִשְׂרָאֵל אִיז מוּשְׁרָשׁ אִין אֵיין
אות פוּן דִיא תּוֹרָה . אִיבֶּער דֶעם בַּדַארְף יֶעדֶער יִשְׂרָאֵל זִיךְ צוּ הַאלְטִין אִין דִי תּוֹרָה
הַקְדוֹשָׁה אִיהר צוּ לֶערְנֶען אוּנ צוּ טוּעֶן אִיהְרֶע מִצְוֹת פוּן וֶועגִין עֶר זָאל חָלִילָה נִישְׁט
וֶוערִין אָפּ גֶערִיסִין פוּן אִיהר שׁוֹרֶשׁ . דָס אִיז אויךְ מְרוּמָז אִין דֶעם פָּסוּק ויקהל וגו׳
משֶׁה הָט זֵיי אַלֶע שִׁשִׁים רִיבּוֹא יִשְׂרָאֵל אֵיין גִיזַאמִילְט ויאמר אליהם אוּנ הָט צוּ זַייא
גִיזָאגְט אלה דִיא דָאזִיגֶע מֶענְטְשִׁין כְּלוֹמַר אִיהר שִׁשִׁים רִבּוֹא יִשְׂרָאֵל הדברים אִיז דָאס
אַנְטְקֶעגִין דִיא רֵייד פוּן דִי תּוֹרָה . אִין אִיהר אִיז דָא שִׁשִׁים רִבּוֹא אוֹתִיוֹת אשר צוה
ה׳ אִיבֶּער דֶעם הָאט גָאט בַּפוילִין לעשות אותם מֶען זָאל טוּעֶן אַלֶע רֵייד פוּן דִיא
תּוֹרָה מֶען אִיז נִישְׁט יוֹצֵא מִיט דֶעם לֶערְנֶען אַלֵיין נָאר מֶען בַּדַארְף צוּ טוּעֶן דִיא
מִצְוֹת בְּפוֹעַל : [ב] ששת ימים תעשה מלאכה זֶעקְס טֶעג וֶועט וֶוערִין גִיטוּעֶן דַיין
מְלָאכָה דוּרְךְ אַנְדֶערֶע . אִיבֶּער דֶעם שְׁטֵייט נִיט תַּעֲשֶׂה דוּ זָאלְסְט טוּעֶן . וָוארוּם דִי
גְמָרָא זָאגְט בזמן שישראל עושים רצונו של מקום מלאכתן נעשית ע״י אחרים וֶוען
דִיא יִשְׂרָאֵל טוּעֶן דֶעם רָצוֹן פוּן גָאט וֶוערְט זֵייעֶר אַרְבֵּייט גִיטוּעֶן דוּרְךְ אַנְדֶערֶע וביום
השביעי אוּנ אִין דֶעם זִיבֶּעטִין טָאג יהיה לכם זָאל זַיין דָאס וָוס עֶס גִיהֶער צוּ אַייךְ
כְּלוֹמַר דָס וָוס אִיהר עֶסְט אוּנ טְרִינְקְט קודש זָאל דָאס זַיין הֵיילִיג פוּן גָאטְס וֶועגִין
שבת שבתון אוּנ דָס וָוס אִיהר רוּעֶט אוּם שַׁבָּת להי׳ זָאל דָאס נָאר זַיין פוּן גָאטְס
וֶועגִין נִישְׁט פוּן וֶועגִין גוּף . רש״י שַׁרֵייבְּט עֶר זָאגְט זַייא אָן דִיא דִינִים פוּן שַׁבָּת
פַאר דִיא דִינִים פוּן דִיא מְלָאכוֹת פוּן מִשְׁכָּן זֵיי זָאלִין ווִיסִין אַז דִיא מְלָאכוֹת פוּן מִשְׁכָּן
אִיז נִישְׁט דוֹחֶה שַׁבָּת . אִיז דִיא כַּוָונָה וַוייל שַׁבָּת אִיז אַנְטְקֶעגִין עוֹלָם הַבָּא אוּנ פוּן
דֶעם תַּעֲנוּג שַׁבָּת קֶען דֶער מֶענְטְשׁ מַרְגִישׁ זַיין דֶעם תַּעֲנוּג פוּן עוֹלָם הַבָּא . נִמְצָא וֶוען
דֶער מֶענְטְשׁ הָאט דִיא הַשָּׂגָה דָאס מַרְגִישׁ צוּ זַיין . אִיז בַּייא אִיהם דִיא גַאנְצֶע עוֹלָם
הַזֶה מִיט אִיהְרֶע אַלֶע תַּעֲנוּגִים גָאר נִישְׁט חָשׁוּב . קֶען עֶר בַּייא זִיךְ פוילִין צוּ גֶעבִּין
צְדָקָה אוּנ נְדָבוֹת אויף דְבַר מִצְוֹת . דָאס הָאט משֶׁה זֵיי פְרִיעֶר פַאר זָאגְט פוּן גָאטְס
וֶועגִין דֶעם דִין פוּן שַׁבָּת וָואס דָאס אִיז מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא . וֶועלִין זַייא דוּרְךְ דֶעם וֶועלִין
גֶעבִּין נְדָבוֹת אויף דֶעם מִשְׁכָּן . וָוארוּם דָאס אִיז אויךְ פוּן עוֹלָם הַבָּא . דֶער תַּעֲנוּג פוּן
עוֹלָם הַבָּא אִיז רוּחְנִיּוֹת אוּנ אִין מִשְׁכָּן אִיז אויךְ גִיוֶועזְן אַתַּעֲנוּג רוּחְנִי . נָאר פוּן דֶעסְט
וֶועגִין אִיז דִיא מְלֶאכֶת הַמִּשְׁכָּן נִישְׁט דוֹחֶה שַׁבָּת כל העושה בו מלאכה יומת וֶוער
עֶס טוּהְט אוּם שַׁבָּת אַמְלָאכָה אֲפִילוּ פוּן וֶועגִין מִשְׁכָּן וֶוערְט עֶר גִיטֵייט . נָאר פוּן
דֶעסְטְוֶועגִין אִיז דָאס גְרִינְגֶער ווִיא עֶר טוּהְט פַר זִיךְ אַמְלָאכָה . וָוארוּם וֶוען דֶר מֶענְטְשׁ
טוּהְט פַאר זִיךְ אַמְלָאכָה אוּם שַׁבָּת שְׁטֵייט אִין (פ׳ תשא ל״א פָּסוּק טו) מות יומת עֶר
וֶוערְט צְווֵיי מָאל גִיטֵייט . כְּלוֹמַר פוּן עוֹלָם הַזֶה אוּנ פוּן עוֹלָם הַבָּא . אוּנ וֶוען עֶר טוּהְט
אַמְלָאכָה פוּן וֶועגִין מִשְׁכָּן וֶוערְט עֶר נָאר גִיטֵייט פוּן עוֹלָם הַזֶה אָבֶּער נִיט פוּן עוֹלָם הַבָּא .
וָוארוּם זַיין כַּוָונָה אִיז גִיוֶועזִין פוּן וֶועגִין מִשְׁכָּן נִישְׁט פַר זִיךְ : [ג] לא תבערו אש בכל
מושבותיכם ביום השבת עַל פִּי רֶמֶז זָאגְט אָן דֶר פָּסוּק זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן אוּם שַׁבָּת וֶוען זֵיי
זַענֶען אָפּ גִירוּעֶט זֵיי זִיצְן לֵיידִיג פוּן דִי אַרְבֵּייט זָאל בַּיי זֵיי נִישְׁט בְּרֶענֶען דָם פַייעֶר פוּן מַחְלוֹקֶת :

ויאמר

(ד) ויאמר משה וגו׳ אין דעם פסוק שטייט צוויי מאל לאמר. אויך אויף דיא ווערטער פון פסוק זה הדבר אשר צוה ה׳ לאמר. שטעלט צו רש״י הקדוש איין ווארט לי גלייך וויא עס וואלט געשטאנען אין פסוק אשר צוה ה׳ לי לאמר. זאגט דער אור פני משה אונ נאך ספרים די כוונה איז אזוי. משה זאגט צו די ישראל לאמר זיי זאלען איינער דעם אנדערען זאגען זה הדבר וגו׳ דאס איז דיא זאך וואס גאט האט בפוילין צו טוען. אונ אפשר וועט דער אנדערער זאגען צו אים ווער האט דאס דיך געמאכט פאר אמוכיח מיך צו שטראפען אונ מיר צו זאגען מוסר אויף דעם שטעלט רש״י צו דאס ווארט לי לאמר. כלומר גאט האט מיר באפוילין דיר צו זאגען מוסר וויא אין פסוק שטייט הוכח תוכיח וגו׳ מען דארף דעם אנדערין זאגען תוכחה ומוסר. נאך איז די כוונה אין דעם פסוק. משה רבינו קומט אראפ פון הר סיני אונ זאגט צו די ישראל זייא זאלען מאכען א משכן אונ מיט דעם ווערט זיי ווערין פר געבין דער חטא פון עגל. איז די ישראל דאס געוועזען זעהער קשה. וויא קען דאס זיין אז אזוי א גרויסע עבירה פון עבודה זרה זאל ווערין מכופר דורך דעם וואס זיי וועלין געבין נדבות אויף דעם משכן. דרום ויאמר וגו׳ זאגט צו זיי משה רבינו אמת עס איז טאקע א גרויסע עבירה. נאר פון דעסט וועגין האב איך אויף אייך ממליץ געוועזען לאמר איך האב געזאגט זה הדבר אשר צוה ה׳ דער ערשטער דיבור פון די עשרת הדברות וואס דס איז אנכי ה׳ אלהיך וגו׳ איך בין דיין גאט. האט דאס גאט געזאגט מיט א לשון יחיד האט ער נאר דס געמיינט צו מיר. דאס מיינט רש״י הקדוש מיט דעם ווארט לי לאמר ער האט דאס נאר צו מיר געזאגט. אונ ניט צו אייך איבער דעם קענט איהר האבען א כפרה. נאך איז די כוונה אשר צוה ה׳ אין וויא רש״י זאגט לי לאמר. כלומר איך גיב נאר ניט נאר איך זאג. אין איהר: (ה) קחו מאתכם תרומה לה׳ איהר זאלט נעמען פון אייער געלד איין אפ שיידונג פון גאטס וועגען. כל נדיב לב יביאה את תרומת ה׳ וגו׳ יעדער וואס זיין הארץ באוויליגט אים צו געבין זאל ער אליין ברענגען דם אפ שיידונג פון גאטס וועגין. איז דאך די קשיא אין (פרשת תרומה פסוק ב) שטייט דאך מאת כל איש אשר ידבנו לבו תקחו את תרמתי פון יעדען מענטש וואס זיין הארץ באוויליגט אים זאלט איהר (כלומר די גבאים) נעמען ביי זיי תרומה פון וועגען משכן. אונ אצונד זאגט ער זייא. דאס זייא זאלען ברענגען. נאר דער תירוץ איז אצונד איז דאך געוועזען נאך די מעשה פון עגל וואס זייא האבען אליין געברענגט דאס גאלד צו מאכען דאס עגל. איבער דעם בדארפין זיי אליין צוא ברענגען אצונד נדבות פון וועגין משכן וועט דאס מכפר זיין אויף דעם פריערדיגען ברענגעניש. אונ על פי רמז טייטשט דער אור פני משה אזוי קחו מאתכם: נעמט זיך אראפ א מוסר פון אייך מענטשען אליין. ווען איינער איז פוגע בכבוד אין דעם אנדערן. אונ ער בדארף צו אים ער זאל אים טוען א טובה. קען ער געווים ניט רוען ביז ער איז דעם מענטש כפיים ער זאל אים מוחל זיין. אבל שכן תרומה לה׳ בדארפט איהר מענטשען זעהען זיך צו דער הייבען צו גאט אונ אים בעטין ער זאל אייך מוחל זיין אויף אייערע עבירות. אונ ווען וועט ער אייך מוחל זיין אז תרומה לה׳ ווען איהר וועט זיך אפ שיידען פון די מותרות עולם הזה. אונ איהר וועט זיך נאר דער הייבען צו געטליכע זאכען צו תורה ומצות וועט ער אייך מוחל זיין. אונ אויך כל נדיב לבו יעדער וואס זיין הארץ באוויליגט אים צו טוען תפלה צו גאט ער זאל אים מוחל זיין. זאל די כוונה ניט זיין פון וועגען דעם גוף ער זאל ניט ווערין גישטראפט מיט יסורים. נאר יביאה ער זאל די תפלה ברענגען את תרומת ה׳ פון וועגען אויף הייבען געטליכקייט

די כוונה זיינע זאל נאר זיין גאט זאל אים מוחל זיין אויף זיינע פריערדיגע עבירות וועט ער זיך קענין נעמען צו תורה אונ מצות. אונ ווען דער עיקר כוונה פון זיין תפלה איז נאר ער זאל קענין דער נאך זיין אעובד ה׳. זאגט דער פסוק מעג ער שוין מכוון זיין אביסיל אין זיין תפלה פון וועגין זהב וכסף ונחשת ער זאל האבען פאר מעגען ער זאל האבען כח צו לערנען תורה אונ צו טוען מצות: [י] וכל חכם לב בכם אונ יעדער פון אייך וואס ער האט אקלוג הארץ יבואו זיי וועלין אליין קומען ויעשו אונ וועלין אליין מאכען את כל אשר צוה ה׳ אלס וואס גאט האט באפוילין. כלומר איהר זאלט נישט מקנא זיין זיך אונ זיי אונ נישט מיט זיי קריגען. דאס איהר וועט וועלין זאגען איר זענט אויך קליג זאג איך אייך אסימן. זיי וועלין אבער ריכטיג צו טרעפען צו גאטס באפעל:

[כא] ויבאו וגו׳ דער מלבים טייטשט דעם פסוק אזוי. דאס איז ידוע אז דער עיקר נדבת המשכן איז גיוועזן דאס וואס דאס הארץ האט באוויליגט צו געבין דיא נדבה מיט דעם גאנצען רצון אונ מיט חשק. אונ צווישען די ישראל איז גיוועזין עניים וואס זיי האבען נאר נים געהאט קיין פאר מעגין צו געבין אנדבה. נאר אבער זייערע געדאנקען איז גיוועזן באוויליגט מיט פיל חשק אונ לוסט עפים צו געבין פון וועגין משכן. אונ דאבען ביי זיך געטראכט. ווען זיי וואלטען גיוועזן עשירים וואלטען זיי דעם גאנצען משכן פון זייער געלד געמאכט מיט אלע כלים. אונ גאט ברוך הוא וואס ער ווייסט אלע מחשבות האט מקבל גיוועזין דעם היילינגען געדאנק פון זיי גלייך וויא זיי וואלטען גינעבין נדבות אויף דעם גאנצען משכן מיט זיינע כלים. האבען זיי דאך נאך גיהאט מעהר חשיבות פון דיא עשירים. ווארום די וואס האבען גינעבין נדבות האבען זיי דאך נאר גינעבין גאלד זילבער יעדער אביסעל. אבער די כוונה פון די עניים איז דאך צו מאכען דעם גאנצען משכן איז גיוועזן פאר רעכינט ווי זיי האבען געמאכט דעם גאנצען משכן מיט אלע כלים.

דאס זאגט דער פסוק ויבאו כל איש יעדער מענטש איז געקומען אונ האט געברענגט אשר נשאו לבו די נדבה וואס זיין הארץ האט איהם דר הויבן צו געבין. דר גאלד דר זילבר אבר וכל אשר נדבה רוחו דר וואס הט נישט פר מאגט צו ברענגען גאלד אדער עפעס אנדערש נאר זיין גידאנק איז גיוועזן באוויליגט צו געבין געלד צו מאכין דעם גאנצין משכן מיט זיינע כלים ווען ער וואלט נאר קענען איהם אזעלכין מענש הביאו את תרומת ה׳ למלאכת אוהל מועד וגו׳ איז גיוועזן ביא גאט גירעכינט גלייך ווי ער הט גיברענגט נדבות פון וועגין גאנצין משכן מיט אלע כלים: [כה] וכל אשה וגו׳ דר אור פני משה טייטשט אזו על פי רמז די נשמה ווערט גירופין אשה זאגט דר פסוק וכל אשה אונ יעדערע נשמה חכמת לב זי קען מאכען קלוג דם הארץ פון מענש ער זאל זיך שטארקין איבר דעם יצר הרע זי בדארף דעם מענש זאגין בידיה פון וועגין די הענד וואס זיי שפינען צו זאמען די עבירות פון מענש אונ התמנן זיי אין הימיל אלע נאכט. איבר דעם בדארף ער זעהן ויביאו די הענד אליין זאלין ברענגען ממוה אשפינעכין את התכלת פון די מצות וואס די טיעכין פון זיי גרייכט צום כסא הכבוד וואס איז גלייך צו תכלת אונ ואת הארגמן ער זאל מנצח זיין דעם יצה״ר וואס רעדט אן דעם מענש נישט צו לערנען תורה אונ נישט אוים געבין געלד אויף מצות ווארום מען דארף דאך האבין פרנסה פון וואס זיך צו שפייזין. דס איז די כוונה אין דעםווארט הארגמן דאס מאכט הארג־מן מען דארף הרגנן דעם יצר הרע וואס ער וויל נאר דעם מענטש באזארגין מיט שפייז. אונ מיט וואס קען מען איהם מנצח זיין את תולעה דר מענטש בדארף זיך ברעכינען דר סוף פון איהם וועט זיין עס וועט פון איהם ווערין ווערים אין קבר השני ער ווערט דארט נאר פאר ענדערט. היינט וואס גיצט איהם די מותרות אונ אויך בדארף דר מענטש זיך ברעכינען ואת השש דם

נאם איז אין אלע זעקס זייטין פון דיא וועלט . אויף דעם הימיל אונ אויף דיא ערד אין אלע פיער זייטין :

לו (ד) ויבואו וגו׳ דער אור פני משה טייטשט על פי רמז אזוי ויבואו כל החכמים אונ זיי קומען די אלע קלוגע אברים אין דיא גידאנקין פון מענטש העושים את כל מלאכת הקודש וואס זיי טוען די היילינע מלאכה זיי זענען עוסק אין די תורה אונ טוען מצות איש איש ממלאכתו אשר המה עושים יעדער אבער אין גידאנק פון זיין היילינע מלאכה וואס זיי טוען . ווען דער יצר הרע קומט צום מענטש אונ זאגט איהם וואס טוהסט זיך עפעס מיט דיר דו לאזט דיינע שוואכע אברים אגאנצע טאג נאר עוסק זיין אין דיא תורה . דיא וועסט זיך נאר זיי פאר מאטערין . דו בדארפסט אביסיל גיין שפאצירין זיך אפ צו רוען . אונ אויך בדארפסטו דאך עפעס זעהן צו זארגין וועגין פרנסה . אונ ווען די היילינע קלוגע גידאנקין הערין דם קומען זיי : (ה) ויאמרו אל משה דער יצר טוב ווערט גירופין משה וויל משה איז טייטש אויס ציען . אונ דער יצר טוב ציהט אויס דעם מענטש פון דעם יצר הרע . זאגין די קלוגע אברים מיט זייערע היילינע גידאנקען צום יצר טוב לאמר עס זאגט זיך עפעס מרבים העם להביא אז מיר אברים מעגין צו פול צו ברענגען מדי העבודה למלאכה מער וויא מען בדארף עובד זיין אין דיא מלאכה פון תורה ומצות אשר צוה ה׳ לעשות אותה גאט הט נאר בפוילין איהר צו טוען אבער ניט מהמיר זיין נאך מער וויא עס שטייט אין דיא תורה . אזוי זאגט אונז דער יצר הרע . האבין מיר דאך מורא טאמער ביסליך וויים וועט ער אונז חלילה אראפ פירין אין גאנצין פון דיא תורה ווארום אזו איז דער מנהג פון דעם יצר הרע . אצונד זאגט ער אז די חומרא איז איבריג . דר נאך די אנדערע איז איבריז . ביז צום סוף זאגט ער גאר אז די גאנצע מצוה איז איבריג . איבער דעם זיי אונז צו הילף :

(ו) ויצו משה בפעלט דער יצר טוב ויעבירו קול במחנה דאס דיא אברים זאלין דורך פירין אין זיי אקול לאמר זיי זאלין זיך זאגין איש ואשה אל יעשו עוד מלאכה לתרומת הקודש דאס נאך זייער טויט וועלין זיי גאר ניט קענין טוען קיין מצות . אונ ווען זייא וועלין זיך נישט אז גרייטין בעולם הזה וועט דאך זיין ויכלא העם מהביא דאס דיא אברים וועלין חלילה פר מיטין זיין צו קומען לעולם הבא . איבער דעם בדארף מען זיך זעהן וואס צום מיינסטין אן צו גרייטין מצות בעולם הזה : (ז) והמלאכה וגו׳ אונ זאלין נישט זארגין אויף פרנסה ווארום דיא מלאכה וואס זיי וועלין טוען אין די תורה היתה דים לכל המלאכה זיא וועט מאכין גיניג צו זייערע אלע מלאכות עס וועט אריין קומען אין זיי די ברכה ווען אויך זיי וועלין נאר אביסיל עוסק זיין אין דיא פרנסה לעשות אותה אונ אויך זאל זיין די עיקר כוונה פון זיין עוסק זיין אין די פרנסה נאר וועגין ער זאל קענען טוען דיא תורה מיט איהרע מצות . וועט איהם טאקע גאט מצליח זיין אז ער וועט האבין פרנסה והותר אונ דער שכר וועט איהם נאך בלייבין לעולם הבא :

# פרשת פקודי

לח (כא) אלה וגו׳ על פי רמז טייטשט דער אור פני משה אזוי דער מדרש זאגט אויף דעם פסוק (איכה קפיטיל א׳ פסוק ט״ז) על אלה אני בוכי׳ איז די כוונה אויף דעם חטא פון עגל וואס זיי האבין גיזאגט דאס ווארט אלה דאס איז דיין גאט ווענ

דעם טוהט מען זייגען וואָרום דס האָט אויך גורם געוועזען צו דעם חורבן בית המקדש אזוי ויא עס שטייט אין פסוק (שמות לב פסוק לד) וביום פקדי ופקדתי עליהם חטאתם אין דעם טאָג ווס איך וועל אויף זיי בפעלין שטראָף וועגין אנדערע עבירות וועל איך אויך בפעלין שטראָף וועגין דעם זינד פון עגל. נאָר ווען עס וואָלט זיין שלום צווישין דיא ישראל געפינען מיר אין פסוק (הושע ד פסוק יז) חבור עצבים אפרים הנח לו ווען אויך שבט אפרים האָבין געמאַכט בילדער צו די עבודה זרה נאָר וויל זיי זענען געווען מחובר איינער מיט דעם אנדערין באחדות אונ מיט שלום האָט איהם גאָט געלאָזט זיין בארוהט. נאָר אין ירושלים געפינען מיר איז געווען שנאת חנם האָט דס גורם געווען צו דער וועקין דעם חטא פון עגל עס זאָל ווערין חרוב דער בית המקדש ווס די כוונה פון בית המקדש איז נאָר געוועזין פון וועגין די ישראל זאָלין זיין מיט אחדות. דס זאָגט דער פסוק אלה דער חטא פון עגל ווס עס שטייט דער בייא דס וואָרט אלה האָט גורם געווען פקודי המשכן דס דער משכן דס מיינט מען דער בית המקדש אזוי ווי רשי שרייבט דאס ער איז געוואָרין חרוב צוויי מאָל ער איז גינומען געוואָרין פאר אמשכון פון וועגין די עבירות פון די ישראל. זאָגט ווייטער דער פסוק איהר ישראל זאָלט נישט זאָגין ווען דער בית המקדש איז חרוב איז שוין נישט דאָ בייא אייך די שכינה אונ האָט שוין נישט וואָס צו האָפין אויף די גאולה. זאָג איך אייך משכן העדות איהר האָט די תורה צו אמשכון אז די שכינה איז בייא אייך. אונ דורך דעם זכות פון דיא תורה וועט איהר ווערין אויס געלייזט אונ אויך אשר פקד איהר וועט ווערין באפוילין צו אגאולה על פי משה דורך משה אזוי ווי ספרים שרייבן אז משה איז נקבר געוואָרין אויף דער זייט פון ירדן פון וועגין ער זאָל צריך ברענגין דיא ישראל פון גלות קיין ארץ ישראל עבודה הלוים די עבודה וואס דיא לוים האָבין עובד געווען אין בית המקדש זאָלט איהר דס עובד זיין אין גלות. אונ איהר זאָלט נישט פרעגין אז דער בית המקדש איז חרוב וויא אזוי קען מען טוען די עבודה. זאָגט דר פסוק גאָט מיינט נישט דווקא עבודה מיט קרבנות נאָר מיט דיא קערנר צו געבין צדקה צו טוען מצות ומעשים טובים איתמר אונ צו זאָגין תפלה אונ צו לערנען תורה בן אהרן אונ עס זאָל זיין בייא אייך שלום אזוי ווי אהרן איז געווען ארודף שלום. דאמאָלס קענט איהר יעדר באזונדר זיין אכהן אבאדינר צו גאָט אעובד עבודת ה׳ אונ דורך דעם וועט קומען די גאולה:

לט [סב] ככל אשר צוה ה׳ כן עשו וגו׳ ווען די ישראל האָבין גיקאנטשיט די ארבייט פון משכן אונ האָבין די אלע זאכן גיברענגט צו משה זיי האָבין גיוואָלט אז עס זאָל נאָר ווערין גירופין אויף זיין נאָמען דר משכן מיט די כלים ווס משה האָט גימאַכט. אונ ווען זיי האָבין די זאכן גימאַכט האָבין זיי אלץ גיזאָגט אזוי ווי גאָט האָט בפוילין צו משה אזו בדארפן מיר מאַכן:

[סג] וירא משה את כל המלאכה וגו׳ אונ ווען משה האָט גיזעהן דס זיי האָבן גימאַכט די גאנצע מלאכה פון משכן אונ הערט ווי זיי זאָגין אלץ ווס משה האָט זיי גיהייסין האָבען זייא גימאַכט. משה איז דאך אבר גיווען דר גרויסר עניו האָט ער דס נאָר נישט גיקענט הערין. נאָר ער האָט גיזאָגט כאשר צוה ה׳ כן עשו אזו ווי גאָט האָט בפוילין אזו האָבן זיי גיטאָן ויברך אותם משה אונ משה האָט זיי גיבענטשט. השי״ת זאָל זיך אויף אונז מרחם זיין אונ ברענגען די גאולה במהרה בימנו אונ מיר זאָלין זוכה זיין צו דעם בנין בית המקדש אמן: